STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02692

YUNGER HISTORIKER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יונגער היסטאָריקער

שריפטן פון אַקאַדעמישן סעמינאַר פאַר יידישער
געשיכטע אין וואַרשע — ביים יידישן וויסנשאַפט־
לעכן אינסטיטוט אין ווילנע

צווייטער באַנד

וואַרשע — 1929

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

רעדאקציע: ד״ר רפאל מאהלער

Printed in Poland

JUNGER HISTORIKER
Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

אינהאַלט:

זייט

ד״ר רפאל מאַהלער — אחד־העמס פילאָסאָפיע פון דער יידישער געשיכטע און קולטור 5

ד״ר ע. רינגעלבלום — בייטראָגן צו דער ווירטשאַפטלעכער געשיכטע פון די מאַזאָווישע יידן 24

מאַגיסטער בעלאַ מאַנדעלסבערג — לובלינער יידישע האַנטווערקער און די שטאָט־צעכן 54

ד״ר רפאל מאַהלער — סטאַטיסטיק פון יידן אין דער לובלינער וואָיע־וואָדסטווע אין די יאָרן 1764 — 1765 (מיט סטאַטיסטישע טאַבעלעס צום סוף פון אַרטיקל) 67

ליפּמאַן צאַמבער — א מכלומרשטער פּרואוו צו קאָלאָניזירן יידן אויף ערד אין איבערגאַנג פון XVIII — XIX י״ה 109

ד״ר פיליפּ פרידמאַן — לאַנדווירטשאַפט, קאָלאָניזאַציע און גרונטבאַזיץ ביי די גאַליציאַנישע יידן אַרום דע העלפט פון XIX י״ה 131

מאַטעריאַלן:

מאַג. פּ. קאַן (ווילנע) — בריוו פון א ווילנער תלמיד פון יאָר 1822 . . 143

תמצית פון די אַרטיקלען אין פּויליש (פון דער פּוילישער פּאַגינאַציע) 5

מאַטעריאַלן צום אַרטיקל פון בעלאַ מאַנדעלסבערג „לובלינער יידישע האַנטווער־קער און די שטאָט־צעכן" 31

ד"ר יצחק שיפּער —

דעם פּארדינסטפולן פאָרשער און מײַסטער
פון דער יידישער געשיכטע, דעם פּיאָ־
נער פון נײַע דרכים אין דער יידישער
ווירטשאַפט־ און קולטור־געשיכטע —

צום 25 יאָריקן יובל

פון זײַן פרוכטבארער וויסנשאַפטלעכער
אַרבעט — די דאָזיקע באַשיידענע, האַר־
ציקע מתּנה.

די רעדאַקציע און זײַנע
תּלמידים־מיטאַרבעטער

ד"ר רפאל מאהלער

אחד-העמס פילאָזאָפיע פון דער יידישער געשיכטע און קולטור

איינער פון די בולטסטע סימפּטאָמען פון דער אייגנאַרטיקער ווירטשאַפטלעכער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן פאָלק איז בלי-שום-ספק די דערשיינונג פון פאַרשפּעטיקטע קולטור-שטרעמונגען. אַפילו אַזוינע ליטעראַטור-קריטיקער, וועלכע זענען נישט נוטה יעדע ליטעראַרישע ריכטונג סתם, אַריינצוקוועטשן אין דעם סדום-בעטל פון אַ פאַרטיקער היסטאָרישער סכעמע, וועלן דאָך מודה זיין, אַז די השכלה, דער יידישער ראַציאָנאַליסטישער הומאַניזם, האָט געוועלטיקט ביי יידן אומבאַשרענקט אין אַ צייט, ווען אין מערב-אייראָפּע האָט מען שוין וועגן ראַציאָנאַליזם בלויז געלערנט אין די לערנביכלעך פאַר געשיכטע. דער ראָמאַנטיזם איז אין דער יידישער ליטעראַטור אויפגעקומען ערשט דאַן, ווען ביי די אומות העולם איז שוין אפילו דער פּאָזיטיוויזם און דער רעאַליזם פאַרשריבן געוואָרן אין חמץ אַריין. דערדאָזיקער גורל פון פאַרשפּעטיקונג האָט אויך נישט אויסגעמיטן די יידישע געשיכטס-פילאָזאָפיע. אחד-העם, דער באַדייטנדסטער יידישער געשיכטס-פילאָזאָף איז אפשר אויך דער פעסטעסטער באַווייז פאַר דעם פאַרשפּעטיקונגס-פּראָצעס אויף דעמדאָזיקן געביט. איידער מיר וועלן דאָס ביווייזן, לאָמיר קודם צוזאַמענעמען די טעאָריע פון אחד-העם, וועגן דעם אַנטוויקלונגס-גאַנג פון דעם יידישן פאָלק און זיין פּראָגנאָז פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור. באַציע — האַלט אחד-העם — איז אַ קיבוץ, וועלכער קולטיווירט זיינע ספּעציפישע גייסטיקע ווערטן אין זיינע ספּעציפישע קולטור-אידעאַלן.

די פאַרשידנאַרטיקייט פון אידעאַלן געפינט איר בולטסטן אויסדרוק אין דער עטיק. פאַראַן טאַקע עטישע כללים, וועלכע זענען אָנגענו־מען ביי אַלע קולטור־פעלקער, דאָך פאַרמאָגט יעדעס פאָלק אויך זיין באַזונדערע עטיק, וועלכע מוז זיין אין הסכם מיט דעם גייסטיקן כאַראַקטער פון דער נאַציע אין איר היסטאָרישן לעבנס־גאַנג. ביים יידישן פאָלק איז דידאַזיקע ספּעציפישקייט פון דער נאַציאָנאַלער עטיק נאָך מער אויסגעפּאָרמט, איידער ביי אַנדערע פעלקער, צוליב זיין געשיכטע, וועלכע ווייזט, שוין פון די עלטערע צייטן אָן, אויף איר משונהדיקייט.[1] די ספּעציפישע גייסטיקע ווערטן פון אַ נאַציע שאַפן זיך אויפן יסוד פון באַשטימטע געגעבענע לעבנס־באַדינגונגען שוין ביים וויגעלע פון איר קיום. אין משך פון דער שפּעטערער אַנטוויק־לונג פון דעם פאָלקס־לעבן באַקומען זיי זייער פאַרענדיקטע פאָרם, און פון דאַן אָן גייען זיי שוין אַריבער בירושה פון דור צו דור, אָן שום עיקרדיקע ענדערונגען.[2]

דער נאַציאָנאַלער אידעאַל פון דעם יידישן פאָלק האָט זיך אַנטוויקלט שוין אין די צייטן פון די נביאים, און באַשטייט אין דער אידעע פון אַבסאָלוטן יושר (מצדק המוחלט) און אין דעם העכערשאַצן פון גייסטיקע קוואַליטעטן און גייסטיקע כוחות, איידער די פיזישע קראַפט. דערביי וואָרנט אחד־העם, מען זאָל נישט פאַרטוישן די אידעע פון אַבסאָלוטן יושר מיט אַבסאָלוטער גלייכקייט פון אַלע מענטשן[3], דאָס אייגענע קלערט ער אויף ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט, אַז דאָס יידישע פאָלק, שאַצנדיק תמיד דעם גייסט העכער ווי דאָס גשמיות, איז דאָך פון אייביק אָן אַ קעגנער פון אַסקעזע, פון אָפּטויטן אינ־גאַנצן דעם חומר. די יידישע עטיק פאַרלאַנגט נישט די פאַרניכטונג פון דעם גוף, נאָר זיין דערהויבונג און לייטערונג דורך דעם גייסט.[4]

יעדעס פאָלק פאַרמאָגט זיין נאַציאָנאַלן חוש הקיום, וועלכער ווירקט אמאָל באַוווסטזיניק, אָפּט אָבער אויך אומבאַוווסטזיניק. די יידן

1) פג"ל „על פרשת דרכים" II „המוסר הלאומי" זייט 85 (לויט דער אויפלאַגע פון 1920 ברענג איך אַלע ציטאַטן).

2) פג"ל עפ"ד I „שתי רשויות" ז. 162.

3) פג"ל עפ"ד II „שינוי ערכין".

4) פג"ל עפ"ד III „בשר ורוח" ז. 232.

האָבן שוין אין די צייטן פון דעם צווייטן בית המקדש אנגעהויבן צו פילן, אַז זיי פאַרלירן דעם באָדן פון אונטער די פיס, און שוין דעמאָלט האָבן זיי מצמצם געוועזן דעם נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, כדי ער זאָל ווערן באַוועגלעך און קאָנען איבערגעטראָגן ווערן אין אַנדערע לעבנס־באַדינגונגען. דאָס יידישע פאָלק האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ פאָרגעפיל פון דעם גלות און צוגעפּאַסט זיין גייסט אין לעבנסאופן צו דער וואַנדערונג אין די גלות־לענדער. מער אומבאַוווסטזיניק איידער מיט אַ קלאָרן באַוווסטזיין איז איינגעשרומפּן געוואָרן דאָס לעבן פון דעם פאָלק, אַבי נאָר צו ראַטעווען די איינהייט פון דעם נאַציאָנאַלן איך, וועלכע באַשטייט אין די ספּעציפישע גייסטיקע ווערטן פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן אידעאַל. אויף דריי געביטן האָט זיך דערהאַלטן דער רעדוצירטער, אָבער אייזערנער קאַפּיטאַל פון דעם פאָלקסגייסט: אויפן געביט פון שפּראַך, ליטעראַטור און רעליגיע. דאָך האָבן אויך די־דאָזיקע צווייגן פון דעם אָפּגעדאַרטן נאַציאָנאַלן בוים געמוזט זיך צופּאַסן צו דער אַטמאָספער פון דעם גלות־לעבן: די שפּראַך האָט אויפגעהערט צו זיין אַ מיטל פון טאָג־טעגלעכן געברויך און געבליבן בלויז אַ ליטעראַטור־שפּראַך, די רעליגיע האָט געמוזט מוותר זיין אויף די מצוות, וועלכע האָבן אַ שייכות צו דער א״י־ערד, ווי למשל קרבנות, תרומות, מעשרות א. אַ. וו.[1]. דאָס אָפּשטאַרבן פון העברעיש אַלס שפּראַך פון טאָג־טעגלעכן לעבן, האָט געווירקט אויך אויף דער ליטעראַטור (העברעישער!). די ליטעראַטור, געשריבן אין אַ שפּראַך וועלכע איז נישט געברויכט געוואָרן אין רעדן, האָט פאַרלוירן די פעיקייט אויסצודריקן אַלע ניואַנסן פון געפילן, דערפאַר אָבער איז די העברעישע שפּראַך וואָסאַמאָל בעסער געוועזן עלול אויסצודריקן די קלאָרע געדאַנקען פון דער ווויסנשאַפט און טעאָריע. אויף דערדאָזיקער ראַציאָנאַליזירונג פון דער העברעישער ליטעראַטור האָט אַ חוץ דעם נאָך געווירקט דער מאָמענט, וואָס די צרות פון דעם גלות־לעבן האָבן פאַרעלטערט דעם גייסט פון דעם פאָלק, און געמאַכט אים אומפעיק צו פאַרנעמען, מכל־שכן נאָך צו שאַפן פּאָעזיע. דאָס פאָלק האָט געגאַרט נאָך געדאַנקען פון טרייסט און האָפנונג און איז נישט געווען אויפגעלייגט צו לידער. אויב מיר טרעפן אַפילו אָן אין מיטלאלטער

1) פג״ל עפ״ד IV „ריב לשונות״ ז. 116.

אַ תקופה פון פּאָעזיע, איז זי אויך דעמאָלט פול מיט תפלות, קינות און דידאקטישע לידער, בכלל אַזוינע, וועלכע דריקן אויס עפּעס אַ געדאַנק. די רעליגיע איז געוואָרן דער אַלף און תו פון דעם לעבן, די נאַציאָנאַלע אידעאַלן האָבן זיך אָנגעקליידט אין דער רעליגיעזער פאָרם. אַנדערע פעלקער, ווען זיי קומען אין דער תקופה פון עלטער, שטאַרבן זיי פאַמעלעך אָפּ; די יידן אָבער האָט געראַטעוועט פון דעם טויט דער כוח פון דער פאַנטאַזיע, געשפּייזט פון דעם פעסטן ווילן זיך צו דערהאַלטן. דערדאָזיקער כוח האָט אויסגעשפּינען פאַר דעם פאָלק בילדער פון אַ גליקלעכן לעבן, וואס איז אָנגעגרייט פאַר אים אין דער ווייטער צוקונפט. אַ פּראָדוקט פון די גלות־צרות איז אויך די דערשיינונג, וואָס דאָס פאָלק האָט מיט דער צייט אויפגעהערט צו זוכן נייע וועגן אין דער ליטעראַטור און געבליבן אַן „עם הספר”, נישט קיין „עם הספרות”, ד. ה. אַ שקלאַף פון דעם טויטן אות פון די הייליקע ביכער, שטאָט ער זאל זיין אַ שעפער פון נייע ווערק. אויפשטעלנדיק זיין טעאָריע וועגן אידעאַליזירונג פון דעם יידישן פאָלק מיט דער הילף פון דער רעליגיע, האָט אחד־העם דאָך נישט פאַרזען אַזוינע תקופות אין דער יידישער געשיכטע, ווי די השכלה־באוועגונג, וועלכע שטייט אין פלוג אין אַ סתירה מיט דעם דערמאָנטן חוש הקיום פון דעם יידישן פאָלק, דעמדאָזיקן חוש, וועלכער פלעגט אים דיקטירן דעם רעליגיעזן אַנטוויקלונגס־וועג. כדי דידאָזיקע סתירה צו דערקלערן, באַנוצט זיך אחד־העם מיט דער העגעליאנישער געשיכטס־פילאָזאָפיע און מיט דער מאָדערנער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגיע.

פון העגעל נעמט איבער אחד־העם דעם געדאַנק, וועגן דעם דיאַלעקטישן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, וועלכן ער פירט דורך די שטאדיעס פון טעזע, אַנטיטעזע און סינטעזע. אויף אַ מאָדיפיצירטן אופן ווענדט אָן אחד־העם דעם מעטאָד פון דיאַלעקטיק אויף די קולטורעלע שטרע־מונגען אין דער יידישער געשיכטע. פאַראַן — האַלט ער — אין דער יידישער געשיכטע באַוועגונגען, וועלכע ברענגען מיט זיך נייע פּאָזיטיווע ווערטן פאַר דער נאַציאָנאַלער קולטור, ווו די פירער פון דער באַוועגונג גיבן זיך אַפילו נישט אָפּ קיין חשבון, אַז זייערע נייע סיסטעמען שטעלן זיך אין אַ סתירה צו די אַלטע קולטור־פאָרמען. אַזוינע פּאָזי־טיווע באַוועגונגען אין דער יידישער געשיכטע זענען געווען: די

יידישע פילאָזאָפיע אין דעם מיטלאלטער און דער חסידיזם אין דער נײַ-צייט. פאַראַן באַוועגונגען וועלכע זענען לויטער נעגאַציע, ווי למשל דער קאראיזם. אַזוינע באַוועגונגען רייסן זיך געוויינלעך אָפּ פון דעם פאָלקס-לעבן און פאַרלירן אויף אים יעדע השפעה. לרוב אָבער ברענגט מיט זיך יעדע נייע באַוועגונג, סיי די נעגאַציע פון די אַלטע לעבנס-פאָרמען, סיי די נייע, פאָזיטיווע ווערטן. תּחלת איז מנצח די נעגאַציע, שפּעטער קומט דאָס זוכן פון נייע פאָזיטיווע ווערטן, און ערשט צום סוף אַנטשטייט די סינטעזע, וועלכע פאַרבינדט דאָס פאָזיטיווע אין דעם עבר מיט דעם פאָזיטיוון פון די נייע ווערטן. די השכלה-באַוועגונג איז אַ ביישפּיל פון אַזאַ פּראָצעס. פון אָנהויב איז געווען בלויז אַ אומצופרידנקייט מיט דעם אַלטן יידישן לעבנס-שטייגער, דערנאָך איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער פאָזיטיווער אידעאַל פון אַ פרייען בירגערלעכן לעבן, גלייך מיט אַלע פעלקער. דערדאָזיקער פאָזיטיווער אידעאַל האָט נישט געקאָנט באַפרידיקן צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך געשטעלט אין אַ באַוווסטזיניקער סתּירה צו דעם עבר, און דער אינסטינקט פון צוגעבונדנקייט צו די אַלטע נאַציאָנאַלע אידעאַלן האָט זיך נישט געלאָזט דערשטיקן. דידאָזיקע לעבנס-פעיקייט פון דער אַלטער יידישער קולטור דערקלערט אונז, וואָס דווקא די פירער פון דער דייטשער השכלה זענען געוואָרן די פּיאָנערן פון דער יידאיסטיק. („כמת ישראל"). ערשט די יידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג פון די לעצטע יאָרן, און בפרט דער ציוניזם האָט זיך אָנגעקניפּט באַוווסטזיניק אָן די אַלטע יידישע נאַציאָנאַלע אידעאַלן, איבערנעמענדיק דאָך דערביי פון דער השכלה אירע לאָזונגען פון אַ צופּאַסונג פון אונזערע לעבנס-פאָרמען צו די לעבנס-באַדינגונגען פון דער היינטיקער צייט.[1]

פון דעם פראַנצויזישן סאָציאַל-פּסיכאָלאָג טארד נעמט איבער אחד-העם די טעאָריע וועגן דעם געזעץ פון נאָכמאַכונג (La loi de l'imitation) וועלכעס דאַרף דערקלערן סיי די סטאַטיק סיי די דינאַמיק פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. דער חוש פון נאָכמאַכונג ווירקט אין דעם געזעלשאַפטלעכן קיבוץ סיי פון אינוויייניק, צווישן זיינע מיט-גלידער, סיי פון אויסנוויייניק, צווישן אים אין אַנדערע געזעלשאַפט-לעכע קיבוצים. אין דער פרימיטיווער געזעלשאַפט איז דער צענטראַלער

1) פג"ל „לתולדות החיוב והשלילה" עפ"ד I ז. 144.

פונקט פון דער נאָכמאַכונג דער לעבעדיקער, ווירקענדער פירער פון דעם שבט. מיט דער צייט, וואַקסט אָן אַ היסטאָרישע טראַדיציע און דער שטאַרקסטער צוציונגס-פונקט פון דער געזעלשאַפטלעכער נאכ-מאַכונג הערט אויף צו זיין דער לעבעדיקער פאָלקס-פירער, ווייל שטאַרקער ווי ער ווירקן די טראַדיציעס וועגן באַרימטע העלדן פון דעם עבר. אַזעלכע טראַדיציעס מוזן נישט דווקא זיין אין הסכם מיט דעם היסטאָרישן אמת, גאָר פאַרקערט: די כאַראַקטערשטריכן פון די טראַדיציאָנעלע העלדן ענדערן זיך פון דור צו דור, לויט די געענדערטע קולטורעלע אידעאַלן פון דעם פאָלק. אַ קלאַסישער ביישפיל פאַר דער דאָזיקער דערשיינונג איז די טראַדיציאָנעלע פערזאָן משה[1]. אויף צוויי פאַרשידענע אופנים ווירקט דעם חוש פון נאָכמאַכונג סיי אין דעם געזעלשאַפטלעכן קיבוץ גופא, סיי צווישן איין געזעלשאַפטלעכן קיבוץ אין דעם אַנדערן. אָבער עס פעלט דעם נאכמאכער דאָס באַוווסטזיין פון זיין אייגענעם כח, און דאמאָלט פירט די נאָכמאכונג צום בטל ווערן פון דעם אייגענעם איך, אָדער דער נאָכמאַכער פאַרמאָגט א שטאַרק פערזענלעכקייטס-געפיל, א טיפע איבערצייגונג אין זיין אייגענעם ארגינעלן ווערט — דאמאָלס נעמט ער איבער פון זיין אביעקט פון נאָכמאכונג בלויז דידאָזיקע ווערטן, וועלכע קאָנען אים אַליין צוהעלפן צו זיין אנטוויקלונג און צו א ריוואליזאַציע מיט דעם נאָכגעמאַכטן.

ווען א פאָלק, וואָס איז שוואַך מאַטעריעל, וויל נאָכמאַכן דעם מאטעריעל-שטאַרקערן שכן, פירט די נאָכמאכונג צו דער פארניכטונג פון דעם שוואכערן פאלק. אזוי דערקלערט אחד-העם דעם אונטערגאנג פון אלע פעלקער אין דעם אלטערטום, וועלכע זענען באציונגען געוואָרן דורך שטארקערע שכנים. יידן האָבן זיך צוגעוווינט שוין אין די צייטן פון די נביאים צו פאַראכטן די שטארקע פויסט און פלעגן האלטן נאָר פון דעם גייסטיקן כח. דערפאר זענען די יידן נישט אינטערגע-גאנגען אלס פאָלק, ווען זיי זענען געקומען אין בארירונגען מיט שטארקערער פון זיך, זיי פלעגן אָבער נאכמאכן די פרעמדע קולטור, ווען זי איז אויף עפעס א גייסטיקן געביט איבערגעוואקסן די יידישע. די נאָכמאכונג אויף דעם גייסטיקן געביט פלעגט אָבער אויך נישט ברענגען פאר דעם יידישן פאָלק דאָס בטלווערן, אסימילאציע, נאר

1) כּג״ל דעם עסיי „משה״ עפ״ד III ז. 210

פאַרקערט, א פארשטארקטן דראנג, צו פארפעסטיקן די אייגענע נאציאָ־נאלע אידעאלן מיט דער הילף פון פרעמדע גייסטיקע ווערטן, צו־צופאסן די לעצטע צו דעם אריגינעלן מהות פון דער אייגענער נאציאָ־נאלער קולטור. אזא נאָכמאכונג לשם ריוואליזאציע (חקוי של התחרות) זעט אחד העם אין דער העלעניסטישער תקופה אין אלעקסאַנדריע (פילאָן), און ביי די יידן, אין דעם אראבישן שפּאַניע. נאָך דער אראבי־שער תקופה קומט ווידער א צייט, ווען דאָס יידישע פאלק דערווייטערט זיך לגמרי פון אנדערע פעלקער, מחמת מורא, אז די נאָכמאכונג זאל נישט גורם זיין קיין אסימילאציע. די תקופה פון דער השכלה איז אַריינגעפאלן אין דעם אַנדערן עקסטרעם: זי האָט געפירט צו דעם בטל ווערן פאר פּרעמדע, צו דער פולשטענדיקער נאכמאכונג. די מאדערנע יידישע נאציאָ־נאלע באוועגונג האָט געוויילט דעם מיטלוועג: די פארפולקאָמונג פון דעם נאציאָנאלן איך דורך נאָכמאַכונג, וועלכע פירט צו ריוואַליזאציע.[1]

די ריכטליניעס פאר דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור זענען אַ קאָנסעקווענטע ווייטערפירונג פון אחד־העמס קוק אויף דער יידישער געשיכטע.

די ביז איצטיקע יידישע נאַציאָנאַלע קולטור האָט אויפגעהאַלטן איר אָריגינעלן כאראקטער דורך דער הילף פון די רעליגיעזע לעבנס־פאָרמען, וועלכע האבן פאָרגעשטעלט דאָס אומבאַוווּסטזיניקע אָבער זיכערע מיטל פון איזאָלאַציע לגבי דער השפעה פון אַנדערע קולטורן. היינט, ווען די מויערן פון דער רעליגיע ווערן אין אונזערע אויגן פון טאָג צו טאָג מער צעקרישלט, מוזן געזוכט ווערן אנדערע אופנים, ווי אזוי צו דערהאלטן דעם כאראקטער פון דער יידישער קולטור און דערמעגלעכן די ווייטערשפינונג פון די נאציאָנאלע אידעאלן. דער אויסוועג ווערט געפונען אינסטינקטיוו דורך דעם פאָלק אין דער שאַ־פונג פון א יידישן גייסטיק־קולטורעלן צענטער אין ארץ ישראל. דער יידישער גייסטיקער צענטר אין דעם לאנד פון די אבות, ד. ה. אין דער נאטירלעכער סביבה פון דעם יידישן פאָלק, איז מסוגל צו שאפן דעם טיפּ פון דער נאָרמאלער יידישער קולטור, וועלכע וואקסט אויס אין נאָרמאלע באדינגונגען, פונקט ווי אמאָל, איידער יידן זענען פארמשפּט געוואָרן אָפּצוריכטן גלות. דער נאָרמאלער יידישער קולטור־

1) פג״ל. עפ״ד I „חקוי והחבוללות״ ז. 169.

צענטער אין ארץ ישראל וועט אָבער אויך משפיע זיין אויף די אלע לענדער, ווו דער איבערוויגנדע מערהייט פון דעם יידישן פאָלק איז און וועט בלייבן צעזייט און צעשפרייט. אויף אזא אויפן וועלן זיך די יידן אמבעסטן באוואָרענען קעגן דער אלץ-וואקסענדיקער אסימלאטאָרישער השפעה פון די פרעמדע קולטורן, צווישן וועלכע עס קומט זיי אויס צו לעבן. כדי אָבער די יידישע קולטור אין די גלות-לענדער זאָל נישט פארלירן איר נאציאנאלן כאראקטער, איז נויטיק נאָך עפעס: די באוווסטזיניקע קאָנטראָל פון די קולטורעלע השפעות פון די אַרומיקע פעלקער. ביי א פאָלק, וואס לעבט אין נאָרמאלע באַדינגונגען — האלט אחד-העם — ווערן די עלעמענטן פון פרעמדע קולטורן אויפגענומען אָרגאניש, עס איז נישט נויטיק קיין אקטיווע ווירקונג, אז דידאָזיקע פרעמדע אידעען זאלן צוגעפאסט ווערן צו דעם נאציאָנאלן גייסט פון דעם פאָלק. ביי יידן מוז עס געשען אנדערש: דורך דעם, וואָס עס פעלט די נאָרמאלע נאציאנאלע סביבה (שפראך, מנהגים, א. א. וו.!) דארף מען באוווסטזיניק אָפשאצן יעדע פרעמדע קולטורעלע השפעה, צי איז זי אין הסכם מיט די יידישע קולטור-אידעאלן, מיט דעם נאציאָנאלן גייסט; אין קעגנפאל, דארף מען זיך אזא אינפלאציע אומבאדינגט אנטקעגנשטעלן. באוווסטזיניק דארף מען שטיין אויף דער וואך, אז די יידישע נאציאָנאלע אידעאלן פון אבסאלוטן יושר, פון הערשאפט פון דעם גייסט איידער דעם חומר, זאָלן זיין די ריכטליניעס פון דער קולטור.1) דער נאציאָנאלער כאראקטער פון דעם יידישן פאָלק פאַרמאָגט, א חוץ דער געטרייקייט צו די דערמאָנטע אידעאלן, נאָך א ספעציפישן שטריך, דהיינו די שכלדיקייט פון דער ליטעראטור. יידן פלעגן טאקע תמיד הנאה האָבן פון שיינקייט, אָבער שיינקייט אליין, אָן א טיפערן געדאנק, פלעגט ביי יידן קיינמאָל נישט ארויסרופן קיין געפיל פון אכטונג. דערדאָזיקער מאנגל פון א חוש פאר דער בלויזער עסטעטיק איז — לויט אחד-העם — טאקע א פועל-יוצא פון צער און פיין פון דעם אמאָליקן גלות-לעבן, דאָך — האלט ער — איז דידאזיקע היפערטראפיע פון שכלדיקייט („מאי קמשמע לן”), וועלכע דריקט זיך אויס אין דעם יידישן עסטעטישן חוש, אין דער היינטיקער צייט שוין א פעסטער באשטאנדטייל פון דעם יידישן פאלקס-כאראקטער,

1) פג"ל עפ"ד II „עצה טובה” ז. 18 און „שינוי ע כין” ז. 73.

מיט וועלכן מען דארף זיך רעכענען קודם כל אין דער קריטיק פון דער יידישער ליטעראטור.(1

א דערגאנצונג און א פועל יוצא פון דעם ציטירטן געשיכטס-פילאזאפישן און קולטור-פילאזאפישן געדאנקענגאנג פון אחד-העם שטעלט מיט זיך פאר זיין טעאריע, וועגן דער ראל פון דער העברעישער שפראך אין דער פארגאנגענער און קעגנווערטיקער יידישער קולטור. גלייך ווי די רעליגיע, איז אויך העברעיש אריינגעגאנגען אלס אן אייזערנער באשטאנדטייל אין דעם רעדוצירטן קאפיטאל פון דער נאציאנאלער קולטור, וועלכע די יידן האבן אפגעראטעוועט, ווען זיי האבן געהאט פארלאזט ארץ ישראל. די העברעישע שפראך האט טאקע אויפגעהערט צו זיין די שפראך פון דעם טאג-טעגלעכן לעבן ווייל — אזוי האלט אחד-העם — די באדינגונגען פון דעם גלות-לעבן האבן דאס נישט דערלויבט, זי איז אבער געבליבן די קולטור-שפראך פון דעם פאלק, די שפראך פון דער ליטעראטור. עס טרעפן זיך אפילו מאמענטן אין דער יידישער געשיכטע, ווען באדייטנדע ווערק זענען געשאפן געווארן אין אן אנדערער שפראך, אבער אויך זיי האבן געמוזט איבערגעזעצט ווערן אויף העברעיש, כדי זאלן נישט גיין לאיבוד פאר דער יידישער קולטור. אזוי איז עס געשען מיט די ווערק פון די יידישע מחברים אין דער אראבישער תקופה, וועלכע פלעגן שרייבן אראביש.(2 די העברעישע שפראך איז פארוואנדלט געווארן אין א שפראך פון ביכער (לשון של ספרים), זי האט אבער אויסגעדריקט נישט בלויז די טעאריע, נאר אויך די פריידן און ליידן פון דעם גלות-לעבן. די פארשידענע „געליגענע” שפראכן, מיט וועלכע יידן פלעגן זיך באנוצן אין משך פון זייער לאנגער גלות-געשיכטע, זענען פארשוואונדן אן א שום זכר, ווייל דאס פאלק האט אין זיי נישט אריינגעלייגט זיין נשמה. אויך אין דער היינטיקער צייט איז נאר די העברעישע שפראך די שפראך פון דער יידישער קולטור, אין וועלכער עס שאפט און דארף ווייטער שאפן דעם נאציאנאלען גייסט פון דעם יידישן פאלק. מען דארף נעמלעך א חילוק מאכן צווישן דער

1) פגל. עפ"ד I, „הלשון וספרותה” ז. 195

2) וועגן תלמוד אין זהר וועלכע זענען געבליבן ביז אין היינטיקן טאָג אין דער ארמישער שפראך דערמאנט נישט אחד-העם קיין איין ווארט!

אביעקטיווער און סוביעקטיווער נאציאנאלער קולטור ביי יעדן פאלק און אויך ביי יידן. די אביעקטיווע נאציאנאלע קולטור קאן זיך אויס־דריקן נאר אויף העברעיש, אין דער אייביקער נאציאנאלער שפראך פון דעם פאלק. דעם „זשארגאן" איז אחד־העם מתיר צו באנוצן היינט, נישט נאר בלויז אין דעם טאג־טעגלעכן לעבן, נאר אויך כדי צו פארשפרייטן קולטור און וויסן צווישן די ברייטע פאלקס־מאסן: אדרבה, זאל מען שרייבן גוטע ביכער אין זשארגאן און זאל דער המון (sic !) ליינען און באקומען וויסן,—קיין נאציאנאלע ליטעראטור וועט מען דורך דעם נישט שאפן".[1] דאס, וואס וועט נישט איבערגעזעצט ווערן אויף העברעיש, וועט אמאל פארגעסן ווערן צוזאמען מיט דעם זשארגאן.

די לייסטונג פון אחד־העמס געשיכטס־פילאזאפיע און קולטור־טעאריע קאן נאר דאן געהעריק קריטיש אפגעשאצט ווערן, ווען מען נעמט אין אכט דעם אומשטאנד, אז זיינע אויספירן שטעלן זיך קודם כל אין א באוווסטזיניקע סתירה צו דער השכלה און אירע לאזונגען.

גלייך ווי דער ראציאנאליזם ביי אנדערע פעלקער, האט אויך די יידישע השכלה געפּרעדיקט קאָסמאפאליטישע מענטשלעכקייט. אחד־העם שטעלט דאס אנטקעגן דעם געדאנק פון נאציאנאלע פארמען פון דער מענטשלעכער קולטור. פון איין זייט איז געשטאנען די השכלה, וועלכע האט פאראורטיילט דעם יידישן עבר, ווייל פונקט אזוי ווי דעם ראציאנאליזם אין דעם 18־טן יארהונדערט, האט אויך די משכילים געפעלט דער היסטארישער חוש, דאס פארשטענדעניש פאר דעם גענעז אין דער עוואלוציע פון געזעלשאפטלעכע דערשיינונגען. פון דער אנדערער זייט האט ווידער דער יונג־אויפגעקומענער ציוניזם פארלייקנט די שעפע־רישע ווערטן פון דער יידישער קולטור אין דער „גלות־עפּאכע", זעענדיק פאר זיך אן אויסוועג אין דעם, וואס ער וועט איבערוואַרפן א פארטיקע בריק איבער דעם תהום פון צוויי טויזנט יאר, וועלכע טיילט אפ דעם היינט פון דער אמאליקער אריגינעלער פאלעסטענישער

---

1) זע עפ"ד IV „ריב לשונות" ז. 122.

קולטור. אחד־העם באקעמפטביידע ריכטונגען מיט דער הילף פון זיין טעאריע וועגן דער קאנטינויטעט פון דער יידישער געשיכטע (קודם כל פון דער קולטור־געשיכטע), אן וועלכער מען דארף אויך אנקניפן די וייטערדיקע קולטור־שאפונג. אין דער גאנצער טעארעטישער באגרינדונג פאר דער עקזיסטענץ־בארעכטיקונג פון אן אינדיווידועלער יידישער נאציאנאלער קולטור, חזרט איבער אחד־העם די אידעען, מיט וועלכע עס האט זיך באנוצט די דייטשע געשיכטס־פילאזאפיע, אין קעגנזאץ צום קאסמאפאליטיזם פון די ראציאנאליסטן. די דייטשע קלאסישע פילאזאפן (הערדער, פיכטע און קודם כל העגעל) האלטן, אז יעדע נאציע ברענגט אריין עפעס נייעס אין דער אלגעמיינער מענטשלעכער קולטור דורך דעם, וואס זי אנטוויקלט אירע באזונדערע נאציאנאלע קולטור־ווערטן, איר באזונדערן פאלקס־גייסט (העגעל), און אחד־העם באגרינדעט אויך די עקזיסטענץ פון א באזונדערער יידישער נאציע דערמיט, וואס יידן פארמאגן באשטימטע קולטור־אידעאלן, אויף וועלכע די מענטשהייט קאן נישט מוותר זיין. די אידעאלן זענען די יידישע עטיק און דאס הויכשאצן פון דעם גייסט.

אזוי ווי די באגרינדונג פון דעם יידישן נאציאנאליזם איז ביי אחד־העם אן אויספיר פון לכתחילהדיקע מעטאפיזישע הנחות, שטיצט זיך זיין טעאריע פון דער יידישער געשיכטע מער אויף מעטאפיזיק, איידער אויף עמפיריסטישע יסודות. אויף א מעטאפיזישן וואלונטאריזם בויט אחד־העם זיין פארענטפערונג אויף דער פראגע, פארוואס די יידן האבן זיך דערהאלטן אלס פאלק. נישט די באדינגונגען, אין וועלכע יידן איז אויסגעקומען צו לעבן, האבן דערצו געבראכט, נאר עפעס אן אומדערקלערלעכער מעטאפיזישער ווילן אפצוהיטן די נאציאנאלע אידעאלן. אחד־העם, וועלכער האט געלעבט אין די צייטן פון דער מאדערנער סאציאלאגיע, האט נאטירלעך נישט געקאנט אויסמיידן, איבערצונעמען פון איר באשטימטע געדאנקען. דער ביאלאגישער באגריף פון חוש הקיום, מיט וועלכן עס אפערירט די מאדערנע ביאלאגישע סאציאלאגיע און די סאציאל־פסיכאלאגיע (בעיקר טארד) דינען אבער אחד־העמען בלויז דערצו, כדי צו פארפעסטיקן זיינע מעטאפיזישע הנחות. אנדערש בלייבט אומדערקלערט, פארוואס נאר

ביים יידישן פאָלק איז דער ביאָלאָגישער חוש הקיום געווען אַזוי שטאַרק אַנטוויקלט, אַז ער האָט אָפגעהיט דאָס פאָלק פאַר דעם אונטערגאַנג; פאַרוואָס דערזעלבער חוש האָט נישט געווירקט אויך ביי אַנדערע פעלקער פון דעם אַלטערטום. אַזוי איז אויך אחד־העם נישט געווען אימשטאַנד צו פאַרענטפערן די פראַגע פון דעם קאָנסעקווענטן שטאַנד־פונקט פון דער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגיע, פאַרוואָס אַנדערע פעלקער פון דעם אַלטערטום האָט דער פראָצעס פון נאָכמאַכונג געפירט צו אַסימילאַציע, צום בטל ווערן פאַר די גרעסערע פעלקער (ראָמאַניזאַציע און העלעניזאַציע), און ביי יידן האָט דוקא דערזעלבער חוש פון נאָכמאַכונג געבראַכט צו דער ריוואַליזאַציע, צו אַן אַנטוויקלונג און פאַרטיפונג פון זייערע ספעציפישע נאַציאָנאַלע גייסטיקע ווערטן. ווידער איז אחד־העם געצוואונגען אָנצוקומען צו דער לכתחלהדיקער נישט עמפּיריסטישער הנחה, אַז יידן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גרעסערער דאָזע פון זעלבסטבאַוווסטזיין, פון צוגעבונדנקייט צו דער אייגענער אָריגינעלער קולטור, איידער יעדעס אַנדערע פאָלק.
פון דער געשיכטע־פילאָזאָפיע פון ר' נחמן קראָכמאַל נעמט איבער אחד־העם די טעאָריע, וועגן דריי פאַזן אין דער אַנטוויקלונג פון יעדער קולטור: יוגנט, גבורה און עלטערשוואַכקייט; ער מאַכט אָבער נישט קיין שריט פאַרויס אין פאַרגלייך מיט זיין לערער, ווען ער דאַרף אָנווענדן די טעאָריע אויף דער יידישע געשיכטע. דער חילוק איז, וואָס קראָכמאַל האַלט, אַז דער אַבסאָלוטער גייסט, צו וועלכן דאָס יידישע פאָלק איז משועבד, ראַטעוועט עס פון אונטערגאַנג יעדעס מאָל, ווען עס קומט אין דער פאַזע פון עלטערשוואַכקייט, און אחד־העם זעט די סיבה פון דער שטענדיקער פאַריונגונג ביי דעם יידישן פאָלק אין זיין אומדערקלערטן שטאַרקן חוש הקיום.

די טעאָריע וועגן דער ראָל, וועלכע די רעליגיע האָט געזאָלט שפּילן ביי דער דערהאַלטונג פון דעם יידישן פאָלק, האָבן מיר שוין אויף אַן אַנדער אָרט גענויער אָפּגעשאַצט.[1] דיזעלבע לאָגישע פעלערן, וועלכע מיר קענען אויפדעקן ביי אַלע טעאָרעטיקער פון דער רעליגיעזער איזאָלאַציע פון דעם יידישן פאָלק, איז

1) זע אונזער אָפּהאַנדלונג „וועגן טעאָריעס פון דער יידישער קולטור־געשיכטע“ און דעם „יונגן היסטאָריקער“ נר. 1.

אויך פאראן אין דערדאזיקער טעאריע ביי אחד-העם. ביי אים באקומט זי נאר א ספעציפישע באפארבונג דורך דעם, וואס ער זעט די הויפט-סיבה פון דער לאנגדויערנדיקער הערשאפט פון דער רעליגיעזער קולטור נישט נאר אין דער טעריטאריעלאזיקייט, נאר אויך אין די צרות פון דעם גלות-לעבן.1) ווי מיר האבן שוין אויבן באמערקט, איז אחד-העם מודה אין דער ווירקונג פון היסטארישע לעבנס-באדינגונגען, בלויז ווען עס רעדט זיך וועגן דער עלטסטער צייט פון א פאלק, איידער עס האט זיך נאך באוויזן אויסצוקריסטאליזירן זיין נאציאנאלן כאראקטער. פון דאן אן האלט ער שוין דעם נאציאנאלן כאראקטער גופא פאר דער וויכטיקסטער היסטארישער סיבה. עס איז דערפאר נישט קיין חידוש, וואס אחד-העם דערקלערט דעם רעליגיעזן כאראקטער פון דער יידישער קולטור-אנטוויקלונג דורך ספעציפישע מדות, מיט וועלכע דאס יידישע פאלק צייכנט זיך אויס. דער שטארקער חוש הקיום פון דעם יידישן פאלק האט אים געזאלט דיקטירן נאך דעם פארלוסט פון דער פאליטישער זעלבשטענדיקייט, מצמצם צו זיין די נאציאנאלע קולטור צו די דריי געביטן פון רעליגיע, שפראך און ליטעראטור. וואלט אבער אחד-העם קאנסעקווענט אנגעווענדט אויף דער גאנצער יידישער געשיכטע דעם מעטאד פון פארשן די היסטארישע לעבנס-באדינגונגען, דאן וואלט ער געקומען צו גאר אנדערע רעזולטאטן בנוגע דער ראל, וועלכע די רעליגיע, די העברעישע שפראך און די העברעישע ליטע-ראטור האבן געשפילט אין דער יידישער געשיכטע. עס וואלט זיך ארויסגעוויזן, אז די הערעמאניע פון דער רעליגיע אין דעם קולטור-לעבן פון דעם יידישן פאלק איז געוועזן א פועל-יוצא פון דיזעלבע באדינגונגען, וועלכע האבן אויך געווירקט אויף דער אנטשטייונג פון רעליגיעזע קולטורן ביי די אומות העולם בשעת דעם מיטלאלטער; עס וואלט דאן איבערגעבליבן בלויז די אויפגאבע צו דערקלערן, פארוואס דאס קולטורעלע מיטלאלטער האט ביי יידן לענגער געדויערט, איידער ביי אנדערע פעלקער, בקיצור, די פראגע וואלט דאן רעדוצירט געווארן צו א פארענטפערונג פון דער קולטורעלער פארשפעטיקונג פון דעם יידישן פאלק, אין פארגלייך מיט דער קולטור-אנטוויקלונג פון די פעלקער אין מערב-אייראפע. אין פארגלייך מיט די פעלקער

1) פג"ל, למשל עפ"ד III „בחלת אבות".

פון מזרח־איירָאפּע, צווישן וועלכע דער רוב מנין און בנין, פון דעם יידישן פאלק איז געווען באזעצט שוין אין אנהויב פון דער ניי־צייט (ניי־צייט פאר מערב־איירָאפּע, ניש פאר מזרח־איירָאפּע!), קומט אויס א גאנץ קליינע פארשפּעטיקונג פון דער יידישער קולטור־אנטוויקלונג, וועלכע לאזט זיך דערקלערן דורך דער אפּגעשטאנענקייט פון דער יידישער ווירטשאפטלעכער סטרוקטור, לגבי דער ווירטשאפט פון די מערהייטס־נאציעס.

פונקט ווי אין דער יידישער רעליגיעזער קולטור, זעט אחד־העם א ספּעציפישע נאציאנאלע דערשיינונג—אנשטאט צו זוכן די דערקלערונג אין אלגעמיינע סאציאלאגישע געזעצן, וועלכע זענען חל אויף יעדן פאלק — גיט ער אונז אויך אן אומבאגרינדעטע מעטאפיזישע דער־קלערונג פאר דער ראָל פון העברעיש אין דער יידישער קולטור־געשיכטע. ווָאלט אחד־העם ריכטיק געשטעלט די פראגע פון דער רעליגיעזער קולטור ביי יידן, דאן ווָאלט ער אויך נישט געהאלטן פאר א ספּעציפיש־יידישע דערשיינונג דעם שפּראכן־דואליזם פון העברעיש אין „געליגענע שפּראכן” (לשונות שאילות). עס ווָאלט זיך דאן ארויסגעוויזן, אז דיזעלבע באדינגונגען, וועלכע האבן גורם געווען די לאנג־דויערנדיקע הערשאפט פון דער רעליגיעזער קולטור, האבן אויך געשאפן די מעגלעכקייט פאר דעם שפּראכן־דואליזם און פאר די קולטור־דערשיינונגען, וועלכע זענען פון דעמדאזיקן דואליזם א פּועל־יוצא. דער שפּראכן־דואליזם איז נעמלעך אן אלגעמיינע דערשיינונג ביי אלע פעלקער אין דער צייט פון דער מיטלאל־טערלעכער, רעליגיעזער קולטור. עס איז דאך אלעמען באקאנט, אז נישט בלויז ביי יידן, נאר אויך ביי קריסטן און מאהאמעדאנער טרעפן מיר אן אין מיטלעלטער אויף א באזונדערער שפּראך פאר וויסנשאפטלעכע און קולטור־ענינים, וועלכע איז פארשידן פון דער פאלקס־שפּראך פון דעם טאג־טעגלעכן לעבן. ביי די מיטלאלטערלעכע קריסטן האט דידאזיקע ראָל פון דער וויסנשאפט־לעכער שפּראך איבערגענומען לאטיין, ביי די מאהאמעדאנער, (אָן אונטערשיד פון אראבער, פּערסן און טערקן!) אראביש. די שפּראך פון דער רעליגיע האט אין מיטלאלטער געמוזט ווערן, די שפּראך פון דער קולטור, ווייל די גאנצע קולטור בכלל איז דעמאלט געווען

אדורכגעדרינגען מיט דעם רעליגיעזן גייסט, און די נאציאנאלע פאלקס־שפראכן זענען נאך נישט געווען אויף אזויפיל אנטוויקלט, מען זאל זיך קענען מיט זיי באנוצן אין דער וויסנשאפטלעכער אבסטראקטער טערמינאלאגיע.1) דער פאקט, אויף וועלכן אחד־העם שטעלט זיך אפ, אז העברעיש איז אין גלות געווען עלול בלויז אויסצודריקן אבסטראקטע באגריפן; וואס „די העברעישע ליטעראטור האט פארגעסן צו זינגען , שיר השירים" און באגרענעצט זיך צו מדרש, דערנאך צו פילאזאפיע, וויסנשאפט און רעליגיעזער פאעזיע — איז אויף אזא אופן אויך נישט קיין ספעציפיש יידישע דערשיינונג, נאר אן אלגעמיינע דערשיינונג פון די רעליגיעזע קולטור־שפראכן אין מיטל־עלטער. אויב אחד־העם מאכט א חילוק צווישן אביעקטיווער און סוביעקטיווער קולטור, און האלט, אז די אביעקטיווע יידישע קולטור קאן זיך אנטוויקלען נאר אין דער העברעישער שפראך, גיט ער זיך ווידער נישט אפ קיין חשבון, ווי ווייט ער אפערירט מיט קולטור־באגריפן פון דעם מיטלאלטער. אין מיטלאלטער פלעגט זיך טאקע ביי אלע פעלקער די „אביעקטיווע קולטור" אנטוויקלען אין א שפראך, וועלכע איז געווען פאר די מאסן אומפארשטענדלעך, ווייל קיין „סוביעקטיווע" קולטור, ד. ה. א קולטור פון די ברייטע מאסן פון פאלק איז בכלל דעמאלט נישט געווען בנמצא. זינט אבער „דער דריטער שטאנד", ד. ה. דאס בירגערטום האט זיך אנגעהויבן ווירטשאפטלעך און קולטורעל צו אנטוויקלען און דער גייסטלעכער שטאנד האט פארלוירן דעם מאנאפאל אויף קולטור און וויסנשאפט, איז די שפראך פון דער סוביעקטיווער קולטור געווארן אויך די שפראך פון דער אביעקטיווער קולטור! אויב מיר קלערן אויף, פארוואס האט די רעליגיעזע קולטור ביי יידן אזוי לאנג געהערשט, דאן האבן מיר אויך אן ענטפער פאר דעם שפראכן־דואליזם פון העברעיש און „זשארגאן", וועלכער האט ביי אונז לענגער געדויערט, איידער דער שפראכן־דואליזם ביי אנדערע פעלקער. אויך דא איז די אומנארמאלקייט נישט אזא איבערראשנדע, ווען מיר פארגלייכן דעם יידישן דואליזם צווישן העברעיש

1) גענויער וועגן דער „סאָציאָלאָגיע פון העברעיש" האָבן מיר געשריבן אין אונ־ער ארטיקל אין דער ארבעטערוועלט יאַנואַר 1925 נר. 30—31 (36—37).

און „זשארגאן" נישט מיט דעם צושטאנד פון מערב-אייראפע, נאר למשל מיט פוילן, וואס לאטיין האט ערשט אין דער אנדערער העלפט פון דעם 18-טן יארהונדערט אפגעטרעטן דעם ארט פון דער קולטור-שפראך פאר דער פוילישער פאלקס-שפראך.

די איבערזעצונגען פון יידישע פילאזאפישע ווערק פון אראביש אויף העברעיש זענען פאר אחד-העם א באווייז, אז נאר העברעיש פלעגט תמיד ביי יידן באטראכט ווערן פאר דער נאציאנאלער שפראך. שוין אפגערעדט דערפון, וואס דער תלמוד און זוהר זענען ביז היינט נישט איבערגעזעצט געווארן אויף העברעיש, און דאך האבן זיי מער משפיע געווען די יידישע קולטור-אנטוויקלונג, איידער די פילאזאפישע ווערק, וועלכע האבן זיך דערהאלטן אין א העברעישער איבערזעצונג; דער עיקר, וואס אחד-העם פארגעסט, איז דאס, וואס אין מיטלאַלטער איז בכלל נישט געווען בנמצא קיין אנטוויקלט נאציאנאל-באוווסטזיין, נאר א רעליגיעז זעלבסט-באוווסטזיין, און דערפאר פלעגט מען דעמאלט אויך נישט פילן דאס באדערפניש פון א נאציאנאלער שפראך. והראיה — אויב מיר זאלן זיך האלטן אן דעם ביישפיל פון אחד-העם — זענען די יידישע פילאזאפישע ווערק נישט איבערגעזעצט געווארן פון אראביש אויף העברעיש אין שפאניע גופא, ווו אראביש איז געווען מער פארשטענדלעך איידער העברעיש, נאר אין דרום-פראנקרייך, ווו אראביש איז שוין געווען ווייניק פארשטענדלעך.

דער אויספיר, וועלכן מען קאן היינט מאכן בנוגע דער שפראכן-פראגע אויפן יסוד פון דער סאציאלאגישער פארשונג, קאן זיין א צווייפאכער: אדער מען האלט, אז „זשארגאן" איז א „געבארגטע שפראך" און אלס אזעלכע — פרעמד דעם יידישן פאלק, און דאן שטרעבט מען צו דער פולקאמענער העברעיזירונג פון דעם יידישן לעבן, נישט בלויז אין ארץ-ישראל, נאר אויך אין די גלות-לענדער, אדער מען האלט, אז דער „זשארגאן" איז שוין אין דער היינטיקער צייט א קולטור-שפראך, וועלכע האט שוין אויך באוויזן צו ווערן פלייש און בלוט פון דעם יידישן פאלק, און העברעיש האט היינט פאר דער יידישער קולטור די באדייטונג, ווי די שפראך פון דעם קולטורעלן עבר. אחד-העם גלויבט אבער נישט

אין דער מעגלעכקייט, אז העברעיש זאל מחוץ ארץ־ישראל ווערן די יידיש: שפראך פון טאג־טעגלעכן לעבן, פאר די גלות־לענדער זעט ער פארויס ווייטער דעם דואליזם פון העברעיש, אלס שפראך פון דער „נאציאנאלער אביעקטיווער קולטור", און „זשארגאן" אלס שפראך פון דער קולטור פון „המון" און אלס אומגאנגס־שפראך פאר דעם גאנצן פאלק. אזא לעזונג פון דער פראגע איז פון סאציא־לאגישן שטאנד־פונקט א גלאריפיקאציע פון דער מיטאלטערלעכער קולטור־סטרוקטור!

מיר האבן געזען, ווי אזוי אחד־העם דערקלערט אלגעמיינע מיטלאלטערלעכע דערשיינונגען אלס ספעציפיש יידישע, סיי ווען ס'האנדלט זיך וועגן דער אמאליקער ראל פון דער רעליגיע, סיי וועגן דער ראל פון העברעיש און דעם כאראקטער פון דער אלטער העברעישער ליטעראטור. זיינע אויספירן בנוגע דער יידישער קולטור אין דער היינטיקער צייט שטיצן זיך לרוב אויף דידאזיקע פאלשע סאציאלאגישע הנחות, אדער ריכטיקער, זיי זענען א פועל־יוצא פון דעם מאנגל אין א מאדערנעם סאציאלאגישן שטאנדפונקט. מאנכע שטריכן פון דעם מכלומרשט ספעציפיש־יידישן נאציאנאלן כאראקטער ווייזן זיך ארויס ביי א סאציאלאגישער באטראכטונג אויך נישט מער, ווי א פארייביקונג פון דערשיינונגען פון דער מיטלאל־טערלעכער קולטור בכלל: די כאראקטעריסטישע שכלדיקייט פון דער העברעישער ליטעראטור, דער מאנגל אין דעם חוש פאר עסטעטיק, וואס איז נישט פארבונדן מיט שכלדיקייט. אנטשפרעכט דעם כאראקטער פון דעם מיטלאלטער און פון דעם מיטלאלטערלעכן ראציאנאליזם. דער יידישער פלפול און די קריסטלעכע סכאלאסטיק זענען א פועל־יוצא פון דערזעלבער מיטלאלטערלעכער קולטור־פסי־כאלאגיע. די העכערשאצונג פון „גייסט" לגבי דעם „חומר", וועלכע אחד־העם האלט פאר א ספעציפיש יידישן קולטור־אידעאל איז אויך כאראקטעריסטיש פאר אלע קולטורן פון דעם מיטלאלטער, ווייל דערדאזיקער דואליזם אין דער וועלט־באנעמונג איז כאראקטעריסטיש פאר יענער צייט. אויב דער רמב"ם רעדט וועגן צוויי שיכטן אין דער געזעלשאפט, פון וועלכע די קליינע מינדערהייט דארף זיך אפגעבן מיט רוחניות, און דער המון האט נאר אויף אזויפיל א זכות הקיום, ער זאל קענען מפרנס

זיין די פילאזאפן, איז עס נישט, ווי אחד־העם מיינט, א לאָגישער אויספיר פון זיין פילאזאפישן סיסטעם, נאר פארקערט: די גענעל־שאפטלעכע היערארכיע פון דעם מיטלאלטער האט זיך אפגעשפיגלט אין דער דואליסטישער טעאריע פון דעם רמב״ם (און פון אלע מיטל־אלטערלעכע פילאזאפן), וועגן גייסט און חומר.

אחד העם אליין, ווי מיר זען, האט נישט נאר נישט אויפגע־קלערט סאציאלאגיש די מיטלאלטערלעכע דואליסטישע וועלטבאנעמונג, נאר ער האט זיך אליין אונטערגעגעבן דער השפעה פון דעמדאזיקן דוא־ליזם. דערפון נעמט זיך, וואס דער דואליזם איז ביי אים דער כא־ראקטעריסטישער אונטערטאָן נישט בלויז אין דער פראגע פון גייסט און חומר, נאר אויך אין דער שפראכנפראגע, ווו ער גלאריפיצירט דעם דואליזם פון העברעיש, אלס קולטור־שפראך און יידיש אלס „זשארגאן" פון דעם המון, און אין דער טעאריע וועגן צוויי קולטורן, אן אביעקטיווער, און סוביעקטיווער.

פארעלטערט איז די טעאריע וועגן ספעציפיש־יידישע קולטור־אידעאלן, ווייל ס׳איז בכלל פארעלטערט דער שטאנדפונקט, אז דעם זכות הקיום פון א נאציע דארף מען ערשט באגרינדען דורך דעם, וואס מען געפינט ארויס די באזונדערע אידעאלן, מיט וועלכע די נאציע באשענקט די מענטשהייט. נישט קיין אנדערער, ווי אחד העם אליין דעפינירט זייער ריכטיק אין איינעם פון זיינע ערשטע ארטיקלען דעם מהות פון דעם ספעציפיש נאציאנאלן אין דער קולטור פון דער מענטשהייט. „דאס נאציאנאלע איז די קאנקרעטע פארם, אין וועלכער עס אנטפלעקט זיך פאר אונדז די מענטשהייט ביי יעדן פאלק, אין הסכם מיט זיינע לעבנס־באדינגונגען, זיינע באדערפענישן און זיין געשיכטע". 1)

דער זעלבער וואלונטאריזם, וועלכער איז ביי אחד העם דער פרינציפ פון באנעמען די יידישע קולטור־געשיכטע, דינט אים אויך אלס אויסגאנגס־פונקט פאר זיין טעאריע וועגן דער היינטיקער יידישער קולטור; ער האלט, אז אחוץ דעם קולטורעלן צענטער אין ארץ ישראל דארף ווירקן אלס דער וויכטיקסטער פאקטאר, וואס זאל העלפן אפ־היטן די אריגינאליטעט פון דער יידישער נאציאנאלער קולטור — דער

1) עפ״ד I „האדם בארץ" ז. 87 (פון מיר איבערגעזעצט).

באוווסטזיניקער ווילן בודק צו זיין אלע פרעמדע קולטורעלע השפעות, לויט דעם קריטעריום, צי זיי זענען אין הסכם מיט די יידישע נאציאנאלע אידעאלן, אדער זיי שטייען צו זיי אין א סתירה. ווארפט מען אבער אפ אחד העמס וואלונטאריזם ביי דער דערקלערונג פון דער יידישער קולטור־געשיכטע, און שטעלט מען אים אנטקעגן דעם פרינציפ פון אויספארשען די לעבנס־באדינגונגען, פון דעם פאלק אין יעדער תקופה, בקיצור דעם דעטערמיניזם, דאן מוז מען אויך געהעריק אפשאצן די באדייטונג פון די לעבנס־באדינגונגען פאר דער יידישער קולטור אין דער היינטיקער צייט. און איר ווייטערדיקע אנטוויקלונג שטעלט זיך דאן נישט ווי א פראגע פון נאציאנאלע נארמען, נאר ווי א פראגע פון נארמאליזאציע פון די לעבענס־באדינגונגען ביי דעם יידישן פאלק.

ד״ר ע. רינגעלבלום

בײטראָגן צו דער װירטשאַפטלעכער געשיכטע פון די מאַזאָװישע ײדן

I. דער האַנדל פון די װאַרשעװער ײדן בעתן מיטלאַלטער

די גינסטיקע געאָגראַפישע לאַגע פון װאַרשע האָט שוין לכתחלה גורם געװען, אַז זי זאָל פאַרנעמען אין אָנגעװײזענעם אָרט אינעם האַנדל פון פױלן מיט די אַרומיקע לענדער. דאָ האָבן זיך צונױפגעטראָפן די װעגן, װאָס פירן קײן דאַנציק, ליטע, דײטשלאַנד א. א. לענדער. דעריבער איז טאַקע װאַרשע תמיד פול געװען מיט פרעמדע סוחרים, װעלכע פלעגן אַהערקומען, כּדי צו שליסן געשעפטן מיט סוחרים פון װײטע מקומות אָדער מיט די װאַרשעװער מיעשטשאַנעס. צװישן די דאָזיקע סוחרים האָט — פאַרשטײט זיך — נישט געפעלט קײן ײדן, װעלכע האָבן אינעם דעמאָלטיקן אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל פון פױלן פאַרנומען אַ גאַנץ בכבודיק אָרט.

די פאָרשונגען איבער די װאַרשאָװער אַרכיװאַלישע אַקטן האָבן אונדז געבראַכט זײער אַ רײכן און אינטערעסאַנטן צושטײער צו דער געשיכטע פונעם ײדישן האַנדל אין פױלן. זײ האָבן אונדז אױך אַנטפּלעקט אַ סך װיכטיקע פּרטים װעגן דער ריכטונג און דעם אַרט מסחר פון די װעלט-באַקאַנטע ײדישע סוחרים פון בריסק-דליטא.

שוין פון דעם סכום נאָטיצן אין די וואַרשעווער געריכטסביכער איז קענטיק די איבערוואָג פון די בריסקער יידן אינם וואַרשעווער האַנדל. די גרעסטע צאָל געריכטסנאָטיצן איז זיי נוגע. דאָס קאָן אָבער פאַר אונז נישט זיין דער איינציקער קריטעריום, ווארום מיר מוזן געדענקן, אַז די אָפּמאַכן צווישן די וואַרשעווער יידן אַלס אַן אָרטיקן עלעמענט, פלעגן געוויינטלעך צושטאַנד קומען — מינדלעך, פאַרקערט, די אָפּמאַכן צווישן די בריסקער יידן און די דאַנציקער אָדער וואַרשעווער מיעשטשאַנעס אַלס אַ פרעמדער עלעמענט פלעגן פאַרשריבן ווערן אין די געריכטסביכער. נעמען מיר אָבער אין באַטראַכט דעם סכום קאַפּיטאַלן, מיט וועלכע ס'אָפּערירן די בריסקער יידן אין פאַרגלייך מיט די וואַרשעווער, מוזן מיר קומען צום אויספיר, אַז די בריסקער יידן האָבן דאָך פאַרנומען דעם אויבנאָן אינם יידישן האַנדל אין וואַרשע.

ביז די זעכציקער יאָרן — פונם XV-טן יאָר האָבן די יידישע סוחרים נישט אָנגעטראָפן אויף קיין שום מניעות מצד דער מאַכט. ערשט אינם יאָר 1461 [1] האָט — לויט אייניקע היסטאָריקער — דער מאַזאָווישער פירשט געזאָלט אַרויסגעבן אַ פּריווילעג לטובות די וואַרשעווער מישטשאַנעס, לויט וועלכן זיי מעגן 4 מאָל אין יאָר איינאָרדנען ירידים, בתנאי אַז ס'וועלן זיך באַטייליקן אין אים בלויז קריסטן.

אַ ווענדעפונקט אין דער געשיכטע פונם יידישן האַנדל אין וואַרשע איז דאָס יאָר 1483 [2]. דאַמאָלט האָט דער פירשט באָלעסלאַוו דער IV-טער אַרויסגעגעבן די וואַרשעווער בירגער אַ פּריווילעג, וועלכער באַגרענעצט די האַנדלסרעכט פון פרעמדע סוחרים (ד. ה. יידן), פאַרווערט זיי צו האַנדלען לאחדים אויסער דער צייט פון ירידים, און לאָזט פאַר זיי איבער בלויז דעם הורט-האַנדל.

נאָך די אַלגעמיינע באַמערקונגען גייען מיר איבער צום האַנדל פון די וואַרשעווער יידן גופא. ער קאָן איינגעטיילט ווערן אין 2

1) Kazimierz Tymieniecki „Najstarsi gospodarze Warszawy„ Warszawa 1919. קאַזימיערזש טימיענעצקי „די עלטסטע באַלעבאַטים פון וואַרשע" ז. 28.

2) Teodor Wierzbowski „Przywileje Starej Warszawy". טעאָדאָר וויערזשבאָווסקי „די פּריווילעגן פון אַלט-וואַרשע" נמר. 21, ז. 24.

טיילן: אַן אינערלעכן און אַן אויסלענדישן, אָפּהענגיק דערפון, צי ער באַגרענעצט זיך בלויז אויפן שטח פון וואַרשע, צי אויך מחוץ אירע מויערן.

קיין באַזונדערער קלאַס יידישע סוחרים אין וואַרשע איז — ווייזט אויס — דעמאָלט נישט געווען, וואָרום אַלע יידישע באַנקירן זענען גלייכצייטיק סוחרים. יידישע באַנקירן פלעגן דעמאָלט באַקומען פּראָצענט פון אַנטליענע געלטער, נישט אין מזומנים נאָר אין אַגראַר-פּראָדוקטן, ווי למשל תבואה, האָניג א. ד. גל. אָדער אין שטוב-חיות, ווי אַ שטייגער הינער, שאָף. וכדומה[1], ממילא איז זיי אויס-געקומען די באַקומענע פּראָדוקטן צו פאַרקויפן. ס'פלעגט אויך אָפּט טרעפן, אַז יידישע באַנקירן — האָבן באַקומען אַלס ערבות די פעל-דער פון זייערע בעל-חובות, זיי פלעגן זיי באַאַרבעטן און די גע-זאַמלטע פירות פאַרקויפן.

די וואַרשעווער מיעשטשאַנעס האַנדלען מיט פאָלגענדע לאַנד-אַרטיקלען: בהמות, תבואה, האָלץ (אין הורט), פערד[2] א. אַ. פון קלענערע אַרטיקלען: האָניג, הינער א. ד. גל. אַזוי, אַ שטייגער דערוויסן מיר זיך פון די געריכטסאַקטן פונם יאָר 1414, אַז דער וואַרשעווער ייד לאַזאַרוס האָט פאַרקויפט דעם טשערסקער ווייִן-סוחר פּיאָטר בהמות פאַר אַ באַדייטנדיקער סומע פון 12½ שאָק גראָשן[3]; דערזעלביקער פאַרקויפט אינם יאָר 1431 — דעם שליאַכציץ סטאַניסלאַוו פון בלייזו האָלץ (robora) פאַר 14 שאָק גראָשן[4]. אינם יאָר 1425 פאַרקויפט די וואַרשעווער יידישקע דעם רימער וואן — אַ פערד פאַר 2 שאָק גראָשן[5].

דער האַנדל מיט לאַנד-פּראָדוקטן גליטשט זיך אַרויס פון יידישע הענט אין מיטן XV-טן י"ה, צו דעם האָבן גורם געווען די ענדערונגען אינם יידישן קרעדיט. יידן הערן דעמאָלט

1) פאַרגלייך מיין אַרטיקל „סטודיען איבער דער געשיכטע פון די יידן אין מאזאוויע" (Przegląd historyczny, יאַנואר ז. 3=330)

2) וואַרשעווער לאַנד און גראָדיאַקטן (=וו. ל. ג. א.) נר. 1, ז. 208, יאָר 1425; אַרט ז. 230, יאָר 1426 (Ksiegi ziemskie i grodzkie Warszawy)

3) דאָס געריכטסבוך פון טשערסקער קרייז (Księga ziemi czerskiej) 25 — 1404, אויסגאַבע פון פירשט לובאָמירסקי, נר, 273, יאָר 1414

4) וו. ל. ג. א. נר, 2, ז. 71, יאָר 1431

5) וו. ל. ג. א. נר, 1, ז. 197, יאָר 1425

אויף צו באָרגן געלט אויף אומבאַוועגלעכע משכונות (ערד) און פּראָצענטער נעמען זיי שוין נישט מער אין נאַטור-פּראָדוקטן. אויף דעם אונטערגאַנג פונם יידישן האַנדל מיט לאַנד-פּראָדוקטן האָט אויך געווירקט דער פּריווילעג פון דער מיט XV-טער י"ה (אָפּגעשאַפט אינם יאָר 1482[1]), וועלכער האָט פאַרווערט זייטיקע פּערזאָנען איינצוקויפן אויפן יריד פּראָדוקטן ביי פויערים, אַזוי לאַנג ביז וואַנען ס'האָבן נישט איינגעקויפט די וואַרשעווער מיעשטשאַנעס און באַאַמטע.

באַגרענעצט אינם האַנדל מיט לאַנד-פּראָדוקטן, וואַרפן זיך די וואַרשעווער יידן אַריבער צום האַנדל מיט פאַרפאַלענע משכנות (ד. ה. אַזעלכע משכונות, וואָס זענען נישט אויסגעלייזט געוואָרן צו דער צייט דודכן משכון-געבער) אין צום האַנדל מיט אויסלאַנד.

בכלל זענען די וואַרשעווער יידן געשטאַנען אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט די אויסלענדישע יידן. פאַר דעם זאָגט עדות דער פירשטלעכער פּריווילעג פונם יאָר 1469[2]), וועלכער פאַרווערט די וואַרשעווער יידן צו אַפּעלירן פון די יידישע געריכטן אין מאַזאָוויע צו די אויסלענדישע רבנים. דער איסור באַווייזט, אַז מסתמא זענען אַזעלכע מינים אַפּעלאַציעס קיין אויסלאַנד געווען אַן אָפטע דערשיינונג.

מיר הערן אויך וועגן נסיעות פון וואַרשעווער יידן קיין אויסלאַנד — ווייזט אויס — אויך צוליב האַנדלס-צוועקן, אַזוי למשל דערוויסן מיר זיך פון די געריכטס-אַקטן, אַז דער וואַרשעווער ייד העליאַס איז אינם יאָר 1458[3]) געפאָרן קיין אויסלאַנד („in partes alienas", in partes ulteriores„) פון וואַנען ער האָט זיך ערשט אומגעקערט אין צוויי יאָר אַרום (1460). וועגן דער נסיעה דערוויסן מיר זיך צופעליק, צוליב אַ סכסוך צווישן העליאַס קרובים וועגן דער אַפּטרופּסות איבער פעליאַס טעכטערל שפּרינצע. וויפיל אָבער אַזעלכע נסיעות „in partes alienas" האָבן נישט אַרויסגערופן קיין קאָנפליקטן און ממילא נישט דערגאַנגען צו אונז?

ס'זענען אויך פאַרבליבן ידיעות וועגן דער ריכטונג, אין וועלכער

1) דונין קאַראָל „דאָס אַלטע מאַזאָווישער געזעץ" Dunin Karol „Dawne prawo mazowieckie" ז. 106.

2) וו. ל. ג. א. נר. 4, ז. 330, יאָר 1469

3) וו. ל. ג. א. נר. 3, ז. 310, יאָר 1457

ס׳איז געגאַנגען דער דעמאָלטיקער האַנדל מיט אויסלאַנד. אָט למשל טרעפן מיר אינם יאָר 1453[1] פיר מאַזאָווישע יידן אויפן וועג קיין פּרייסן. זיי ברענגען דעם גרויס מייסטער פון דעם טעווטאָנער אָרדן אַ בריוו פונם פּוילישן קיניג קאַזימיערזש יאַגעללאָנטשיק, וועגן אַן עולה, וועלכער דער „pflager„ צורנבליקע (Zurnblicke) איז באַגאַנגען לגבי דעם גראָדנער ייד שלמה.

אמת אין דער דערמאָנטער נאָטיץ זאָגט זיך נישט בפירוש, אַז דאָס זענען געווען וואַרשעווער יידן, אָבער אַזוי ווי וואַרשע איז שוין דעמאָלט געווען די הויפּשטאָט פון מאַזאָוויע, קאָנען מיר דרייסט אָננעמען, אַז זיי אַלע, אָדער לכל הפחות אַ טייל פון זיי, זענען געווען וואַרשעווער יידן.

דידאָזיקע יידן האָבן געקאָנט זיין אַזעלכע טיפּן ווי דער אויבנ-דערמאָנטער העליאָס אָדער אַן אַנדער ייד מיטן נאָמען יעסמיין. וועגן לעצטן איז אונדז באַוווסט, למשל אַז אין די יאָרן 1435-41 האָט ער שטענדיק געווינט אין וואַרשע,[2] געהאַט דאָרט אַן אייגן הויז,[3] ער האָט זיך אָבער נישט פאַרנומען מיט וואָכער, וואָרום מיר טרעפן נישט וועגן אים די מינדסטע ידיעה אין די קוועלן. דערזעלביקער יעסמאַן האָט אָבער אינם יאָר 1441 איינגעקויפט ביבער-פעלעכלעך פאַר 3½ שאָק גראָשן — ס׳איז אַלזוי קלאָר, אַז זיין הויפּטבאַשעפטיקונג איז געווען דער מסחר[4].

די וואַרשעווער יידן האָבן אָן אַ ספק גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אינם האַנדל מיט דאַנציג, מיר קענען דאָס אַרויסדרינגען דער-פון, וואָס וואַרשע ליגט אויפן וועג קיין דאַנציג און אין יענע צייטן

1) Am Sonntage nach omnium sanctorumm im L III (1435) iare bruchlen wier Juden us Mazowien dissen des hern konigs brieff ken Marienburg in kegenwertikeit des pflegers Zurnblicke (odex epistolaris XV, saeculi (Mon. medii aevi hist. T, XIv) T III. № 57

2) וואָיט אין-שעפן-אַקטן (Advoc et Scavinalia) פון אַלט-וואַרשע נומער 525, 302, יאָר 1435 אין 614, יאָר 1441.

3) אין יאָר 1439 פאַרקויפט יעסמאַן זיין הויז אין וואַרשע דעם מאַלאַוש פּיאַטר בתנאי, אַז ער וועט דאָרט ווייטער וווינען, (וואָיט-און גראָד-אַקטן נ״ר 525, 529,

4) דאָרט נ״ר 614, יאָר 1441.

זענען די באציאונגען מיטן טעווטאנער ארדן געווען גוטע. דאנציק איז אלץ מערער אפהענגיק געווארן פון פוילן און צייט דעם יאר 1454 איז עס אפילו אינגאנצן ארונטערגעפאלן אונטער פוילנס ממשלה אלס א פריישטאט. א באווייז, אז מאזאווישער יידן האבן זיך טאקע באטייליקט אינם דאנציקער האנדל האבן מיר שוין געבראכט פריער.

א חוץ דאנציק פארקערן די ווארשעווער יידן מיט איטאליע. אט למשל לייענען מיר אין די געריכטס-אקטן פונם יאר 1483[4] וועגן א סכסוך, וואס איז אויסגעבראכן צווישן דעם בריסקער ייד זוסמאן און דעם יידן פון ווארשע רובין. דער לעצטער האט זיך מתחיב געווען צו באצאלען זוסמאנען 10 פלארין אלס בייטראג צו זיינע הוצאות-הדרך קיין ווענעדיק, דערפאר האט אים זוסמאן געזאלט ברענגען פון דארט א געוויסע צאל גילדענע רינגלעך און 300 פלארין פון רובינס א פריינט אין ווענעדיק. זוסמאן האט זיין שליחות אויסגעפירט, רובין וויל אים אבער נישט אויסצאלן די צוגעזאגטע 10 פלארין. וויאזוי האט זיך געענדיקט דער פראצעס איז אונדז נישט באוווסט.

די געבראכטע נאטיץ איז א קליינער באווייז, אז די ווארשעווער יידן האבן זיך, פונקט ווי די קרוין-יידן, אקטיוו באטייליקט אינם האנדל מיט איטאליע.

אין לעבעדיקע באציונגען זענען אויך די ווארשעווער יידן געשטאנען מיט וואלין. אזוי א שטייגער איז דער ווארשעווער ייד מאני ערוב פארן וואלינער ייד מאני[2]. א טייל ווארשעווער יידן ציען זיך אפילו אריבער קיין וואלין. אזוי למשל טוט האש, דער זין פונם ווארשעווער ייד יעקב, וועלכער באזעצט זיך אין לוציק אינם יאר 1464[3].

די אויבנגעבראכטע נאטיצן באווייזן דייטלעך, אז די ווארשעווער יידן האבן זיך שטארק פארנעמען מיטן אויסלענדישער האנדל. ס'וואלט אבער געווען א טעות צו פארגלייכן זיי מיט די בריסקער יידן — די בארימטע וועלט-סוחרים. דו האנדלס-אפמאכן פון די ווארשעווער דערגרייכן קוים עטלעכע צענדליק שאק גראשן, בעת די בריסקער אפערירן מיט הונדערטער און טיילמאל טויזנטער.

1) לאנד-אקטן פון טארטשינער פאוויאט נ"ר 3, פיילום 69, יאר 1483.

2) וו. ל. ג. א. נר, 3, ז. 1124, יאר 1465

3) וו. ל. ג. א. נר, 3, ז. 1103, יאר 1464

אפילו אַזאַ יידישער סוחר אין וואַרשע, וואָס האָט עולה לגדולה געווען און באַקומען דעם טיטול הויפליפעראנט, ווי למשל דער „באַרימטער" („famosus") ייד ביענייאַש, באַקומט בס"ה פאַרן שטאָף, וועלכעס ער האָט צוגעשטעלט פאַרן וואַרשעווער פירשט, נישט מער ווי 7 פלאָרין[1]. אויך די יידישע ליפעראַנטן פון די מאַזאָווישער פריצים אָפערירן מיט קליינע געלט־סומעס. וועגן איינעם אַזעלכן, דעם וואַרשעווער ייד יצחק, וועלכער האָט נישט איין מאָל געמאַכט ווייטע האַנדלס־נסיעות, דערוויסן מיר זיך, אַז ער איז זיך אינם יאָר 1433 מתחיב צוצושטעלן דעם קאַנאָניק זעלאָווסקי אַ געוועב פון פערל[2].

II פויליש־ליטווישע און מאַזאָווישע יידן אין וואַרשע

1 אַלגעמיינע באַמערקונגען

צוליב אירע גינסטיקע געאָגראַפישע באַדינגונגען האָט וואַרשע פאַרנומען אַ אָנגעזעענעם אָרט אינם מיטלאַלטערלעכן האַנדל פון פוילן. מחמת דעם איז זי טאַקע געוואַקסן אין אַ גיכן טעמפּ אין XIV־טן און בפרט אינם XV־טן י"ה. וועגן דעם זאָגן עידות די צאָלרייכע פריווילעגן, מיט וועלכע די מאַזאָווישע פירשטן באַשענקען די וואַרשעווער מיעשטשאַנעס.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז נישט קיין וווּנדער, פאַרוואָס אַ סך פרעמדע סוחרים פלעגן זיך אָפט אויפהאַלטן אין וואַרשע. אַדורכפאָרנדיק דורך דאַנעט אין פאַרשידענע ריכטונגען. צווישן די דאָזיקע פרעמדע האָט אויך נישט געפעלט קיין יידן, וואָס האָבן געשפילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אינם דאַמאָלטיקן טויש־האַנדל פון פוילן. באַקענענדיק זיך נענטער מיט די באַדינגונגען פון מאַזאָוויע, פלעגט נישט איין פרעמדער ייד באַשליסן צו בלייבן אויף שטענדיק אין וואַרשע.

אַ סך פון די דאָזיקע צוגעקומענע שטאַמען פון די מאַזאָווישע שטעטלעך, ווי למשל: ווישעגראָד, זאַקראָטשים א. אַ. פון גרויס־פוילן

1) די מאַזאָווישע פירשטלעכע מעטריק, M. 7 ז. 33, יאָר 1481

2) וו. ל. ג. א. נר, 2, ז. 202, יאָר 1432

3) וו. ל. ג. א. נר, ז. 216, יאָר 1433

קומט אָן אינם יאָר 1459 אַ גאַנצע גרופּע יידן[1]. אויך פון שלעזיע קימען אָן יידן קיין וואַרשע. אַזוי אַ שטייגער באַזעצט זיך דאָ אינם יאָר 1463 דער ייד מושקא פֿון גלאָגאַ[2]) פון די געריכטס-אַקטן פונם יאָר 1463 דערוויסן מיר זיך אויך וועגן אַן אַנדערן שלעזישן ייד, דעם דאָקטאָר ישראל, וואָס האָט — משמעות — געשטאַמט פון דער שלעזישער עלס (Oels)[3].

אַרום דידאָזיקע דרייען זיך נאָך אַרום אַנדערע פרעמדע יידן אין וואַרשע; ס'איז אָבער נישט באַוווּסט, פון וואָס פאַר קאַנטן זיי שטאַמען. מיט איינעם אַזעלכן, וואָס הייסט יעקב דער פרעמדער (Jacobus alienigena) פּראָצעסירט זיך אינם יאָר 1463 דער וואַר-שעווער ייד אָשוואַ[4].

אַ סך סיבות האָבן גורם געווען די וואַנדערונג פון די יידן קיין וואַרשע. די וויכטיקסטע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מאַזאָוויע איז געווען הינטערשטעליק לגבי די מערבדיקע קאַנטן פון דער קרוין, דאַריבער איז זי געווען צוגעפּאַסט פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע פּונקט, ווי דאָס איז גלייכצייטיק געשען מיט דער מדינה רייסן. די ריכטונג פון דער יידישער עמיגראַציע אין פּוילן פון מערב קיין מזרח איז נישט געווען קיין צופעליקע. און כמעט אַלע לענדער פון אייראָפּע איז די יידישע וואַנדערונג בעתן מיטלאַלטער כמעט תמיד געגאַנגען פון די מער-אַנטוויקלטע לענדער אין מערב צו די ווייני-קער אַנטוויקלטע אין מזרח.

די יידישע וואַנדרונג קיין וואַרשע האָט נאָך גורם געווען דאָס, וואָס דאַמאָלט האָט זיך וואַרשע אַלץ מער אַרויסגערוקט אַלס די הויפּט פון מאַזאָוויע. דאַריבער פלעגן אַ סך יידן, וועלכע זענען נתעשר געוואָרן אין דער מאַזאָווישער פּראָווינץ, ציען קיין וואַרשע. כדי דאָרט צו פירן אַ גרעסערן מסחר און כדי גלייכצייטיק צו באַפרידיקן זייערע רעליגיעז-קולטורעלע באַדערפנישן, וואָס איז לייכטער אָנגעקומען אין אַ גרעסערער שטאָט.

---

1) וואַרשעווער לאַנד — און גראַד-אַקטן (= וו. ל. ג. א.) Akta ziemskie i grodzkie Warszawy נר, ז. 382, יאָר 1458

2) וו. ל. ג. א. נר, 2, ז. 142, יאָר 1432

3) וו. ל. ג. א. נר, 3, ז. 9—968, 973, יאָר 1463

4) וו. ל. ג. א. נר, 4, ז. 161, יאָר 1468

די פרעמדע יידן אין וואַרשע קאָן מען איינטיילן אין 2 גרופּעס: אין אַ האַנדלס־גרופּע און אין אַ באַנקירישער. צו דער ערשטער פאַררעכענען מיר די יידן פון בריסק־דליטא, פון וואָלין און פון רויט־רוסלאַנד (בעלז), וועלכער מיר ווידמען אַ באַזונדערן קאַפּיטל; צו דער צווייטער — די מאַזאָווישע יידן, די יידן פון קויאַוויע און פון גרויס־פוילן. די ערשטע גרופּע קניפּט אָן אין וואַרשע האַנדלס־באַציונגען כמעט אויסשליסלעך מיט וואַרשע אָדער דאַנציקער סוחרים; די צווייטע פאַרנעמט זיך רק מיט קרעדיט און שטייט אין נאָענטע באַציונגען מיט די וואַרשעווער יידן.

די צווייטע גרופּע האָט געבילדעט דעם הויפּטרעזערוואַר, פון וועלכן ס'האָט זיך רעקרוטירט די יידישע קהילה אין וואַרשע. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, איז נויטיק זיך אָפּצושטעלן אויף דער ווייטערדיקער, פּרינציפּיעלע פראַגע: צי צווישן די פרעמדע יידן, וועלכע מיר פאַררעכנען צו דער גרופּע פון צייטווייליקע זענען אייגנטלעך נישט געווען אויף שטענדיק באַזעצט אין וואַרשע. די באַצייכנונג פון יידן און די קוועלן, ווי „de Wischegrod“ „de Breszcie“ א. ד. ג. ל. מוז נישט דוקא באַטייטן, אַז דער דערמאַנטער ייד וווינט שטענדיק אין בריסק, אין ווישעגראָד אָדער ערגעץ ווו אַנדערש. ס'קאָן אויך געמאָלט זיין, אַז דער ייד איז טאַקע אַ וואַרשעווער תּושב, נאָר דעם אָפּשטאַמונגס־אָרט de Breszcie א. ד. גל. האָט אים דער שרייבער צוגעגעבן, כדי אים פונאַנדערצעשיידן פון אַן אַנדער יידן, וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען. אין אַלגעמיין איז אָבער שווער צו געפונען די גרענעץ־ליניע, וואָס טיילט אָפּ די יידן פון די אַנדערע. בדרך כלל קאָן אָבער געזאָגט ווערן, אַז די אַלע יידן „de Wishegrad“ „de Breszcie“ א. אַ. זענען געווען מיטגלידער פון דער וואַרשעווער קהילה. דערויף האָבן מיר די ווייטערדיקע באַווייזן: 1) פאַר די צייטן, אין וועלכע מיר טרעפן אַממייסטן נאָטיצן וועגן „פרעמדע“ יידן און וואַרשע, האָבן מיט אַ גענויע רשימה פון די שטענדיקע יידישע איינוווינער אין וואַרשע (די שטייער־רשימה פונם יאָר 1425[1]). אין דער דערמאָנטער רשימה געפינען מיר אָבער נישט קיין איין יידן, וועלכן די מקורים רופן אָן „פון בריסק“, „פון ווישעגראָד“, „פון פלאָצק“ א. ד. גל.

1) וו. ל. ג. א. נאר 4, ז. 64, נאר 1423

2) וואָס שייך אַטייל יידן, וועלכע מיר שטעלן אַריין אין איינער פון די אויבנדערמאָנטע גרופּעס, לאָזט זיך קוועלנמעסיק פעסטשטעלן, אַז זיי זענען אויך ווייטער געווען פאַרבונדן מיט זייער אָפּשטאַמונגס-אָרט. אַזוי למשל טרעפן מיר אָפט אין וואַרשע די ווישעגראָדער יידן מאַי, אסמאַן, אשר א.א. און גלייכצייטיק פיגורירן זיי אויף דער שטייער-רשימה פון די שטענדיקע יידישע איינוווינער אין ווישעגראָד.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער באַרירטער פּראַגע, איז וויכטיק אַ געוויסע נאָטיץ פונם יאָר 1468. אין איר ווערט דערמאָנט אַ ייד, וועלכער וווינט אין וואַרשע, איז אָבער נישט קיין מיטגליד פון דער וואַרשעווער קהלה און ווערט אָנגערופן אין די קוועלן מיטן צונאָמען „פרעמדער“ („alienigena“).[1]

איצט לאָמיר זיך באַקענען מיט דער יידישער אויסוואַנדערונג פון וואַרשע. ביז צו די 80-ער יאָרן פון XV-טן יאָר טראָגט די יידישע אַן אינדיווידועלן כאַראַקטער ד. ה. אַז נאָר איינצעלנע פערזאָנען פאַרלאָזן וואַרשע צוליב פערזענלעכע סבות. אַזוי למשל טראָגט זיך איבער קיין צאַזמער דער וואַרשעווער ייד לאַזאַרוס (אינם יאָר 1433).[2]

אָנהויבנדיק פונם יאָר 1483 טראָגן שוין די סיבות פון דער אויסוואַנדערונג אַן אַלגעמיינערן כאַראַקטער. פון דעמאָלט אָן ווערט איינגעפירט דער פּריווילעג de uor tolerandis Judacis אין וואַרשע. אַרום דעם פּריווילעג פירט זיך אַ שאַרפער קאַמף צווישן די יידן און די בירגער, ביז וואַנען דער ענין איז ענדגילטיק ערלעדיקט געוואָרן אינם יאָר 1527 לטובת די מיעשטשאַנעס (ד. ה., אַז די יידן זענען סוף כל סוף פאַרטריבן געוואָרן פון וואַרשע). פון דאַנען נעמט זיך אַ ספּעציעלע קאַטעגאָריע יידישע עמיגראַנטן, וועלכע פאַרלאָזן וואַרשע אויף אַ לענגערער אָדער קורצערער צייט, צוליב די רדיפות פון די מיעשטשאַנעס. על פי רוב באַזעצן זיי זיך אין דער נאָענט פון וואַרשע, כדי צו קאָנען ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט צוריקקומען אין זייער אַלטער היים. צו די שטעט געהערן: ניי-וואַרשע, בלוינע (Błonie), נאַדאַרזשין, פּולטוסק און טשערסק.[3]

1) וו. ל. ג. א. נ״ר 4, 3. 161, יאָר 1468
2) וו. ל. ג. א. נ״ר 2, ס. 96, יאָר 1432
3) וועגן דעם ב־ייטער אינם קאַפּיטל וועגן דער אויסערלעכער געשיכטע פון די יידן אין וואַרשע ביזן יאָר 1527״

III. די קרעדיט־אָפּעראַציעס פון פרעמדע יידן אין וואַרשע.

די פראַגע פון צוגעהעריקייט פון פרעמדע יידן, וועלכע מיר האָבן בלויז אין אַלגעמיין אַרומגערעדט, איז פאַר אונדז וויכטיק ביים באַהאַנדלען די קרעדיט־טעטיקייט פון די מאַזאָווישער יידן, בפרט פון דיווישעגראָדער יידן. דעריבער וועלן מיר צום ערשט זיך באַקענען מיט די מאָמענטן, וואָס רופן אַרויס אַ ספק צו וואָס פאַרא קהלה צו פאַררעכענען דעם אָדער יענעם מאַזאָווישן ייד. אָט זענען זיי:

1) אַ טייל ווישעגראָדער יידן האָבן הייזער אין וואַרשע. אַזוי אַ שטייגער ווייסן מיר, אַז דער רייכער ווישעגראָדער ייד מאַי פאַרקויפט אינם יאָר 1436 [1]) זיין הויז אין וואַרשע דעם וואַרשעווער יידן יוסף. אין אַ יאָר שפּעטער קויפט אָפּ דער וואַרשעווער קצב מאַרצין דאָס הויז פון דער ווישעגראָדער יידישקע מאַלטשע, דער אלמנה פון אָשמאַן [2]) אין וואַרשע.

2) ניט איין מאָל טרעפן מיר מאַזאָווישע יידן (ווישעגראָדער, פּלאָצקער, ראַווער א. א.) אין דער ראָל פון עדות בעת פּראָצעסן, וואָס פירן זיך צווישן וואַרשעווער יידן. אַזוי אַ שטייגער זאָגן עדות אינם פּראָצעס צווישן דער וואַרשעווער יידישקע הדסה אין יעקבן — די יידן מיסטערלין דער בלינדער פון פּלאָצק, שלאָמאַ, אָסמאַן, אברהם מאַרעק און לאַכמאַן פון ווישעגראָד.[3])

3) זייער אָפט זענען מאַזאָווישע יידן ערבים פאַר וואַרשעווער, ווי למשל די מושקא פון פּלאָצק און זאַנדקאָ פון ראַווע, וואָס האָפטן דעם פירשט פאַרן וואַרשעווער ייד שלמה. 4) אַן אַנדער ייד מיטן

1) וו. ל. ג. אַ. נ״ר 2, ז. 425, יאָר 1436

2) וואַרט־און גראָד־אַקטן פון אַלט־וואַרשע נ״ר 525, אויכגאַבע וולאָדאַרסקי נ״ר 417, 1437.

3) וו. ל. ג. א. נ״ר 11, ז. 182, יאָר 1425.

4) די מאַזאָווישע מעטריק נ״ר M 335, פאָליום 137, יאָר 1448

באַמען מאַי פון ווישעגראַד איז זיך פאַרן פירשט מתחיב צוצושטעלן אים דעם וואַרשעווער ייד יצחק.[1]

4) אויך די געריכטס-שרייבער האָבן געפּלאָנטערט די צוגעהעריקייט פון די מאַזאָווישע יידן. אַזוי אַ שטייגער טרעפט זיך, אַז די געריכטס-שרייבער באַצייכענען אַ טייל ווישעגראַדער יידן, וואָס האָבן זיכער געהערט צו דער ווישעגראַדער קהלה (זיי געפינען זיך אויף דער שטייער-רשימה פון דער ווישעגראַדער קהלה) אַמאָל אַלס ווישעגראַדער, אַ צווייט מאָל אַלס וואַרשעווער.

פון דעם אַלעם איז קענטיק, אַז די יידן פון דער מאַזאָווישער פּראָווינץ האָבן זייער אַקטיוו געאַרבעט אין וואַרשע און, אַז נישט איינער פון זיי פלעגט זיך דאָרט אויף שטענדיק באַזעצן. אַזאַ טענדענץ איינצוואַנדערן פון קלענערע שטעט אין גרעסערע באַגעגענען מיר אויך מחוץ די גרענעצן פון פּוילן.

לאָמיר זיך אָבער אומקערן צו אונזער ענין. אויב מיר זאָלן משפּטן לויט די געריכטס-נאָטיצן, וואָלט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז די אָפּמאַכן וועלכע ווערן דורך די פרעמדע יידן געשלאָסן, טראָגן אויס-שליסלעך אַ קרעדיט-כאַראַקטער. דאָס איז אָבער לאָגיש און מעגלעך בלויז בנוגע צו די יידן פון די נאָנטע שטעט און שטעטלעך, ווי ווישע-גראַד, פּלאָצק א. א. ס'איז זיך אָבער שווער פאָרצושטעלן, אַז דאָס זאָל אויך נוגע זיין יידן פון ווייטערע קאַנטן, ווי למשל גרויספּוילן. וואַרשיינלעך איז דער ציל פון זייער נסיעה געווען אויך דער האַנדל, הגם אין די נאָטיצן איז נישט פאַראַן וועגן דעם קיין קלענסטער רמז.

די פרעמדע יידן שליסן אָפט שותפותן מיט די וואַרשעווער, וואָרום — ווי באַוווּסט — האָבן די דעמאָלדיקע יידן געהאַט קליינע קאַפּיטאַלן.

אַזעלכע שותפותן דערמאָנען די געריכטס-אַקטן פונם י. 1436:

אַ פּלאָצקער ייד לייב מיטן צונאָמען דער שוואַרצער[2] באַקומט אויפן סמך פון פּסק-דין פונם געריכט דאָס רעכט איינצומאָנען 12 שאָק גראָשן ביי די בעל-חובות פון דעם פאַרשטאָרבענעם וואַרשעווער ייד אַלעקסאַנדער.

1) וו. ל. ג. א. ג"ר ז, 2, 427, יאָר 1436.
2) וו. ל. ג. א. ג"ר 2, ז, 443, י. 1436.

דאָס געלט קומט אויך פונם שותּפות, וועלכן ער האָט געהאַט מיט אַלעקסאַנדערן. אויך דער ווישעגראַדער עושר מאַי שליסט אָפּט שותּפות מיט די וואַרשעווער באַנקירן יוסף און יעקב.

די פּאַרצווייגטע קרעדיט-טעטיקייט פון די פרעמדע יידן אין וואַרשע צווינגט זיי צו קאָאָרדינירן זייער טעטיקייט מיט וואַרשעווער יידישע באַנקירן. זיי שליסן דעריבער אַ נישט אײנגאַנצן פאַר אונז קלאָרן אָפּמאַך, וועלכער לויטעט: „די יידן אברהם, אַלעקסאַנדער, יעקב אָסמאַן, מאַי, שפּרינצע האָבן אונטער אַ (יידישער) שבועה צוגעזאָגט צו געבן פון אַ שאָק גראָשן אַזויפיל (וואַרשיינלעך וואָכער), וויפיל ס'האָט געגעבן אָסמאַן, מאַי און שפּרינצע.[1]

אַ חוץ די מאַזאָווישע יידן פאַרנעמען זיך אויך מיט וואָכער די גרויס-פּוילישע און קויאַווער יידן. אַזוי אַ שטייגער ברענגען אונדז די געריכטס-אַקטן פונם יאָר 1435 אַ ידיעה וועגן אַ הלוואה, וועלכע ס'האָט געגעבן דער קאַלישער ייד שמעון.[2] פון די קויאַווישע יידן דערמאָנען די אַקטן ישראל פון קלאָדאַווע,[3] וועלכער גיט איבער דעם וואַרשעווער ייד אַלעקסאַנדער די פולמאַכט איינצומאָנען די חובות ביי דער שלאַכטע פון וואַרשעווער געגנט.

IV. די ווישעגראַדער יידן

מיר האָבן געהאַלטן פאַר נויטיק, אַרומצורעדן באַזונדער די קרעדיט-אָפּעראַציעס פון די ווישעגראַדער יידן, ווייל צווישן די פרעמדע יידן אין וואַרשע — פאַרנעמען זיי דעם אויבנאָן. אַ חוץ דער געאָ-

---

1) Jubei conscribuntur. Jtem Judeus Abraham, Dawid, Alexander, Jacub, Osman, Mauis, Sprincza omnes sub fideli iuramento Judaicali promiserunt dare a sexcaqena tam multum dare sicunt dant Osman et May set Sprincza etiam compcomisit dare tam eis Datum die Dominico proximo venturo.

2) וו. ל. ג. א. ג"ר 2, ז. 411, יאָר 1435.

3) וו. ל. ג. א. ג"ר 2, ז. 190, יאָר 1433.

גראַפישער נאָנטקייט, ווירטשאַפטלעכער צוזאַמענגעבונדנקייט האָבן דאָס נאָך גורם געווען פּאָליטישע מאָמענטן: די צוגעהעריקייט צו איין פירשט.

צוליב דער גאַנצקייט וועלן מיר, נישט בלויז אַרומרעדן די ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט פון די ווישעגראַדער יידן אין וואַרשע, נאָר אויך אין ווישעגראַד, דאָס אַלץ וועלן מיר מקדים זיין מיט אַ קורצן געשיכטלעכן איבערבליק איבער דער אַנטשטייונג פון דער יידישער קהילה אין ווישעגראַד.

די באַווייזט זיך צום ערשטן מאָל אויף דער געשיכטלעכער אַרענע אינם יאָר 1422[1], אַלזאָ כּמעט גלייכצייטיק מיט וואַרשע. די די ערשטע נאָטיץ, וועלכע איז פאַרהיט געוואָרן וועגן די ווישעגראַ־דער, דערלויבט אונז אַרויסצוזאָגן די השערה, אַז די יידן האָבן זיך דאָרט באַזעצט מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר פריער — אפשר אין דער־זעלבער צייט ווען די וואַרשעווער, ד. ה. סוף XIV־טער י״ה.

די נאָטיץ דערציילט, אַז אינם יאָר 1422 האָט דער וואַרשעווער פירשט יאַנוש געשאָנקען דעם ווישעגראָדער ייד מאַי אויף לעולם ועד זיין ווייננאָרטן בתנאי, אַז ער און זיינע קינדער וועלן דערפאַר צאָלן יערלעך 4 פלאָרין צינש. פון דער נאָטיץ איז קלאָר, אַז דער פירשט איז מיט מאַיען געווען באַקאַנט שוין פאַרן י. 1422, הייסט עס, אַז אויך די יידן און ווישעגראָד האָבן געלעבט פאַרן יאָר 1422.

אין אַ יאָר שפּעטער[2] ברענגען אונז די געריכטס־ביכער אַ שטייער־רשימה פון די ווישעגראָדער יידן. פון דער רשימה איז צו זעען, אַז די יידישע קהילה אין ווישעגראַד איז נישט אָפּגעשטאַנען פון די וואַרשעווער, נישט בלויז בנוגע דעם סכום שטייער־צאָלערס (אין וואַרשע 10, אין ווישעגראָד 8), נאָר אויך בנוגע דער הויך פון די שטייער־סומעס, וועלכע האָט איןביידע שטעט באַטראָפן צו 30 פלאָרין.

אין דער ווישעגראָדשער קהילה פאַרנעמט דעם אויבנאָן דער ייד מ אַ י. מיטן פירשט שטייט ער אין גוטע באַציונגען — אַ סימן, דער ווייננאָרטן, וועלכן ער באַקומט פונם פירשט. דער פירשט שענקט אים אַ

1) די מאַזאָווישע מעטריק M נ״ר 3, פּאָליום 90, נאָר 1422.

2) מאַי האָט באַצאָלט 6 פלאָרן. זיין מוטער—6 פ. די אַלמנה אנגעלאָווא— 3 פ. מאַרעק — 3 פ. לאַכמאַן — 2 פ. שמואל — 6 פ. אשמאַן — 6 פ.

שטאַרקן צוטרוי. דאָס איז קענטיק פונם פאַקט, אַז אינם יאָר 1436 איז ער צוזאַמען מיט דעם אדעליקן באַלעסטא פון דאָמבראָווקא ערוב דעם פירשט פאַר דעם ייִד יצחק אויף אַ סומע פון 100 פלאָרין[1]. דעם אָפּמאַך, וועגן וועלכן די ווישעגראָדער ייִדן האָבן געשלאָסן מיט די וואַרשעווער, פירט אויך אַדורך מאַי אינם נאָמען פון די ווישע-גראָדער ייִדן[2].

אונזער מאַי, וועלכער האָט משמעות געשטאַמט פון דער באַ-רימטער און אָנגעזעענער משפחה מאַי אין דער קרוין, איז אויך אַ גרויסער עושר. בעת די אָפּעראַציעס פון אַנדערע ייִדן אין מאַזאָוויע באַטרעפן דעמאָלט נישט מער, ווי עטלעכע שאָק גראָשן, מאַכן זיינע הלוואות אויס גאַנצע צענדליקער. אַזוי אַ שטייגער קערט אים אום דער אדעליקער יאַן פון גאָשטשאַני אַ חוב פון 20 שאָק גראָשן[3]. אַן אַנדערן אדעליקן — אַלעקסאַנדער פון סאָבאַניף באָרגט ער 11 שאָק גראָשן[4]. אינם יאָר 1436 באָרגט ביי אים סטאַניסלאַוו פון טראַמפּעק 11 שאָק גראָשן מיט 10 גראָשן[5].

מאַי פירט גרויסע געשעפטן נישט בלויז מיט דער שליאַכטע און וואַרשעווער ייִדן, נאָר אויך מיט ייִדן פון ווייטע מקומות, ווי למשל מיט שמעונען פון קאָליש[6]. צום סוף זאָל נאָך דערמאָנט ווערן, אַז מאַי האָט געהאַט אַ הויז אין וואַרשע.

מאַיס זון סלאָמאַ, גערופן דורכן שרייבער אַמאָל „de Wischegrad“ אַמאָל „de Warschovia“[7] קאָן זיך נישט גלייכן מיט זיין פאָטער. זיינע הלוואות באַטרעפן נישט מער ווי 2 שאָק גראָשן, און זיין קליענטעלע באַשטייט שוין נישט בלויז פון פריצים ווי ביי מאַיען, נאָר אויך פון אָרעמערע מיעשטשאַנעס.

1) וו. ל. ג. א. נ"ר 2, ז. 472, יאָר 1436
2) וו. ל. ג. א. נ"ר 1, ז. 227, יאָר 1426.
3) וו. ל. ג. א. נ"ר 2, ז. 327, יאָר 1434.
4) די לאַנד-ביכער פון זאַקראָטשימער קרייז אויסגאַבע פון טומיעניעצקי נ"ר 127, ז. 1434.
5) די לאַנד-ביכער פון זאַקראָטשימער קרייז, אויסגאַבע האַנדעלסמאַן, נ"ר 2457, יאָ' 1436.
6) וו. ל. ג. א, נ"ר 1, ז. 411, יאָר 1435.
7) וו. ל. ג. א. נ"ר 2, ז. 1221, ז. 982, יאָר 1441.

נישט אַזוי גיך באַקומט סלאָמאַ צוריק זיינע חובות, באַזונדערס לאַנג האָט זיך געצויגן דער ענין מיטן אדעליקן יאַן פון אָטרעמבוש. פיאָטר האָט זיך געהאַט מתחיב געווען[1], אַז ער וועט פאַר זיין חוב צושטעלן גוטע ערבים, אויב ער וועט דאָס אָבער נישט טון, דעמאָלט גיט ער זיך איבער אין סלאָמאַס הענט. פיאָטר האָט געהאַלטן וואָרט. מאַרצין פון ראַקאָוו, יאַקוש פראַטשסקי און יאַן פון אטרעמבוש דערקלערן פאַרן געריכט, אַז זיי זענען גרייט צו נעמען אויף זיך די גאראנטיע פאַר פיאָטרס חובות[2]. ס'איז געקומען דער טערמין צו סילוקן דעם חוב, אָבער די ערבים האָבן זיך עפּעס נישט געאיילט צו דערפילן זייערע התחיבותן. באין ברירה פאַרפירט סלאָמאַ אַ פראָצעס אַקעגן די ערבים צוזאַמען מיטן בעל-חוב[3]. דער פראָצעס האָט זיך לאַנג געצויגן און דערווייל האָט דאָס געריכט נישט געזשאַלעוועט קיין שטראָפן פאַר פיאָטרן און פאַר זיינע ערבים[4].

וועגן אַן אַנדערן ווישעגראָדער ייד אָסמאַן האָבן מיר קנאַפּע ידיעות און בלויז פון וואַרשעווער מקורים. ער איז געווען אַן איינפלוסרייכער און רייכער מענטש. זיינע באַנקירערישע עסקים פירט ער צוזאַמען מיט דעם באַקאַנטן עושר מאַיר[5]. אָסמאַן איז אויך דערדאָזיקער, וואָס האָט אַדורכגעפירט דעם אָפּמאַך מיט די וואַרשעווער יידן, וועגן דער הויך פון וואָכער. פון די אַקטן נאָך זיין טויט ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט געהאַט אַ הויז אין וואַרשע[6]. דאָס הויז האָט דערנאָך די אַלמנה מאַלטשע פאַרקויפט דעם וואַרשעווער קצב מארצין פאַר 5 שאָק גראָשן[7].

כאַראַקטעריזירנדיק די ווישעגראָדער יידן מוזן מיר נאָך עטלעכע ווערטער ווידמענען דעם ייד שמשון, צוליב אַ גאַנצע ריי אינטערעסאַנטע פּרטים, וואָס זענען פאַרבאַהאַלטן אין זיינע אַקטן. שמשון,

1) וו. ל. ג. א. נ"ר 2, ז. 893, יאָר 1445.
2) וו. ל. ג. א. נ"ר 2, ז. 889, יאָר 1446.
3) וו. ל. ג. א. נ"ר 2, ז. 994, יאָר 1446.
4) וו. ל. ג. א. נ"ר 2, ז. 1004, יאָר 1447.
5) מאַזאָווישע מעטריק M נ"ר 334, פאָליום 110, יאָר 1430.
6) וו. ל. ג. א. נאָר 2, ז. 369, יאָר 6435.
7) וואַרשעווער וואָיט — אין גראָד-אַקטן נאָר 525, די אויסגאַבע וולאָדארסקי, נאָר 417, יאָר 1437

שטאַמט פון ווישעגראָד, אין אַ קורצער צייט אַרום טראָגט ער זיך אַריבער קיין זאַקראָטשים און שפּעטער קיין וואַרשע. אין משך פון פון אַ קורצער צייט אַנטוויקלט ער זייער אַ פּרוכטבאַרע טעטיקייט. זיינע קרעדיט־אָפּעראַציעס זענען צוליב דעם אינטערעסאַנט, ווייל לעבן דעם וואַרשעווער ייד אַלעקסאַנדער איז ער דער איינציקער ייד אין וואַרשע, וואָס באָרגט געלטער אויף אַ משכון פון הייזער. אַזוי א שטייגער באָרגט ער אינם יאָר 1450 דעם זאַקראָטשימער שוסטער יאַקום 1½ שאָק גראָשן בתנאי, אַז אויב ער וועט דעם חוב נישט סילוקן צו דער צייט, באַקומט שמשון יאַקובס הויז אין זאַקראָטשים. גלייכצייטיק זאָגט זיך יאקוב אָפּ פונם דייטשישן רעכט, לויט וועלכן די מיעשטשאַנעס זענען אונטערגעוואָרפן די שטאָטישע געריכטן. ער איז זיך מתחיב צו ענטפערן פאַר דער אינסטאַנץ פון דער שליאַכטע פאַר דעם לאַנד־געריכט (sąd ziemski)[1].

אויף ענלעכע תנאים ד. ה. אויף אַ משכון פון אַ הויז באָרגט שמשון געלט דעם וואַרשעווער מיעשטשאַן דיווידא פון זאַקראָטשים (אינם יאָר 1449[2] — 10 פלאָרין אויף ½ גראָשן אַ וואָך, אינם יאָר 1451[3] — 4 שאָק גראָשן מיט 5 גראָשן). אין אַ יאָר שפּעטער באָרגט דיווידא ביי שמשונען 2½ שאָק גראָשן, וועלכע ער גאַראַנטירט נישט בלויז מיט זיינע באַוועגלעכע און אומבאַוועגלעכע גיטער, נאָר אויך מיט זיין פּערזאָן. דיווידא איז זיך שריפטלעך מתחיב איבערצוגעבן זיך

1) Providus Jacobus Sartor de Zacroczim personaliter constitutus recognovit et obligatus est se solvere 1½ sexcagenas grossorum in mediis grossis cum tribus grossis Samsoni Judeo de Zacroczim super festum Penthecosten proximum sincera fide sine quemvis citacionem et si non solverit extunc suam domum propriam quam habet in Zacroczim ad ipsum Judeum perpetue perdet et ommittet in evum et de suo iure Theutonico et Cholmensi recedit et hic in isto Judicio terrestri coram Capitaneo tenebit et obligatus est se respondere (זאַקראָטשימער לאַנד־אַקטן ז. 42, יאָר 1450).

2) דאָס אייביקע זאַקראָטשימער לאַנד־בוך יאָרן 1449—53, ז. 8, יאָר 1449

3) זאַקראָטשימער לאַנד־בוך, פּאַליום 147, יאָר 1451v.

אין שמשונס הענט אין דעם פאַל, ווען דער ווערט פון זיינע פאַר־קויפטע גיטער וועט נישט דעקן דעם אנטליענעם חוב1).

צום סוף דאַרף נאָך אונטערגעשטראָכן ווערן אַ זייער כאַראַק־טעריסטישער פּרט. שמשון גיט אַרויס הלוואות גאַראַנטירטע מיט די גיטער פון זיינע בעל־חובות, דעמאָלט ווען אין וואַרשע זענען שוין איינגאַנצן פאַרשוווּנדן די הלוואות אויף אומבאַוועגלעכע גיטער, אַזוי־אַ שטייגער דערקלערט דער וואָיט פון סוכאָדאָל גראָט פאַרן געריכט2), אַז ער איז שולדיק שמשונען 5 שאָק גראָשן, וועלכע ער איז זיך מתחיב אומצוקערן אין טאָג פון הייליקן מאַרטין. אין פאַל, ווען ער וועט זיין הבטחה נישט דערפילן, וועט ער אויף אייביק פאַרלירן זיין וואָיטשאַפט אין דאַרף קאָסאָוו ד. ה., 2½ לאַן (łany) ערד לטובת שמשונען, וועלכער מעג זיך דאָרט באַזעצן אויף דיזעלבע רעכט וואָס גראָט.

פראָצענטער פאַר זיינע אַנטליענע געלטער באַקומט שמשון נישט בלויז אין מזומנים, נאר אויך אין נאַטוראַלעין. אַט למשל זאָגט אים צו דער סוכאַדאָלער וואָיט גראָט 9 קערץ קאָרן און 2 קערץ תבואה.3) אַן ענלעכע הבטחה מאַכט אויך פּאַוועל פון זאַרעמב 3) קערץ קאָרן און 4 — תבואה.4)

אינעם יאָר 14525) טראָגט זיך שמעון אַריבער קיין וואַרשע.

---

1) זאַקראָטשימער לענד־בוך פּאַליום 187v, יאָר 1452.

2) Acta Judeorum feria etc... Nobilis Groth advocatus de Suchodal tenetur solvere Judeo Samsoni de Zacroczim decem sexagenas cum dimidia quinta sexagena in mediis grossis sine usura in crastino Martini eqiscopi gloriosi proximo si autem non solverit exctunc totam suam advocatiam quam habet in Cossowo maiori videlicet 2½ mansum ad eundem Judeum Samsonem perdet et omittet perpetue et in aevum cum toto suo iure prout solus idem Groth habet nichil pro se reservando nec sui posteriores in eadem advocatia in Cossowo. (זאַקראָטשימער לאַנד־בוך פּאַליום 78, יאָר 1450).

3) זאַקראָטשימער לאַנד־בוך, פּאַליום 85, יאָר 1450.

4) זאַקראָטשימער לאַנד־בוך פּאַליום 60, יאָר 1450.

5) זאַקראָטשימער לאַנד־בוך, פּאַליום 168v, יאָר 1452.

אָבער ווייזט אויס, אַז אויך דאָ האָט ער לאַנג נישט אויסגעהאַלטן, ווייל אין די קוועלן הערט מען וועגן אים גאָרנישט. משמעות האָט ער זיך ווו אַנדערש איבערגעצויגן.

אינם יאָר 1452 רייסן זיך איבער אַלע ידיעות וועגן די ווי־שעגראָדער יידן. מיר האָבן געזוכט אין די קוועלן פון די ווייטער־דיקע יאָרן אָבער נישט געפונען דאָרט קיין שום ידיעה. מיר דאַרפן זיך דעריבער משער זיין, אַז עפּעס אַן אומבאַקאַנטע פּאַסירונג — אפשר קאַפּיטאַסטראָפע אַקציע האָט אַ סוף געמאַכט צו דער דאָזיקער רירעוודיקער קהלה.

אינם יאָר 1526 צאָלט איין בלויז איין ווישעגראָדער ייד דעם יאָר־צינש לטובות דעם פירשט — אַ בולטער באַווייז פון ירידה (1!.

V יידן פון בריסק־דליטא

צווישן די פרעמדע יידישע סוחרים, וואָס פירן עסקים אין וואַרשע, פאַרנעמען דעם ערשטן אָרט די יידן פון בריסק. אין דער ערשטער העלפט פון XV-טן י״ה האָבן זיי געשמט אין גאַנץ פוילן אַלס ערשטראַנגיקע סוחרים. מיר טרעפן זיי אויף די וויכטיקסטע האַנדלס־שליאַכן, וואָס פירן דורך פוילן. באַוואָפנט מיט קעניגלעכע „גלייטן״ (אייזערנע בריוו) — לאָזן זיי זיך מיטן בוג און דערנאָך מיט דער ווייסל — קיין דאַנציק. אהין און אין די לענדער פונם טעוו־טאָנער אָרדן פירן זיי אַרויס: אַש, סמאָלע, תבואה, האָלץ א. א. אַגראַר־פּראָדוקטן און מזרח־אַרטיקלען; אין דאַנציק קויפן זיי איין די אויסאַרבעטונגען פון מערב, ווי כלערליי שטאָפן, זייד א. ד. גל.

אָבער נישט אַלע באַקומען די קעניגלעכע „גלייטן״, נישט פאַר

(1 פינאַנס־אַרכיוו אין וואַרשע (Archiwum Skarbowe w Warszawie) Regestrum pro exactione censuum de civitatibus, opidis et villis ducatus Mazovie et aliorum omnium et singularum proventuum ad thezurum Regie Maiestatis proveniencium oppido (wysegroth) census... sexag 1.

אַלע זענען אָפן די טויערן פון די אָרדן-לענדער, ווו יידן איז פאַר-ווערט געווען צו קומען שוין אינם XIV-טן י״ה.[1] אַט צוליב וואָס מיר הערן אַזוי אָפט אין דער ערשטער העלפט פונם XV-טן י״ה וועגן אָפמאַכן, וועלכע בריסקער יידן שליסן מיט דאַנציקער סוחרים אין וואַרשע.

וואַרשע איז דעמאָלט געווען דער לעצטער עטאַפּ אויפן וועג קיין דאַנציק, ווו זיי האָבן נישט אָנגעטראָפן אויף קיין שום מניעות און געקאָנט זיך פריי באַוועגן. דאָ פלעגן זיי דעריבער פאַרקויפן די סחורות, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט פון מזרח, דאָ פלעגן זיי שליסן אָפמאַכן מיט די דאַנציקער סוחרים.

די לאַגע ענדערט זיך אין דער צווייטער העלפט פון XV-טן י״ה. די ידיעות וועגן די בריסקער יידן אין די וואַרשעווער געריכטס-אַקטן ווערן שיטערער. משמעות איז דאָס געשען צוליב די שינוים אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד. דאַנציק ווערט אינם יאָר 1454 אַ פריי-שטאָט אונטער דער ממשלה פון פּוילן. ממילא זענען בטול גע-וואָרן די אַלע פּריווילעגן de non tollerandis Judaeis פון אַזעלכע שטעט ווי קעניגסבערג, טאָרן און דאַנציק.

דער פּוילישער קעניג באַשענקט בשפע זיינע „קאַמער-קנעכט" מיט גלייטן, מיט וועלכע זיי האָבן אַ פרייען צוטריט צו דאַנציק. בעת פאַרן יאָר 1454 פלעגן בלויז יחידי סגולה באַקומען אַזעלכע גלייטן, באַקומען עס יעצט גאַנצע גרופּן. וואַרשע פאַרלירט איצט איר באַדייטונג, וועלכע זי האָט געהאַט פאַרן י. 1454, וואָרום בריסקער יידן קאָנען שוין איצט אָנקניפּן האַנדלס-באַציונגען דירעקט מיט דאַנציק. אַט דאָס האָט געווען גורם די פאַרקלענערונג פון די געריכטס-נאָטיצן וועגן בריסקער יידן נאָכן י. 1454. עס ענדערט זיך אויך זייער אינהאַלט. פריער פלעגט זיך אין די געריכטס-נאָטיצן רעדן וועגן אָפּמאַכן פון בריסקער יידן מיט דאַנציקער סוחרים, איצט בלויז מיט וואַרשעווער בירגער.

אין די שפּעטערדיקע יאָרצענדליקער זענען פאַראַן שיטערע

---

[1] ד״ר י. שיפּער „ווירטשאַפטס-געשיכטע פון די יידן אין פּוילן בעתן מיטל-אַלטער" ז. 7—184.

ידיעות וועגן בריסקער יידן אין וואַרשע. אין די 70-ער יאָרן[1]) רודערט זיך מיט אַ גרופּע בריסקער יידן, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ סכסוך מיט די וואַרשעווער יידן אברהם און יעקב,[1]) די זין פון אַ רבצין, וועלכע הייסט אין די דעמאָלטיקע קוועלן „doctorowa״

אין די 80-ער[2]) יאָרן הערן מיר ווידער וועגן בריסקער יידן. גלייכצייטיק דערוויסן מיר זיך וועגן אַ נסיעה וועלכע אַ בריסקער ייד זוסמאַן האָט געמאַכט קיין ווענעדיק, ווו ער האָט אַודאי איינגעקויפט סחורות. דער דאָקומענט, וואָס דערציילט אונז וועגן דעם, איז אינטערעסאַנט נאָך צוליב דעם, ווייל ער דערקלערט אונדז אויך פאַרוואָס ס'זענען פאַרבליבן אַזוי קנאַפּ ידיעות וועגן די קעגנזייטיקע, עקאָנאָמישע באַציאונגען צווישן די בריסקער און וואַרשעווער יידן. ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז אין פאַל פון אַ סכסוך פלעגן די צדדים זיך ווענדן צום יידישן געריכט — addoctores ווי סהייסט אין די קוועלן — און ערשט ווען איינער פון די צדדים פלעגט נישט אָנערקענען דעם פסק — דאַן איז דער ענין געגאַנגען פאַרן מלוכה-געריכט. אַזוי איז אויך געווען ביים סכסוך צווישן דעם בריסקער ייד זוסמאַן און דעם וואַרשעווער רובין. (ראובן).

די טראַגישע געשיכטע פון די וואַרשעווער יידן ביים סוף XV-טער און אָנהויב XVI-טער י״ה, דהיינו: דער עדיקט פון יאָר 1483, וואָס האָט פּרעמדע סוחרים ד. ה. קודם כל יידן פאַרווערט צו פירן אַ מסחר אין לאחדים אויסער דער צייט פון ירידים, דער גירוש פון וואַרשע אינם זעלבן יאָר, דער נייער גירוש פונם יאָר 1498 און דאָס אַרויסגעבן פונם פּריווילעג de non tollerandis Judaeis אינם יאָר 1527 האָבן נישט איבערגעריסן די ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט פון די בריסקער יידן אויפן שטח פון וואַרשע.

נאָך די אַלגעמיינע באַמערקונגען לאָמיר איבערגיין צו די פּרטים, וועלכע באַקענען אונז, אַ חוץ דעם, מיט די פאָרמען און מנהגים צווישן די יידישע סוחרים אין פּוילן.

דער האַנדל פון די בריסקער יידן אין וואַרשע איז געווען אַ

1) וו. פּ. ג. א. נ״ר 4, ז. 110, יאָר 1477.

2) לאַנד-אַקטן פון טאַרטשינער פּאָוויאַט (Akta ziemskie pów. tarczyńskiego) נ״ר 3, פּאָליאָ 69, יאָר 1483.

הורט-האנדל. דאָס קענען מיר זעען קודם כּל פון די געריכטס-נאָטיצן, אין וועלכע ס'רעדט זיך וועגן צענדליקער און טיילמאָל אפילו הונדערטער שאָק גראָשן. פאַר אַ ביישפּיל ברענגען מיר די ווייטערדיקע ציפערן: אינם יאָר 1443[1] שליסט דער בריסקער ייד שאנקאָ אַן אָפּמאַך אויף 162 שאָק גראָשן; אינם יאָר 1441[2] באַקומט שאנקאָ 62 שאָק ברייטע טשעכישע גראָשן אַלס באַשטעלונג אויף סחורות; אין דעמזעלביקן יאָר באַקומט ער פאַר דעמזעלבן צוועק[3] 42 שאָק גראָשן.

די סחורות, וועלכע ס'ברענגען מיט זיך די בריסקער יידן קאָן מען איינטיילן אין 2 גרופּעס: אָרטיקע פּראָדוקטן און מזרחדיקע סחורות. פון די אָרטיקע פּראָדוקטן פאַרנעמט דעם ערשטן אָרט דער האַנדל מיט האָלץ. די גרעסטע בריסקער יידישע סוחרים ברענגען קיין ווארשע מאַסן האָלץ, וועלכעס זיי פאַרקויפן די וואַרשעווער מיעשטשאַנעס, יענע ווידער פירן עס קיין דאנציק.

אָט למשל לייענען מיר אין די אַקטן וועגן אָפּמאַך אַן געשלאָסן אינם יאָר 1443 צווישן דעם בריסקער גביר שאָנקא און דעם וואַרשעווער מיעשטשאַן מאַציעי ביסטרקאָ פון ניי-וואַרשע. שאָנקאַ איז זיך מתחיב צוצושטעלן ביסטרקאָן 2 „millenaria“ (טויזנטער?) אויסגעסאָרטירט (brakowane) האָלץ, רעכנדיק אַ millennarium צו 80 שאָק גראָשן ד. ה. פיר מאָל טייערער, ווי אַן אַנדערער מין האָלץ, וואָס רופט זיך „zachczik“. דאָס האָלץ דאַרף ביסטרקאָ צושטעלן אויפן דאנציקער פּלאַץ („in prato Danciko“) אַ סימן אז דאָס האָלץ האָט געדאַרפט גיין קיין דאנציק[4].

אַן אַנדערער בריסקער ייד מיטן נאָמען שאַבדען פאַרקויפט

---

1) וואָיט-און שעפן-אַקטן פון אַלט-וואַרשע, אויפגאַבע וולאָדארסקי נ"ר 743, יאָר 1443.

2) וואָיט-און שעפן-אַקטן פון אַלט-וואַרשע, אויסגאַבע וולאָדארסקי נ"ר 618, יאָר 1441.

3) וואָיט-און שעפן-אַקטן פון אַלט-וואַרשע, אויסגאַבע וולאָדארסקי נ"ר 619, יאָר 1441.

4) וואָיס-און שעפן-אַקטן פוז אַלט-וואַרשע, אויסגאַבע וולאָדארסקי נ"ר 743, יאָר 1443

דעם רייכן וואַרשעווער מיעשטשאַן יאַן רימער אַ millenarium
האַלץ, גערופן „zachczik“ רעכענענדיק דעם millenarium צו 22½
שאָק גראָשן. דאָס האָלץ דאַרף שאַבדאַן צושטעלן לעבן נאָווי-דוואָר.
דערביי זענען אין די קוועלן צוגעגעבן די ווייטערדיקע ווערטער:
„per halontan in numero in Danczko“ דאַרף מען זיך משער
זיין, אַז אויך דאָס האָלץ איז געגאַנגען קיין דאַנציק[1]. וואָרן ס'איז אַ חוץ
דעם באַוווסט, אַז קיין נאָווי-דוואָר פלעגן אָנקומען שיפן, וואָס פלעגן
פאָרן קיין דאַנציק.

דער צווייטער האַנדלס-אַרטיקל פון די בריסקער יידן אין
וואַרשע איז געווען שטאָף. די בריסקער סוחרים פלעגן פון אויסלאַנד
אַריינברענגען כלערליי שטאָפן און דערנאָך זיי פאַנאַנדערשיקן איבער
די שטעט און שטעטלעך פון פוילן און ליטע — צווישן אַנדערע אויך
קיין וואַרשע. אַזוי אַ שטייגער לייענען מיר אין די אַקטן, אַז יאַן
רימער האָט געקויפט ביים בריסקער ייד שאַנקאָ 15 באַלן שטאָף
גערופן „polustuczky“[2] אין דעמזעלבן יאָר פאַרקויפט שאַנקאָ נאָך
13 באַלן שטאָף. די שטאָפן, מיט וועלכע ס'האַנדלען די בריסקער
יידן שטאַמען נישט תמיד פון אויסלאַנד, אַ טייל פון זיי ווערט אויס-
געאַרבעט אין פוילן גופא. אָט למשל אינם יאָר 1421 באַשטעלט
שאַנקאָ ביים גאַמבינער וועבער סטאַניסלאַוו ראָספּענסקי 18 באַלן
רוי-שטאָף. אַנשטאָט געלט איז זיך שאַנקאָ מתחייב צו געבן ראָספּענסקין
9 שטיינער וואָלן[3].

---

1) וואָיט-און שעפּן-אַקטן פון אַלט-וואַרשע, אויסגאַבע וואָלאַדאַרסקי ב"ר 295
יאָר 1435.

2) Jtem veniens ad iudicium bannitum Hannus Rymer cum iudeo dicto Schanko recognovit predictus H. R, coram advocato et scabinis quia emit L. centa minus duobus centis pro XIII½ sexagena et pro XIII staminibus wlgaviter polustuczky dare exolvere predicto iudeo Schanko in Varschowia et XIII½ sexagenam predictus H, P. debet dare Herman oppidano Warschowiensi in Danczko... (וואָיט-און שעפּן-אַקטן פון אַלט-וואַרשע, אויסגאַבע וואָלאַדאַרסקי, ב"ר 296, יאָר 1435).

3) „Jtem Veniens ad iudicium bannitum Sehanko iudeus de Brest Ruthenico cum Stanislao Rospensky de Gobino recognovit predictus Stanislaus de Gobino (Gąbin) XVIII stamina tam bona

אַ חוץ האָלץ און שטאָף ברענגען די בריסקער סוחרים צו פירן וואַקס און פוטערס (ביבערנע פעלעכלעך), וועלכע זיי פאַר־קויפן אָנגעזעענע וואַרשעווער פּאַטריציער. אַזוי אַ שטייגער האָט אינם יאָר 1442 געקויפט דער איידעם פונם באַוווסטן וואַרשעווער מיעשטשאַן באַרנבאַך ביים בריסקער יידן מארכאַי פּליסיקן וואַקס צו 1 שאָק גראָשן מיט 6 גראָשן אַ מאָס[1]. אַן אַנדערער בריסקער ייד מיטן נאָמען באַגדאַן דערקלערט פאַרן געריכט, אַז די 80 שאָק גראָשן חוב וועט ער דעם וואַרשעווער פּאַטריציער אַנדזשעי אומ־קערן אין מזומנים (35 שאָק גראָשן) און דעם רעשט אין וואַקס און אַנדערע סחורות[2]. מיט וואַקס האַנדלט אויך אַ בריסקער יידישקע שרה[3].

פון פאָרשונגען פון די יידישע היסטאָריקער (ד"ר שיפּער א. א.) איז באַוווסט, אַז די בריסקער יידן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אינם אויסטויש פון מערבדיקע פּראָדוקטן אויף סחורות פון מזרח. אויך אין אונדזערע קוועלן פעלן נישט קיין נאָטיצן, וואָס באַשטע־טיקן דאָס דאָזיקע. אָט למשל דערקלערט דער באַקאַנטער בריסקער סוחר שאַנקא, אַז ער איז שולדיק דעם וואַרשעווער בירגער נירקא 9½ שאָק ברייטע גראָשן און, אַז דעם חוב וועט ער אָפּצאָלן אַ טייל

---

sicud apud ipsum recepit super festum sancte Hedwigis proxime venturum de labore proprio et ipse Schanko debet sibi meliorare cum IX lapidibus de Iana eciam super festum sancte Hedwigis (וואָיט-און שעפן-אַקטן פון אַלט-וואַרשע, אויסגאַבע וואָלאַדאַרסקי ב"ר 99, יאָר 1429).

1) „...et predictus Judeus Merchay subdidit se dare ceram liquidam per unam sexagenem et VI grossos (וואָיט־און שעפן־אַקטן פון אַלט־וואַרשע, אויסגאַבע וואָלאַדאַרסקי, ב"ר 704, יאָר 1442).

2) וואָיט־און שעפן־אַקטן פון אַלט־וואַרשע, אויסגאַבע וואָלאַדאַרסקי ב"ר 679, יאָר 1242.

3) וואָיט־און שעפן־אַקטן פון אַלט־וואַרשע, אויסגאַבע וואָלאַדאַרסקי, ב"ר 214, יאָר 1429.

אין מזומנים אַ טייל מיט פ ע פ ע ר.[1] אַ דאַנק אַ צופאַל דערוויסן מיר זיך, אַז אין שאנקאָס מאַגאַזין אין וואַרשע געפינען זיך אַלערליי מזרח-סחורות ווי למשל: פעפער, זייד, טשערוויעץ און עפּעס אַן אומבאַקאַנטע סחורה" „kanuchi‏[2].

די אָפּנעמער פון די אַלע סחורות זענען צומייגסטן וואַרשעווער מיעשטשאַנעס, וועלכע פירן זיי ווייטער אַוועק קיין דאַנציג. ס'פעלן אָבער נישט קיין דאָקומענטן וואָס באַווייזן, אַז די בריסקער יידן זענען אין וואַרשע געשטאַנען אין דירעקטע באַציונגען מיט דאַנציגער סוחרים. פאַרוואָס זיי פלעגן זייערע אָפּמאַכן שליסן אין וואַרשע האָבן מיר שוין אויף אַן אַנדער אָרט אָנגעוויזן. עסקים מיט די דאַנציגער סוחרים פירט דער שוין גוט-באַקאַנטער שאַנקאָ. אין אַ דאָקומענט, געשריבן אין דעם מיטלאַלטערלעכן דייטש לייענען מיר, אַז שאַנקאָ איז שולדיק דעם דאַנציגער סוחר ניקלאָס ווינקעלסדאָרף 62 שאָק ברייטע, טשעכישע גראָשן, וועלכע ער דאַרף אָפּצאָלן אין 2 ראַטעס[3]. פון אַן אַנדער דייטשישער באַטיק דערוויסן מיר זיך, אַז שאַנקאָ איז שולדיג די דאַנציגער סוחרים פרעינען און ווינקעלסדאָרפן 42 שאָק ברייטע גראָשן, וועלכע ער גאַראַנטירט מיט זיינע סחורות, וואָס געפינען זיך אין זיין וואַרשעווער מאַגאַזין[4]. שאַנקאָ האָט אָבער

---

1) ...„et idem Nirka debet recipere piper pro istis pecuniis (וואָיט-און שעפן-אַקטן פון אַלט וואַרשע, אויסגאַבע וולאָדאַרסקי נ"ר 588, יאָר 1440).

2) „Jtem veniens ad iudicium bannitum Froyn cum Nic. Winkeldorff interdixerunt apud advocatum bona ipsius ieudi Sahanko de Ruthenico Breszcze VI lapides de cirwecz et kanuchi tot guod ibi fuerunt, et sericum, tot quod ibi fuit (וואָיט-און שעפן-אַקטן פון אַלט וואַשע, אויסגאַבע וולאָדאַרסקי נ"ר 654, יאָר 1441).

3) וואָיט-און שעפן-אַקטן פון אַלט-וואַרשע, אויסגאַבע וולאָדאַרסקי, נ"ר 618 יאָר 1441.

4) וואָיט-און שעפן-אַקטן פון אַלט-וואַרשע, אויסגאַבע וולאָדאַרסקי, נ"ר 619 יאָר 1441.

זיין וואָרט נישט געהאַלטן. די בעל-חובות לייגן דעריבער אַרויף אַן אַרעסט אויף זיינע סחורות, וואָס זענען מאַגאַזינירט ביים וואַרשעווער וואָיט יאַן ווילק. דער ענין ווערט וואָס מער קאָמפּליצירט. אין גע-ריכט מעלדעט זיך אַ נייער בעל-חוב, דער וואַרשעווער בירגער האַפּטער, וועמען ס'קומט אויך געלט פון שאַנקאָן. ער לייגט אַרויף אַן אַרעסט אויף דעם טשערוויעץ, וואָס געפינט זיך צווישן שאַנקאָס סחורות (פעפער, זייד און „kanuchi"). דאָס געריכט קאָן זיך נישט געבן קיין עצה מיט די בעלי חובות, דעריבער לייגט זי אָפּ דעם גאַנצן ענין, ביז שאַנקאָ וועט קומען קיין וואַרשע.[1]

מיט דאַנציגער סוחרים שטייט אויך אין באַציונגען אַן אַנדער בריסקער ייד מיטן נאָמען דוד. אינם יאָר 1434 פאַרקויפט ער דעם דאַנציגער סוחר באַרטהאָם פאָן זינסטע 150 ביבערנע פעלעכלעך[2] (1/2c. wamme castorinos).

אַ חוץ די דאַנציגער און וואַרשעווער סוחרים שטייען נאָך די בריסקער יידן אין באַציונגען מיט יידן פון רויט-רייסן, וועלכע ברענגען קיין וואַרשע צופירן האָלץ[3] און אַנדערע סחורות.

אַנדערע אויספירונגען וועגן דעם האַנדל פון די בריסקער יידן אין וואַרשע אינם ערשטן פעריאָד (ביזן יאָר 1454) — פאַרענדיקן מיר מיט אַ טאַבעלע פון אַלע בריסקער יידן, וועלכע ווערן דערמאָנט אין די וואַרשעווער קוועלן, בעת דער העלפט פון XV-טן י"ה.

1) וואָיט-און שעפן-אַקטן פון אַלט-וואַרשע, אויסגאַבע וולאָדאַרסקי, נ"ר 654, יאָר 1441.

2) וואָיט-און שעפן-אַקטן פון אַלט-וואַרשע, אויסגאַבע וולאָדאַרסקי, נ"ר 256, יאָר 134.

3) וואָיט-און שעפן-אַקטן פון אַלט-וואַרשע, אויסגאַבע וולאָדאַרסקי נ"ר 323 יאָר 1436.

טאַבעלע פון האַנדלס־אומלויף פון די בריסקער יידן אין וואַרשע פאַרן צייט־משך 1457—1429 :*)

№	נאָמען און פאַמיליע	די צאָל נאָטיצן, וואָס באַלאַנגען צו יעדן	דער אומלויף אין שאָק גראָשן	דער אומלויף אין ברייטע, טשעכישע שאָק גראָשן	אין אַן אַנדער וואַלוטע
1	שאנקא	10	181	143	
2	מארכאי	5	106	181	
3	יעקב לאָבאטש	2	19	—	
4	פעשאַק	1	—	—	
5	מיסאָן, שאנקאס ברודער	1	—	5	
6	שרה	1	—	—	
7	דוד	1	—	—	25 פרייס'ש גריוונעס
8	באגדאן, פעשאַקס זון	1	—	80	
9	שאבדאן (יצחק)	1	22½	—	
10	סטאטשקא (יעקב)	1	—	—	
11	יאטשקא	1	5	—	
12	אַן אומבאַקאַנטער בריסקער ייד	1	9	—	
	בס"ה	27 נאָטיצן	351 שאָק גראָשן	409 ברייטע שאָק גראָשן	25 פּר. גריוונעס

*) פאַרן יאָר 1429 טרעפן מיר ניט בריסקער יידן אין די וואַרשעווער אַקטן.

1454—1515.

צוליב דעם איבערגאַנג פון דאַנציג צו פוילן אין יאָר 1454 קומט פאָר אַן ענדערונג אין די האַנדלס-באַציונגען פון די בריסקער יידן אין וואַרשע. זיי האַנדלען פון דעמאָלט אָן בלויז מיט די וואַרשעווער מיעשטשאַנעס, מיט דאַנציק שטייען זיי שוין אין דירעקטע באַציונגען, וואָרים אין אַ גרויסער מאָס איז נאָכן יאָר 1454 בטל געוואָרן דאָס געזעץ, אַז יידן טאָרן זיך נישט אויפהאַלטן אין דאַנציג.

אין וואַרשע באַווייזט זיך אין יענער צייט אַ בריסקער ייד באָגדאַן, וועלכן מיר קענען שוין פון פריער. ער שליסט אַן אינטערעסאַנטן אָפמאַך מיטן וואַרשעווער בירגער עדלינגער. באָגדאַן באָרגט(1) ביי עדלינגערן 70 שאָק גראָשן און דאַרף זיי אומקערן אין יערלעכע ראַטעס, נישט במזומן נאָר צו 1 שטיין „טשערוויעץ", רעכנדיק אַ שטיין צו 7 שאָק גראָשן. באָגדאַן פירט אויך געשעפטן מיט סוחרים, וואָס קומען פון דער פרעמד. אָט למשל באַקומט ער 21 שאָק גראָשן — משמעות אַלס אַ באַשטעלונג אויף סחורות פונם דייטשישן סוחר בארטהאָס פאָרהענגסט „de Namsbonia" (?)(2)

אַ חוץ באָגדאַנען טרעפן מיר דעמאָלט אין וואַרשע נאָך אַנדערע בריסקער יידן; למשל אשווא און אליעזר, וועלכע באַקומען פון אַ וואַרשעווער בירגער אַ הויכע סומע (72 שאָק גראָשן) משמעות אַלס אַ באַשטעלונג אויף סחורות.(3)

אין די 60-ער און 80-ער יאָרן פון XV-טן י"ה ווערן לעבעדיקער די באַציאונגען צווישן די יידן פון בריסק און וואַרשע. ס'טרעפט, אַז וואַרשעווער יידן זענען ערוב פאַר בריסקער, ווי למשל אינם יאָר 146. (אָשווא פון וואַרשע פאַר מאַני פון בריסק).(4) ס'קומען אויך פאָר אינטערעסאַנטע פראָצעסן צווישן בריסקער און וואַרשעווער יידן,

1) וואָיט-און שעפן-אקטן פון אַלט-וואַרשע, ב"ר 257, ז. 69, 86, 113 י. 1457.
2) וואָיט-און שעפן-אקטן פון אַלט-וואַרשע, ב"ר 527, ז. 76, יאָר 1458.
3) וואָיט-און שעפן-אקטן פון אַלט-וואַרשע, ב"ר 527, ז. 86, יאָר 1458.
4) וו. ל. ג. א. ב"ר 3, ז. 1125, יאָר 1165.

וואָס ווייזן אָן אויף דיווירטשאַפטלעכע באַציאונגען צווישן זיי. אַזוי למשל קומט פאָר אינם יאָר 1483 אַ פּראָצעס צווישן דעם בריסקער ייד זוסמאַן און דעם וואַרשעווער ייד ראובן, וועגן הוצאות-הדרך קיין ווענעדיק, פון וואַנען זוסמאַן האָט ראובנען געבראַכט 300 פלאָרין מיט אַ געוויסן סכום גילדענע רינגלעך.[1] מיט האַנדלס-באַציאונגען דאַרף מען אויך דערקלערן די מחלוקת, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן אַ גרופּע בריסקער און 2 וואַרשעווער יידן (און וועגן וועלכער מיר רעדן באריכות אינם קאַפּיטל וועגן אינערלעכן לעבן פון די וואַרשעווער יידן.

אינם יאָר 1483 קומט פאָר דער ערשטער גירוש פון די וואַרשעווער יידן, אָבער שוין אַ יאָר נאָכדעם, ווען דער פירשט האָט צוריק איינגעלאַדן די יידן קיין וואַרשע (1487), טרעפן מיר אַ שותפות פון בריסקער יידן, וועלכע שטעלן צו סחורות דעם פירשטלעכן הויף (אינם יאָר 1487: ווייסן סאַמעט פאַר 37 פלאָרין.)[2]

אינם יאָר 1498 קומט פאָר דער צווייטער גירוש פון וואַרשע און דאָסמאָל איז שטיל וועגן די יידן אין וואַרשע אין משך פון אַ פערטל יאָרהונדערט (ביז 1523). אין דערזעלבער צייט קומען בריסקער יידן כסדר קיין וואַרשע, אָבער בעת פריער האָבן זיי בלויז געפירט אַ האַנדל, פאַרנעמען זיי זיך איצט אויך מיט קרעדיט. משמעות, אַז זיי פאַרטרעטן די וואַרשעווער יידן, וואָס זענען אין זייער מערהייט באַשטאַנען פון רייכערע אָדער אָרעמערע באַנקירן. אַזוי למשל האָט דער בריסקער ייד יאָאַכים געבאָרגט דעם וואַרשעווער מיעשטשאַן קערסקי 26 פלאָרין גאַראַנטירטע מיט זיינע נכסי-דלא נידה (י. 1518). מיט אַ פאָר יאָר שפּעטער (אין 1526) אַנטלייען די בריסקער יידן יאָסקאָ (יוסף) און שלמה 22 שאָק גראָשן דעם אַדעליקן מיקאָליי מראָקאָווסקי פון יעזיאָראָ.

---

1) „Jtem die dominico duci johanni quadraginta duos florenos dedi de quibus dedit triginta septem florenos Judeis de Brzeszcze pro axamito albo Pensiones Janussy : [(מאַזאָווישע מעטריק M נ"ר 7, יאָר 1487, פאָליום 78] et Boleslai Ducum Masoviae ab anno 1471–90) [(v 3. 1. 7 הויפּט אַרכיוו וואַרשע)

2) לאַנד-אַקטן פון טארטשינער פאָוויאַט נ"ר 3, פאָליום 69, יאָר 1483.

אינם יאָר 1527 ווערן די יידן אַנטגילטיק פאַרטריבן פון וואַרשע. ס'הערן זיך אויך אויף צו באַווייזן בריסקער יידן, און אַזוי ענדיקט זיך זייער רייכע און פילפאַרביקע ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט אויפן שטח פון וואַרשע בעתן מיטלאַלטער.

מאַגיסטער בעלא מאַנדלסבערג

לובלינער יידישע האַנטווערקער און די שטאָט־צעכן

אין דער ערשטער העלפט פון XVII יאָרהונדערט.

דער עקאָנאָמישער קאַמף צווישן דעם לובלינער בירגערטום און די אָרטיקע יידישע האַנדווערקער, וועלכער האָט זיך אָפּגעשפּילט בכלל אין אַלע פּוילישע שטעט, האָט אַ נישט קלענערן אָפּקלאַנג געפונען אויך אין לובלין. די דאָקומענטן און קוועלן, וועלכע אילוסטרירן דעם עקאָנאָמיש־געזעלשאַפטלעכן מצב פון דעם לובלינער יידנטום אין XVII יאָרהונדערט זענען אַ באַווייז, אַז שוין אין אָנהויב פון דערמאָנטן יאָרהונדערט האָבן זיך די לובלינער יידישע סוחרים און האַנדווערקער פונאַנדערגעטיילט אין צוויי פאַרהעלטנישמעסיק אָפּגעטיילטע גרופּעס. איין גרופּע, די, וועלכע איז פאַרבליבן אויף די פריער פאַרנומענע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, האָט דרייסט געקעמפט מיטן בירגערטום פאַרן דערהאַלטן דאָס רעכט אויף האַנדל און מלאכה. די צווייטע גרופּע דאַגעגן האָט רעזיגנירט פונם קאַמף און איז אַריינגעדרונגען אין די נייע פּרנסה־צווייגן: די האַנדווערקער און סוחרים זענען געוואָרן שענקער און אַרענדאַרן.

דער הויפּט־פּלאַץ, אויף וועלכן עס פלעגן פאָרקומען די רייבונגען צווישן די קריסטלעכע בירגער און יידישע האַנדווערקער און סוחרים, זענען געווען די שטאָטישע צעכן. דאָ וועלן מיר זיך באַמיען איבער־צוגעבן די געשיכטע נאָר פון דער ערשטער אויבנדערמאָנטער גרופּע פון דער לובלינער יידישער באַפעלקערונג, דאַגעגן מיט דער געשיכטע

פון דער אַנדערער גרופּע וועלן מיר זיך דאָ איצט לחלוטין נישט פאַרנעמען. כּדי צו אילוסטרירן דעם אַנטוויקלונגס-גאַנג פון דעם טייל ייד. האַנדווערקער אין לובלין, וועלכע האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן זייערע פריער-פאַרנומענע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און נישט געלאָזט זיך אַרויסשטויסן פון זייערע פּראָדוקציע-צווייגן, איז ווערט אָפּצושטעלן זיך אַ ביסל אויף די גלויבנס-באַציונגען, וועלכע האָבן געהערשט אין די שטאָטישע צעכן בכלל, און אין די לובלינער בפרט.

אין הסכּם מיטן גלויבנס-פּרינציפּ, וועלכער האָט געהערשט אין מערב-אייראָפּע, האָבן אויך די פּוילישע צעכן געטראָגן—צווישן אַנדערע— דעם כאַראַקטער פון רעליגיעזע קאָאָפּעראַציעס. דער גלויבנס-פּרינציפּ איז באַשטאַנען אין דעם, אַז יידן פון די פּוילישע און מערב-אייראָ-פּעישע שטעט זענען נישט געווען אָנערקענט אַלס בירגער, מען האָט זיי לגמרי נישט באַטראַכט אַלס אָנגעהעריקע צום שטאָט-בירגערטום. אונטערן נאָמען „שטאָט-בירגער" (mieszczanin) האָט מען פאַרשטאַנען נאָר אַ קריסטלעכן איינוווינער פון דער שטאָט.

דער דאָזיקער פּרינציפּ האָט די מערב-אייראָפּעישע און פּוילישע שטעט צוגעגעבן אַ ריין קריסטלעכן כאַראַקטער אין משך פון לאַנגע צייטן: ביזן XVIII יאָרהונדערט[1]. דאָסזעלבע איז אויך נוגע לובלין, וואָס ס'אינטערעסירט אונז דאָ קודם כּל די לובלינער שטאָטישע צעכן, ווי אינסטיטוציעס פון אַ קריסטלעכער שטאָט האָבן געטראָגן דעם אויבנדערמאָנטן גלויבנס-כאַראַקטער.

די יידישע האַנדווערקער האָבן קיינמאָל, אונטער קיין שום באַ-דינג נישט געקאָנט ווערן מיטגלידער פון די שטאָטישע צעכן אין לובלין. — אַפילו אין פאַרהעלטעניש צו קריסטן האָבן די שטאָטישע צעכן געשאַפן באַגרענעצונגען. בשעת ביזן יאָר 1616 האָבן אַלע קריסטלעכע האַנטווערקער — קאַטוילישע און פּראַוואָסלאַווע — אָנגעהערט צו די צעכן, האָבן פון דעם יאָר אָן פונם דאָזיקן רעכט געקאָנט גע-ניכן בלויז קאַטוילישע האַנטווערקער.

דאָס זעען מיר אין דער פּריווילעגיע פונם קעניג זיגמונט III,

---

1) Dr. Jan Kaminski: „Z dziejów konfraterni kupieckiej w Lublinie" 6 זייט.

געגעבן פאַר די לובלינער צעכן פון בעדנערס, וואָגן-מאַכער און שטריקן-מאַכער.[1]

די זעלבע באַגרענעצונג טרעפן מיר אָן אין אַ סך לובלינער צעכן-סטאַטוטן. פון דעם מאָמענט אָן באַקעמפן די לובלינער צעכן נישט נאָר די יידישע האַנטווערקער, נאָר בכלל אַלע האַנטווערקער פון נישט קאַטוילישן גלויבן. דאָס רופט זיך אויך אָן: קאַמף קעגן די „פרעמדע".[2] די האַנטווערקער, וועלכע מען האָט נישט צוגעלאָזט צו די שטאָט-צעכן, האָבן געפירט זייער מלאכה מחוץ די צעכן, אויף אַ אומלעגאַלן אופן, אַלס א. ג. „פושערס" (partacze, szturarze).

די לעצטע האָט מען פאַררעכנט צום המון (motłoch). זיי האָבן געוויינטלעך געוווינט אין די פאָרשטעט, איבערהויפט אויף די באָדנס, וועלכע זענען געווען אַ פּריוואַט-אייגנטום פון דער שליאַכטע און זענען דעריבער נישט געווען אונטערגעוואָרפן די שטאָטישע רעכט.

די רייבונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען צווישן די שטאָטישע צעכן און די „פושערס" אויפן עקאָנאָמישן געביט, פלעגן זיך ענדיקן אָדער מיטן נצחון פון די ערשטע אָדער מיט אַ קאָמפּראָמיס. אַזאַ קאָמפּראָמיס איז באַשטאַנען דערין, אַז דער צעך האָט געגעבן רעכט די „פושערס", צו באַשעפטיקן זיך אויף אַ געוויסער צייט מיט זייער מלאכה, אונטער דעם באַדינג פון געוויסע, כסדרדיקע, יערלעכע אָפּצאָלן לטובת דעם צעך.

1) (...Następnie stanowimy,by rzemieślnik,należący do cechu zostawał w wierze rzymsko-katolickiey, żeby nie był ani heretyk, ani schizmatyk, ani Rusin, ani Żyd lub inney wiary różney od prawdziwey wiary katolickiey...) Odpisy z księgi cechowej dokumentów i przywilejów cechów stolarsk., meblarsk., kołodziejsk., tokarsk., szklarsk., stelmachowsk., powróżń w Lublinie. Bibljoteka im. H. Łopacińskiego w Lublinie. 1397 האַנטשריפט

2) М. Вишницеръ: „Евреи ремесленники и ихъ цеховая организація". Міръ. Исторія евр. народа זייט 287 באַנד XI.

ס'איז געווען נאָך אַ עלעמענט, וועלכער האָט אויסגעמיטן די קאָנטראָל פון די שטאָטישע צעכן און איז פון די לעצטע באַקעמפט געוואָרן צוגלייך מיט די „פּושערס". דאָס זענען געווען קריסטלעכע האַנטווערקער, וועלכע האָבן באַקומען די קעניגלעכע, ספּעציעלע פּריווילעגיע, א. ג. „סערוויטאָראַט" (Serwitorat). אָט די האַנטווערקער זענען אַריינגערעכנט געוואָרן אין דער קעניגלעכער דינערשאַפט—טיילמאָל גאָר פיקטיוו — און זיי האָבן ווי אָנגעהעריקע צו דער קעניגלעכער דינערשאַפט באַקומען דאָס רעכט צו פירן וואַרשטאַטן, נישט געהערנדיק צו די שטאָטישע צעכן און נישט אונטערליגנדיק דער מאַכט פון די לעצטע.[1] דעריבער האָבן זיי אויך נישט געטראָגן די פליכטן, וועלכע ס'האָבן אַרויפגעלייגט די צעכן אויף זייערע מיטגלידער און זענען אָנערקענט געוואָרן אַלס נישט-געווינטשענע עלעמענטן פאַר די צעכן.

צוליב דעם, וואָס לובלין האָט געהאַט אַ בערך קליינע צאָל האַנטווערקער פון פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן, האָבן די „פּושערס" הויפּטזעכלעך זיך רעקרוטירט פון יידן. דערפון נעמט זיך אויך דאָס, אַז דער עקאָנאָמישער קאַמף, וועלכער האָט זיך געפירט צווישן די צעכן און די „פּושערס" בכלל, דעקט זיך כמעט מיטן קאַמף צווישן די צעכן און די לובלינער יידישע האַנטווערקער. די לעצטע איז געווען פאַרבאָטן אין פּרינציפּ צו פאַרנעמען זיך מיט זייערע מלאכות און אויך צו פאַרקויפן די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן און סחורות. אין דער פּראַקטיק אָבער האָט זיך געפאָדערט אַ ספּעציעלע דערלויבניש פון געהעריקן צעך אויף אויסצואַרבעטן און פאַרקויפן די סחורות פון די „פּושערס".

די דאָזיקע יידישע האַנטווערקער זענען אין א געוויסער מאס דאָס ציל-ברעט פון די שטאָטישע צעכן, די לעצטע באַמיען זיך אַרויסצושטויסן פון די פאַרנומענע פּאָזיציעס זייערע קאָנקורענטן,

---

1) Jan Rutkowski: „Zarys gospodarczych dziejów Polski w czasach przedrozbiorowych". 83 זייט

וועלכע האָבן ביליקער פאַרקויפט די אייגענע אויסאַרבעטונגען און האָבן דעריבער געבערענגט פיל שאדן דער צעכן־אָרגאַניזאַציע[1].

אין יאָר 1566 30/VII האָט דער לובלינער גאָלדשמידן־צעך באַקומען אַ פּריווילעגיע פון קיניג זיגמונט אויגוסט, אין וועלכער ס'ווערט צווישן אַנדערן אויך באַטאָנט דאָס, אַז אין לובלין זאָל מען נישט טאָלערירן די „פּושערס" פון גאָלדשמידן־פאַך[2].

דעם העפטיקסטן קאַמף מיט די לובלינער יידישע האַנטווערקער האָט געפירט דער צעך פון שניידער. שוין אין הויפּט־סטאַטוט, באַשטעטיקט פונם קעניג סטעפאַן באַטאָרי אין יאָר 1583 10/X ווערט געזאָגט, אַז ס'איז נישט דערלויבט די יידישע שניידער צו פאַרקויפן ביי זיך אין שטוב שניידער־אויסאַרבעטונגען, ווי אויך אַרומצוטראָגן אין די גאַסן צו פאַרקויפן אָן דער דערלויבעניש פון צעך־מייסטער, אין קענגפאַל דראָט אַ שטראָף פון 10 גריוונעס; אַן אויסנאַם זענען נאָר די ירידים, בעת וועלכע ס'ווערט דערלויבט אין משך פון 16 טעג צו האַנדלען אומגעשטערט. דער סטאַטוט איז אויך שפּעטער באַשטעטיקט געוואָרן דורכן קעניג וולאַדיסלאַוו דעם IV—1634 8/IX, דורך יאַן קאַזשמיעזש 1649 28/XII און דורך זייערע נאכפאלגער[3]. דער הויפּט־

---

1) די געשיכטע פון די לובל. יידישע האַנדווערקער האָב איך באַאַרבעט הויפּטזעכלעך אויפן סמך פון די פאַרהאַנענע פּריווילעגיעס און סטאַטוטן פון די צעכן. דאַגעגען האָב איך נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך בעסער מיט דעם, ווי ס'האָט אויסגעזען אין דער פּראַקטיק דאָס דאָזיקע פּראָבלעם, ווייל אין די געריכטס־גראָד און שטאָט־ראַט־ביכער, אין וועלכע איך האָב געזוכט אַן ענטפער אויף דער געשטעלטער פראגע האָב איך קיין מאַטעריאַלן, וועלכע זאָלן קענען דערגאַנצן דאָס בילד פון די באַציונגען צווישן די שטאָטישע צעכן און די יידישע האַנדווערקער פון לובלין נישט געפונען. מעגלעך, אַז דאָס בילד, וועלכעס איך באַמי זיך פאַרצײכענען אין די ווייטערע שורות וועט דעריבער פראַגמענטאַריש אויספאַלן.

2) (...Non doctos alias Partaczow eiusdem Artificii Aurifabrilis in eadem Ciuitate Lublinensi non paciantur pro gratia nostra...) Odpisy dokumentów i przywilejów cechu złotników lubelskich od r. 1566—1676 האַנטשריפט 1401 Bibljoteka im. H. Łopacińskiego w Lublinie.

3) זע: דאָקומענט 1 N, פונקט 54 אין אָפּטיילונג „מאַטעריאַלן"

סטאטוט פון קירזשנער-צעך, באַשטעטיקט אין יאָר 15/VII-1596 דורכן לובל. שטאָט-אמט און אין יאָר 1604 דורך קעניג זיגמונט דעם III לויטעט צווישן אַנדערע, אַז די צעכן-מיטגלידער טאָרן נישט פאַרקויפן די קירזשנער אַרבעטן צו די לובלינער יידן אונטער דער שטראָף פון פון אַ האַלבן שטיין וואקס: אויך דאָסמאָל זענען אַן אויסנאַם די די ירידים, בעת וועלכע אַזאַ האַנדל איז דערלויבט[1]. צו דעם סטאַטוט האָט מען צוגעגעבן אין יאָר 1633 אַ פּאָר נייע פונקטן, וועלכע זענען באַשטעטיקט געווארן פונם קיניג וולאַדיסלאַוו דעם IV אין יאָר 8/V—1633 דאָרט רעדט זיך אויך וועגן דעם, אַז די קירזשנער, וועלכע אונטערליגן נישט דער שטאָטישע יוריסדיקציע, אלזאָ אויך יידן, זאָלן נישט פאַרקויפן זייערע קירזשנער-אויסאַרבעטונגען, נישט אין דער שטאָט גופא, נישט אין שטאָט-טויער און נישט אויסער דעם שטאָט-טויער[2]. אַ אויסנאַם זענען אויך דאָ די ירידים[3]. ווייטער, אַז די קירזשנער: גריכן, אַרמיאַנער, וואלאכן, אונגאַרן און יידן. (externis nationibus) זאָלן נישט קויפן, נישט איינטווישן אויף אַנדערע סחורות און נישט אַרויספירן קיין אויסלאַנד די סחורות, וועלכע ווערן אריינגעפירט קיין לובלין דורך די מאָהילעווער סוחרים[4]. ביי די לעצטע איז דערלויבט צו קויפן סחורות נאָר 3 טעג נאָכדעם, ווי זיי ווערן אַריינגעפירט קיין לובלין, בכדי די שליאַכטע, די קריסטלעכע קירזשנער און איבערהויפט דאָס בירגערטום (mieszczanstwo) זאָלן קענען פריער פון די יידישע קונים פאַרזען זיך מיט די געברויכטע קירזשנער-סחורות. פאַרן קעגנשטעלן זיך דעם באַשלוס דראָט אַ שטראָף אין

1) Odpisy dokumentów cechu krawieckiego ,kuśniers.» miechownicz. i rękaw. w Lublinie. 1393 האַנטשריפט Bibl. Łopac. w Lublinie.

2) אינם לובלינער שטאָט-טויער האָבן זיך געפונען עטלעכע געוועלבן, דאָרט האָט מען געפירט אַ לעבהאַפטן האַנדל.

3) ibidem. זע: דאָקומענט 2 № פונט 6 אין דער אָבטיילונג „מאטעריאַלן“

4) ibidem. Ustawa cechu kuśnierskiego z roku 1633 8/V. זע: דאָקומענט 2 №, פונקט 7 אין אָפּטיילונג „מאַטעריאַלן“.

דער הויך פון 100 גילדן, פון וועלכע אַ העלפט דאַרף געהערן צום צעך און אַ העלפט צו דער שטאָט אויף פונאנדערבויונגס-צוועקן[1].

די יידישע קרעמער און קרעמערינס איז נישט דערלויבט — אויפן סמך פון דעם אויבנדערמאָנטן סטאַטוט — צו פאַרקויפן פוטערנע דאַמען-היט; ווי ס'איז אויך נישט דערלויבט פאַנאַנדערצוטראָגן די פוטערנע דאַמען-היט אין די הייזער אויף פאַרקויף, אונטער דער שטראָף פון קאָנפיסקירן די סחורות. אַ העלפט פון די קאָנפיסקירטע סחורות וועט געהערן צום מאַגיסטראַט און אַ העלפט צום צעך[2]. די לובלינער יידישע קירזשנער איז נישט דערלויבט צו פאַרקויפן דער שליאכטע און דעם בירגערטום די קירזשנער-אויסאַרבעטונגען, וועלכע זענען געקויפט געוואָרן ביי די מאָהילעווער סוחרים בעת די ירידים, ווייל די יידישע קירזשנער נעמען צו הויכע פרייזן ביי די קונים[3].

אינם דערמאָנטן סטאַטוט זעען מיר די אָנווענדונג פונם געזעץ וועגן ערשט-פאַרקויף (prawo pierwokupu)[4]. דאָס געזעץ איז איינגעפירט געוואָרן אין פוילן אין יאָר 1588 און איז באַשטאַנען אין דעם, אַז ביים איינקויפן היימישע אָדער אויסלענדישע סחורות האָט דער קריסטלעכער קונה געהאַט דאָס ערשטע העלפט (pierwszeństwo) פאַרן יידישן קונה. פאַרברעכן דאָס געזעץ האָט געדראָט אַ שטראָף פון 100 גילדן. חוץ דער דאָזיקער באַגרענצונג אינטערליגן די לובלינער קירזשנער און פוטער-סוחרים נאָך אַנדערע באַגרענעצונגען: ס'איז זיי נישט דערלויבט אַרויסצופירן קיין אויסלאַנד סחורות, וועלכע זענען געקויפט געוואָרן ביי די מאָהילעווער סוחרים (פונקט 8), און ס'איז זיי פאַרבאָטן צו פאַרקויפן פוטערנע דאמען-היט (פונקט 9).

דערביי זענען די פאַרבאָטן חל נישט נאָר אין די גרענעצן פון דער א. ג. „קריסטלעכער שטאָט", נאָר אויך — אין די לובלינער פאָרשטעט, וואָס ס'איז אַ נייעס[5]. דאָס דאָזיקע געזעץ איז געווענדעט נישט ספעציעל קעגן יידן, נאָר בכלל קעגן אַלע קירזשנער און פוטער-

1) ibidem זע: דאָקומענט נר. 2 פונקט 7 אין דער אָבטיילונג „מאַטעריאַלן".

2) ibidem זע: דאָקומענט נר. 2 פונקט 9 אין דער אָפטיילונג „מאַטעריאַלן".

3) ibidem. פונקט 9

4) ibidem. פונקט 7

5) ibidem פונקט. 6

סוחרים, וועלכע זענען נישט אנגעשלאָסן אן די שטאָט צעכן[1].
ביי דער געלעגנהייט דערוויסן מיר זיך, אַז אויך די קריסטלעכע „פּושערס“ פון די פאָרשטעט פלעגן באַקומען אַן אָפּצאָל פון די יידישע האַנטווערקער פאַר דערלויבן זיי אויסצואַרבעטן און פאַרקויפן זייערע סחורות. די יידן האָבן זיך באַמיט צו געפונען זיך צו מיטהילף די קריסטלעכע „פּושערס“ אין זייער קאַמף מיט די שטאָטישע צעכן. אַזאַ צושטאַנד האָט זיך דאַן געקאָנט שאַפן, ווייל די שטאָטישע צעכן האָבן באַקעמפט די קריסטלעכע „פּושערס“ צוגלייך מיט די יידישע.

וועגן דעם הויפּט-סטאַטוט פון שלאָסער, זייגערמאַכער און ביקסן-מאַכער-צעכן, וועלכער איז באַשטעטיקט געוואָרן דורכן לובל. שטאָט-אַמט אין יאָר 1616 האָט דער קעניג זיגמונט דער III אין יאָר 1618 29/I דערקלערט, אַז אין די דאָזיקע צעכן קאָנען אנגענומען ווערן האַנדווערקער אויסשליסלעך פון קאַטוילישן גלויבן[2], כּדי די יידן, ליטווינער און טאַטאַרן זאָלן נישט שטערן די האַנדווערקער-צעכן. אויך איז דיזעלבע פאַרבאָטן אַריינצופירן קיין לובלין אויסאַרבעטונגען פון אויבנדערמאָנטע פאַכן; אַ חוץ דייטשע. ווען די האַנטווערקער, וועלכע געהערן נישט צום קאַטוילישן גלויבן קומען אויף ירידים, זאָלן זיי נישט אויסלייגן זייערע סחורות צום פאַרקויפן אַזוי לאַנג, ביז די צעכן-האַנטווערקער וועלן דאָס נישט טון.

ס'איז דערלויבט צו קומען און פאַרקויפן סחורות נאָר אויף פּריווילעגירטע ירידים[3].

אָט דאָס איז טאַקע געווען דער ערשטער סטאַטוט, אין וועלכן ס'איז דייטלעך געוואָרן אנגעמערקט, אַז קריסטן פון נישט קאַטוילישן גלויבן טאָרן נישט אָנגעהערן צו די צעכן.

נאָך דעם סטאַטוט קומט דער פּסק-דין פון לובל. גראָד-געריכט פון יאָר 1624, וואָס האָט אַרויסגעגעבן קעגן א געוויסן ליטווישן שלאָסער א

1) ibibem פּונקט 7

2) Odpisy dokumentów i przywilejów cechów ślusars., ruśnikars. i zegarmistrz, w Lublinie. האַנטשריפט 1398 Bibl. Łopacin w Lublinie. זע: דאָקומענט № 3, פּונקט 7 אין דער אבטיילונג „מאַטעריאַלן“.

3) ibidem „זע: דאָקומענט № 3, פּונקט 34 אין אפּטיילונג „מאַטעריאַלן“.

דיסידענט פאַר איבערטרעטן דעם דאָזיקן סטאַטוט (פּונקט 34) נעמלעך, פאַר נישט-געזעצלעכן פאַרקויף פון זייערע אויסאַרבעטונגען פריער פאַר די קאַטוילישע צעכן-האַנטווערקער. דערפאַר ווערט ער באַשטראָפט מיט אַ געלד-שטראָף[1]).

דערפון זעט מען אויך — ווי איך האָב עס שוין אגב פריער דערמאָנט, אז די צעכן האָבן באַקעמפט נישט נאָר די יידישע האַנט-ווערקער, נאָר אויך האַנטווערקער פון אַנדערע עטנישע גרופּן פון פוילן. פון דעם סטאַטוט זענען מיר זיך משער, אז אין לובלין זענען געווען צוויי מינים ירידים פּריווילעגירטע און נישט-פּריווילעגירטע. בעת די ערשטע איז געווען דערלויבט די האנטווערקער, וועלכע האָבן נישט געהערט צו די צעכן, צו פאַרקויפן זייערע סחורות; דאקעגן זענען בעת די צווייטע — חל געווען די דערמאנטע צעכן-באַגרעניצונגען. דער דאָזיקער סטאַטוט איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך די קעניגן וולאַדיסלאַוו דעם IV און מיכאַל קאָריבוט (31/VIII 1671)[2]. — לויטן סטאַטוט פון מויער-צעך, באַשטעטיקט דורכן לובל. שטאָט-אמט אין יאָר 1634 איז נישט דערלויבט געווען די יידישע „פּושערס" צו אַרבעטן אין די שליאַכטישע הויף, קלויסטערס, ביי יידן, און קיין שום צעך-מייסטער האָט נישט געטארט מויערן מיט מאטעריאל, וועלכער איז געווען געקויפט ביי יידן[3]).

ס'פלעגן טאַקע אָפט אנטשטיין סכסוכים צוליבן קויפן פון מאטעריאלן און נויטיקע מכשירים פאַר די האַנטווערקער. אין פוילן איז נישט געווען נאָך דאמאלס איינגעפירט, אַז אַ צעך זאָל קויפן מאטעריאלן און מכשירים און שפּעטער צעטיילן צווישן די מיטגלידער פון געגעבענעם צעך פאר אַ קלענערן פּרייז, ווי אין לאחדים-איינקויף. מ'האָט אָבער שטרענג אָפּגעהיטן, אז צעכן-מיטגלידער זאלן זיך נישט שטערן קעגנזייטיק ביים איינקויפן די סחורות און אויך, אז זיי זאָלן

1) ibidem.

2) ibidem.

3) (...Aby żaden magister nie śmiał murować materyą żydowską...) — Sumarjusz przywilejów cechu mularskiego Lubels. od. r. 1588—1787. Bibl. im. H. Lopac. w Lubl. חאַנדשריפט. 1394

נישט קויפן דיזעלבע ביי יידן. דער לעצטער פּרינציפּ — זעען מיר — איז אנגעווענדעט געוואָרן אינם אויבן-דערמאָנטן סטאטוט, וועלכער איז שפּעטער באַשטעטיקט געוואָרן דורכן קעניג וולאַדיסלאַוו דעם IV (3/V 1634) דורך יאַן קאַזשימיעזש (11/VIII 1649) און דורך מיכאל קאָריבוט (31/VIII 1671)[1] — אין דער פּריווילעגיע, וועלכע דער קיניג וולאַדיסלאַוו דער IV האָט געגעבן די לובל. בלעכער-און צינער-צעכן (30/VIII 1635), ווערט אויך דאָס דערמאָנט, אַז א פּרעמדער סוחר אָדער אַ ייד, וועלכער פירט אריין אויפן לובל. יריד זיינע צין- און-בלעך-אויס-אַרבעטונגען, איז מחויב די דאָזיקע צו פאַרקויפן אויסשליסלעך און דעטייל, אונטער דער שטראף פון קאָנפיסקירן די סחורה[2]. דער קעניג וולאַדיסלאַוו דער IV באַשטעטיקט אין יאָר 12/VI-1636 אַ פּריווילעגיע, וועלכע זיינע אבות האָבן געגעבן דעם לובל. שמידן-צעך. גלייכצייטיק באשטעטיקט דער קיניג אייניקע צוגאב-אַרטיקלען, אין וועלכע ס'געפינט זיך אויך א פונקט וועגן יידן: אז זיי זאָלן נישט קויפן און נישט פאַרקויפן קיין שמיד-אויסאַרבעטונגען, אונטער דער שטראף פון 40 גריוונעס, פון וועלכע א העלפט דארף צופאלן דעם מאַגיסטראט און א העלפט-דעם שטאָטישן שמידן-צעך[3]. באלד נאָך דעם פונקט איז אנגעמערקט, אז די דאָזיקע יידן דארפן אריינטראָגען אפּצאָלן דעם שמידן-צעך פאר פאַר-קויפן אייזן. (...Ciż Zydzi od przedania Zelaza do Cechu Kowalskiego płacić maią...) מיר באַמערקן דאָ א געוויסע סתירה, ווייל לויט איין טייל פונם צוגאב-ארטיקל, טאָרן די יידישע שמידן נישט קויפן און נישט פארקויפן קיין אייזן און לויטן צווייטן — מעגן זיי עס יאָ טון, נאָר פאר אַ געוויסן אָפּצאָל. דערפון דארף מען זיך

1) ibidem.

2) (...Statuimus, ut la super libras, seu particulatim to iest na Funty, seu per centenarem seu ut uocant całkami diuendere debebit...) Lustracya województwa lubels. roku 1659-60. 149 זייט. Archiwum główne w Warszawie.

3) Odpisy z księgi cechowej dokumentów i przywi-lejów cechu Stolarskiego, rziezbiars., tokarskiego, szklars-kiego, stelmachowskiego, kołodziejskiego i powróżń. w Lublinie. 1397 האַנטשריפט Bibl. im H. Łopacińskiego w Lubl.

משער זיין, אז ס'איז געוואָרן אַ מנהג, די יידישע האנטוועקער זאָלן אריינטראגן די צעכן באשטימטע אָפּצאלן פאר דערלויבן זיי אויסצואַרבעטן און צו פאַרקויפן זייערע אויכאַרבעטונגען, הגם דאָס איז געווען יורידיש פאַרבאָטן. אין דעם פאַל באַטרעפט דער אָפּצאָל 8 ג'לדן יערלעך פאַר יעדן האַנטוועקער. אין קעגנפאַל איז נישט דער-לויבט די יידן צו האנדלען מיט שמיד-אויסאַרבעטונגען[1]. אין דער פּריווילעגיע פאר יידישע היטל-מאכער, געגעבן דורך וולאַדיסלאַוו דעם IV אין יאר 30/VII—1640 אין ווארשע, איז אויך אנגעמערקט, אַז יידן און פרעמדע סוחרים טארן נישט פארקויפן אַפילו בשעת ירידים קיין אַנדערע היטלען, ווי נאָר אויסגעאַרבעטע אין לובלין. די היטלען, וועלכע ווערן אויסגעאַרבעט מחוץ לובלין, טארן זיי נישט פארקויפן, אונטער דער שטראף פון קאָנפיסקירן די סחורות. דערפון איז צו זען, אז בעת יידן פלעגן קומען פון פרעמדע שטעט מיט זייערע סחורות קיין לובלין אויף ירידים, האָבן די צעכן נישט דערלויבט זיי צו פארקויפן זייערע סחורות, באקעמפענדיק אויף אזא אופן די קאָנקורענץ.

אין יאר 1640[2] שיקט דער קיניג וולאַדיסלאַוו דער IV א מאנדאט צום ראט-און-וויאָט-אמט אין לובלין, זיי זאלן היטן, אז די לובלינער שמיקלער, וועלכע געהערן צו די שטאָט-צעכן, זאלן נישט באַוועלט ווערן אין האַנדל און פאַרדינסטן, בכלל פון די אַרטיקע יידישע און אויך פרעמדע סוחרים און שמיקלער[3]. אין יאר 1645[4] גיט וולאַדיסלאַוו דער IV ארויס א דעקרעט אינם שטרייט-ענין צווישן די לובל. שלאָסער, וועלכע געהערן צום שטאָט-צעך, און די אָרטיקע יידישע שלאָסער. דער שלאָסער-צעך האט אין דעם פאל אריינגעטראגן אַן אנקלאגע קעגן די צווייטע, אז זיי האנדלען מיט אייזן, צום שאָדן

1) Lustracya województwa lubels. z roku 1659—60 Archiwum główne w Warszawie № 30. זייט 143—4.

2) אין דאָזיקן דאָקומענט פעלט די טאָג-דאַטע.

3) ibidem זייט 135—6.

4) אין דאָזיקן דאָקומענט פעלט די טאָג-דאַטע

פונם צעך[1]. אויפן סמך פון דער פּריווילעגיע פונם שמידן־צעך, ארויסגעבן אין יאָר 12/VI—1636 (זע אויבן) איז דערלויבט געווען די יידן צו פאַרקויפן אייזן פאַר אַן אָפּצאָל פון 8 גילדן. נאָך 8 יאָר טרעפן מיר זיך מיט דער אנקלאגע פונם שלאָסער־צעך, וועלכע האָט פאַראורזאכט דעם קיניגלעכן דעקרעט. דער דעקרעט פאַרווערט די יידישע לובלינער שלאָסער צו האַנדלען מיט אייזן. דערפון קען מען ארויסדרינגען, אז אין לובל. צעך האָט יאָ דערלויבט די יידישע האַנטווערקער צו פאַרקויפן געוויסע אויסאַרבעטונגען — פאַרשטייט זיך פאַר אן אָפּצאל — און דער צווייטער האט דאָס פאַרווערט.

וולאַדיסלאוו דער IV באַשטעטיקט אין ווארשע אין יאָר 4/XII—1645 די פּריווילעגיע, וועלכע דער לובל. סטאראָסטע זביגניעוו פירלע האט געגעבן דעם 30/I 1645 פאַר די לובל. קריסטלעכע שוסטער, וועלכע געהערן נישט צום צעך. אין דער פּריווילעגיע נעמט דער סטאַראָסטע אונטער זיין שוץ די קאַטוילישע שוסטערס אנטקעגן די אָרטיקע יידישע און ליטווישע. די לעצטע טארן נישט פאַרקויפן קיין צוגעפירטע אדער אָרטיקע שוסטער־אויסאַרבעטונגען, נישט אין דער שטאָט, נישט אין דעם יידישן קווארטאַל, נישט פאַר דער יידישער גרויסער שול, אונטער דער שטראָף פון קאָנפיסקירן די סחורות. א העלפט פון די קאָנפיסקירטע סחורות וועט געהע'ן דעם סטאַראָסטע־אמט און א העלפט — די קריסטלעכער שוסטערס. דאגעגן אין דער צייט פון ירידים, איז זיי דערלויבט די סחורות צו פאַרקויפן אין די קראמען און אין די הייזער, נישט לענגער אָבער, ווי 2 וואָכן צייט. די יידן טארן אויך נישט פירן קיין מסחר מיט פּאָדקאָוועס, ווייל דאָס ברענגט שאדן דעם פשוטן קונה[2]. די פּריווילעגיע

1) (...Opowiedali się naprzeciw Zydom lubelskim iz Zelazem handluią in praeiudlcium contubernij ipsorum...) — Odpisy dokumentów i przywilejów cechu ślusarskiego i zegarmistrzowskiego w Lublinie. האַנטשריפט 1398 Bibl. im. H Lopacinskiego w Lubl.

2) (...Zydzi i insi kramarze aby podkówek w Budach nie przedawali, gdyż się to dzieie na oszukanie pospolitego człowieka...) — Odpisy dokumentów i przywilijów cechu szewskiego w Lublinie. האַנטשריפט 1399 Bibl. im. H. Lopac. w Lublinie.

א
איז באַשטעטיקט געוואָרן אויך דורך די קעניגען יאַן קאזשימיעזש (1664—20/XII) און מיכאַל ווישניאָוויעצקי (1670—31/X) ¹).

צו די אויבנדערמאנטע דאָקומענטן איז — צווישן אנדערע — געדרינ־גען אויך דאס, אז פוילישע קיניגן האבן געפלעגט באַשטעטיקן די פּריווילעגיעס, מאנדאטן און סטאטוטן פון די לובל. שטאָט־צעכן, כּדי צו פארטיידיקן אויף אזא אופן די צעכן־האנטווערקער קעגן דער קאָנקורענץ פון די האנטווערקער, וועלכע זענען געשטאנען מחוץ די צעכן.

וועגן יידישע צעכן פון לובלין

אין די פוילישע שטעט האָבן אויך עקזיסטירט יידישע צעכן, וועלכע זענען אנטשטאנען אַלס רעאקציע אנטקעגן די שטאָט־צעכן, זיי טרעטן ארויס הויפּטזאכלעך אין XVII יאָרהונדערט אין די שטעט: קראקע, לעמבערג, פויזן, פּזשעמישל, בערדיטשעוו, לוצק און אנדערע²). די ארגאניזאציע פון די יידישע צעכן איז אין פול היינזיכטן געווען ענלעך צו די שטאָט־צעכן. דאָ שטעלט זיך די פראגע: צו האָבן אויך אין לובלין עקזיסטירט יידישע צעכן? אויף דער פראגע קען איך דערוויייל קיין דעפיניטיוון ענטפער נישט געבן. און די שטאָט־אמט און גראד־אמט־אקטן האב איך אויף קיין שום באווייזן פון דער עקזיסטענץ פון אזעלכע אין לובלין נישט אנגעטראָפן, דאס שליסט אבער נישט אויס, אז מען וואלט געקאנט וועגן זיי געפונען ידיעות אין די ארטיקע העברעישע און יידישע קוועלן. אין לובלין געפונען זיך געמלעך פּנקסים, צעווארפן דא אין דארט, אין די שולן און ביי פּריוואטע פּערזאנען, די פּנקסים וואלטן ווארשיינלעך די פראגע באלויכטן³).

1) ibidem.

2) М. Вишницеръ: „Евреи ремесленники и ихъ цеховая организація", Міръ. Исторія евр. народа: XI באנד, 293 זייט.

3) צוליב צייטווייליקע טעכנישע סבּות האָב איך זיך מיט די פּנקסים נאָך נישט באַנוצט.

ד"ר רפאל מאהלער

סטאַטיסטיק פון יידן אין דער לובלינער וואָיעוואָדסטווע

אין די יאָרן 1764–65

ווי באַקאנט, איז די אויטאָנאָמיע פון די יידן אין פוילן אָפּגעשאַפט געוואָרן דורכן געזעץ (קאָנסטיטוציע) פון 7-טן מאַי 1764. דער סיים האָט געהאַלטן, אַז די סומאַרישע שטייערן, וועלכע פלעגן אַריינגעבראַכט ווערן דורך די יידישע סיימען אין קרוינפוילן און אין ליטע, באַטרעפן אַסאַך ווייניקער, איידער דאָס וואָלט באַדאַרפט אויסקומען, לויט דער באַרעכענונג פון דער צאָל יידן. ריין פיסקאַלישע טעמים האָבן בכן דעצידירט וועגן גורל פון דער ייד. אויטאָנאָמיע אין פוילן, די קאָנסטיטוציע פון 7-טן מאַי 1764 באַשליסט אַדורכצופירן אין דער גאַנצער מלוכה אַ ציילונג פון אַלע יידישע נפשות, מיט אַן אויסנאַם פון קינדער, וועלכע זענען נאָך נישט אַלט קיין גאַנץ יאָר. דער שטייער איז באַשטימט געוואָרן אויף 2 פוילישע גילדן פון אַ קאָפּ. די סומע, וועלכע איז אויפן גרונט פון דער קאָפּ-ציילונג אַריינגעפלאָסן, באַווייזט, אַז די קאָמיסיע האָט זיך גאָר נישט טועה געווען אין איר חשבון: אין יאָר 1717, ד. ה. ווען די יידישע אויטאָנאָמיע-אָרגאַנען פלעגן נאָך איינמאָנען קאָפּ-שטייער, האָט די דאָזיקע הכנסה באַטראָפן 110.000 פוילישע גילדן פאַר קרוינפוילן און ליטע צוזאַמען, בשעת נאָך דער אַדורכגעפירטער ציילונג האָט דער קאָפּ-

שטייער אָרייַנגעבראַכט 859,312 פויל. גילדן בלויז פון קרוינפוילן און 315,297 גילדן פון ליטע[1].

די ציילונג פלעגט פאָרקומען אין גאַנץ פוילן אויף דעם זעלבן אופן: די ציילונג ווערט אַדורכגעפירט אין יעדער שטאָט דורך אַ ספּעציעל צו דעם צוועק באַשטימטן רעוויזאָר, וועלכער גייט אַרום פון הויז צו הויז און שטעלט צונויף אַ רשימה פון די יידישע קעפּ מיט דער הילף פון פאָרשטייער פון דער יידישער קהלה. אַחוץ דעם ווערט צונויפגעשטעלט אַ רשימה פון די דאָרפס-יידן פון די „סביבות"[2], וועלכע געהערן צו דער זעלבער קהלה (פּאַראַפיע). די רשימה פון דער גאַנצער קהלה (פּאַראַפיע) ווערט אונטערגעשריבן פון רעוויזאָר און פון פאָרשטייער פון דער ייד. קהלה: דעם רב, דעם פּרנס און דעם שמש. פאַר יעדער וואָיעוואָדסטווע ווערן באַשטימט 2 קאָמיסאַרן (גרעסערע וואָיעוואָדסטוועס, ווי למשל די קראָקעווער, באַקומען 2 קאָמיסיעס צו 2 קאָמיסאַרן), וועלכע קאָנטראָלירן און חתמנען אונטער די געניוע רעגיסטערס פון די פּאַראַפיעס. אויפן סמך פון די דאָזיקע רעגיסטערס שטעלן זיי צוזאַמען די סומאַרישע טאַריפן פון קאָפּ-שטייער פאַר דער גאַנצער וואָיעוואָדסטווע.

ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז פאַרן צוועק פון היסטאָרישער סטאַטיסטיק דינען בעסער די געניוע רעגיסטערס פון די קהלות (פּאַראַפיעס), איידער די סומאַרישע טאַריפן, וועלכע פלעגן אויפן סמך פון די רעגיסטערס צונויפגעשטעלט ווערן דורך די קאָמיסאַרן. די „רעגיסטערס" פאַרצייכענען געניו יעדן קאָפּ מיטן נאָמען און פאַמיליע-נאָמען (פּאַטראָנימיק), בשעת די „טאַריפן" אַנטהאַלטן געוויינלעך בלויז סומאַרישע רשימות פון שטעטלעך און דערפער, אין בעסטן פאַל אויך פון הייזער, באַזונדערס אין גרעסערע שטעט. ס'איז איבעריק צו באַמערקן, אַז אַ סטאַטיסטיק פון פּראָפעסיעס קאָן רעקאָנסטרויִרט ווערן נאָר אויפן יסוד פון „רעגיסטערס".

---

1) פגל. Józef Kleczyński: „Spisy ludności w Rzeczypospolitej Polskiej" (Rozprawy Akad. Umiej. Wydz. hist. fil. Serja II-ga T. V. 1894r).

2) די באַצייכנונג „סביבה" האָט אויפגענומען דער פוילישער שרייבער פון דעם רעגיסטער פון לענטשנע: „Z Swiw Arędarze i Karczmarze"

צו דער ציילונג פון 1764) זענען פאַר דער לובלינער וואָיע-וואָדסטווע באַשטימט געוואָרן פאַר קאָמיסאַרן א. סוכאָדאָלסקי און יוסף גלוסקי, (A. Suchodolski i Józef Gluski) דער ערשטער woysz-czyc lubelski, דער צווייטער komornik graniczny lubelski (1 וועגן די באַזונדערע רעוויזאָרן פאַר יעדער קהלה (פּאַראַפיע) האָבן מיר נישט קיין שום גענויערע ידיעות. בלויז אין דער קהלה ראַדזין איז דער רעוויזאָר אונטערגעחתמעט, אַחוץ דעם פאָרנאָמען און פאַמיליע-נאָמען, אויך מיט זיין אַמטטיטל אַלס ריכטער[2]. אַזוי ווי די שטעט און שטעטלעך זענען כמעט אַלע געווען אין באַזיץ פון פּריצים, ווערט אָפט אין דער חתימה אָדער אין אַ הקדמה באַמערקט, אַז דער רעוויזאָר האָט אַדורכגעפירט די ציילונג לויטן באַפעל פון גוטבאַזיצער. אין איין פאַל (צשעמיערניקי) איז אַלס רעוויזאָר באַשטימט געוואָרן אַן אַנאַלפאַבעט און ער חתמעט זיך אונטער מיטן צייכן פון קרייץ (!). אין דריי פאַלן זענען באַשטימט געוואָרן בשותפותדיקע רעוויזאָרן פאַר צוויי שטעט: לובלין מיט דער פאָרשטאָט פּיאַסק, פאַרטשעוו מיט אָסטראָוו און קאָנסקעוואָלע מיט וואָלאָסטאָוויץ.

ווי אומעטום, איז אויך די לובלינער וואָיעוואָדסטווע איינגע-טיילט געוואָרן ביי דער יידנציילונג אויף די יידישע קהלות (פּאַראַפיעס), פון וועלכע יעדע האָט אַרומגענומען אַ שטאָט מיט סביבות, ד. ה. אַרומיקע דערפער און אַמאָל אויך קלייניקע שטעטלעך. אַזוינע קהלות האָט די לובלינער וואָיעוואָדסטווע געציילט 36. די מלוכישע אַדמי-ניסטראַטיווע איינטיילונג אויף פּאָוויאַטן (באַצירקן) איז ביי דער ציילונג לגמרי נישט גענומען געוואָרן אין אַכט. די ציילונג איז פאָרגעקומען אין דער גאַנצער וואָיעוואָדסטווע אין משך פון דעצעמבער 1764 און יאַנואַר 1765. די פריסטע דאַטע איז אונטערגעשריבן אונטער דער ציילונג פון קוראָוו (8-טער דעצעמבער 1764), די שפּעטסטע — אונטער דער ציילונג פון בילגאָראַי (30-טער יאַנואַר 1765), ווייזט אויס, אַז

1) Vol. leg. VII. 44—50, str. 26. Petersburg 1860.

2) „Wykonawszy Rewyzją jako Rewyzor bez kompecyi Podpisuie sie Karol Szabrański Sędzia przsięgly Sądów Przeszłych Kapturowych Zemskich (!) Łukowskich Sadów.

אין פּרט פון טערמין איז נישט אָפּגעהיטן געוואָרן קיין שום טעריטאָריאַלער פּרינציפּ. די רעגיסטערס פון אַלע פּאַראַפיעס פון די וואָיעוואָדסטוועס זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין פעברואַר 1765, און די דאָזיקע זאַמלונג איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם אַרכיוו פון דער פינאַנץ-קאָמיסיע פאַר קרוינפּוילן דעם 3-טן אַפּריל 1765.

אין מלוכישן הויפּט-אַרכיוו, ווו ס'געפינט זיך דער אָריגינאַל פון די רעגיסטערס פון דער ציילונג פון 1764/5, האָבן זיך אויך דערהאַלטן די שפּעטערדיקע ציילונג פון דערזעלבער וואָיעוואָדסטווע פון די יאָרן 1775, 1778 און 1784. מיר האָבן אויס-געוויילט די ציילונג פון 1764/5 נישט בלויז דערפאַר, וואָס זי איז די עלטסטע, נאָר אויך מחמת דעם פאַקט, וועלכן מיר האָבן שוין באַוויזן צו קאָנסטאַטירן, אַז די שפּעטערדיקע ציילונגען ווייזן אַרויס שוין ביים ערשטן קוק אַ פאַלשע פאַמיליען-סטאַטיסטיק, דהיינו אַ שיבושדיקע צאָל פון קינדער, און זענען דערפאַר אומפאַרגלייכלעך ווייניקער באַגלויבט, איידער די ערשטע ציילונג.

אויף וויפיל איז אָבער אונזער ציילונג פון 17 /6 יאָ באַגלויבט? אַנשטאָט די פראַגע דאָ צו באַטראַכטן, האַלטן מיר פאַר צוועקמעסיקער אָפּצושטעלן זיך אויף דער באַגלויבטקייט און וואָרשיינלעכקייט פון די מאַטעריאַלן ביי יעדער באַזונדערע פראַגע, וועלכע וועט זיך פאַר אונז שטעלן; ווי מיר וועלן זיך באַמיען צו באַווייזן, איז די באַגלויבטקייט פון מאַנכע צאָלן לגמרי אומוואָרשיינלעך, בשעת אַנדערע צאָלן ווידער אונטערליגן נישט קיין שום ספק.

און מלוכישן הויפּט-אַרכיוו אין וואַרשע געפינען זיך די רעגיסטערס פון דער יידנציילונג פון 1764/5 פון אַלע וואָיעוואָדסטוועס פון קרוינפּוילן. מיר האָבן אָנגעהויבן מיט דער באַאַרבעטונג פון דער לובלינער וואָיעוואָדסטווע, אַלס איינע פון כאַראַקטעריסטישסטע פאַר די שטחים פון קרוינפּוילן, ווו יידן האָבן אויסגעמאַכט אַ גרויסן פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. מיר האַלטן שוין אין צוגרייטן די קראָקעווער וואָיעוואָדסטווע, נאָך וועלכער מיר האָבן בדעה צו באַאַרבעטן אַלע איבעריקע וואָיעוואָדסטוועס פון קרוינפּוילן. אַזוי ווי דאָס אויספירן פון פּלאַן פאָדערט נאָך גאָר אַסאַך צייט, גיבן מיר לעת-עתה איבער דער עפנטלעכקייט אונזער באַאַרבעטונג פון דער לובלינער וואָיעוואָדסטווע,

וואָס נישט געקוקט אויף איר פראַגמענטאַרישקייט וואַרפט זי דאָך אַ ליכט אויפן עקאָנאָמישן און סאָציאַלן מצב פון די יידן אין פוילן אין XVIII-טן יאָרהונדערט*).

ו קאַפּיטל

די צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער לובלינער וואָיעוואָדסטווע

כדי צו באַרעכענען די ווירקלעכע צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלן מיר ברענגען צוערשט די סומאַרישע צוזאַמענשטעלונג, וועלכע איז געמאַכט געוואָרן אין דעם אָריגינאַל, דערנאָך וועלן מיר באַטראַכטן די טאַבעלן, וועלכע מיר האָבן אַליין צוזאַמענגעשטעלט לויט פאַרשידענע געזיכטספּונקטן. ערשט דערנאָך וועלן מיר קענען באַקומען די וואָרשיינלעכסטע ציפערן סיי פאַר דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, סיי פאַר באַזונדערע שטעט, וועלכע נויטיקן זיך אין אַ קאָרעקטיוו. (זע טאַבעלע I)

לויט דער ערשטער טאַבעלע האָבן מיר באַקומען די סומע פון יידישע נפשות, וועלכע זענען געוועזן עלטער פון אַ יאָר — 20,191. איידער מיר וועלן די דאָזיקע צאָל קאָריגירן, לאָמיר זען ווי אַזוי זי פאַרטיילט זיך אויף שטאָט און דאָרף. דאָס ווייזט אונז די טאַב. II. די קהלות האָבן מיר דאָ אויסגעסדרט לויט דער צאָל פון דער שטאָט-באַפעלקערונג.

*) אויף דעם אָרט האַלט איך אויך פאַר אַ ליבן חוב אויסצודריקן מיין האַרציקן יישר-כוח דעם חשובן יידישן היסטאָריקער ד"ר יצחק שיפּער, וועלכער האָט מיר געגעבן די אָנרעגונג צו דער דאָזיקער אַרבעט און אויך נישט געשפּאָרט מיר זיינע ווערטפולע עצות און אָנווייזונגען.

פון דער טאַבעלע נר. II זעען מיר, אַז אין יאָר 1764/5 האָבן 69.5% יידן פון דער לובלינער וואָיעוואָדסטווע געוווינט אין שטעט און שטעטלעך און 30.5% אין די דערפער. פון די 41 שטעט איז לובלין די איינציקע שטאָט מיט אַ באַפעלקערונג פון העכער טויזנט יידן, 9 שטעטלעך ציילן פון 500–1000 יידישע נפשות, 11 שטעטלעך ציילן פון 250—500 נפשות. 13 שטעטלעך ציילן פון 100—250 יידישע נפשות. 7 שטעטלעך ציילן אונטער 100 יידישע נפשות. אין 772 דערפער לעבן 6086 יידישע נפשות, ד. ה. דורכשניטלעך 8 נפשות אויף אַ דאָרף. (זע טאַבעלע III)

די אויבנגעבראכטע טאַבעלע האָבן מיר צוזאַמענגעשטעלט אויפן פאָלגנדיקן אופן: אין דער רובריק: „אומפאַרהייראַט”, האָבן מיר פאַררעכנט די קינדער, די דינסט-יינגלעך און דינסט-מיידלעך. די רובריק: „פאַרהייראַטע” נעמט אַרום עלטערן סיי קינדערלאָזע פאַרהייראַטע, ביי וועלכע מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט פעסטצושטעלן צו וועלכער גענעראַציע זיי געהערן. גאָר אויפפאַלנדיק איז די קליינע צאָל אומפאַרהייראַטע מענער און פרויען אין פאַרגלייך מיט די פאַרהייראַטע. דאָס עלטער פון די אומפאַרהייראַטע איז ליידער נאָר פאַרשריבן געוואָרן אין איין ישוב, דאָס איז מאָדליבאָזיץ, אָבער אויב מ'מעג אַרויסלערנען מן הפרט אל הכלל, איבערצייגט אונז דווקא דער ביישפיל פון דער דאָזיקער קהלה, אַז דער מנהג פרי חתונה צו מאַכן קינדער איז נישט געווען אַזוי שטאַרק איינגעוואָרצלט, ווי ס'מיינען מאנכע היסטאָריקער[1].

פאַקטן פון חתונה-מאַכן קינדער צו 11 יאָר, ווי ס'דערציילט וועגן זיך שלמה מיימון אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, האָבן געמוזט זיין אַ זעלטנהייט. מיר טאָרן בכן נישט באַנוצן זיך מיט זיי, בכדי צו

---

1) זע למשל: Dr. Schipper: „Die galizische Judenschaft in den Jahren 1772—1848 in wirtschafts-statistischer Beleuchtung” (Neue Jüdische Monatshefte 1918, Heft 9/10; דער מחבר באַשטימט דאָרט דאָס עלטער-מאַקסימום פאַר אומפאַרהייראַטע קינדער אויף 15 יאָר. די יוגנט פון 16—19 יאָר רעכנט ער שוין אריין צווישן די ... אייזעמס אויף קעסט. אפשר וועט זיך אונז איינגעבן אין אנדערע רעגיסטערס, וועלכ... מיר האָבן בדעה צו באַאַרבעטן, די דאָזיקע פראַגע אויפצוקלערן.

דערקלערן די פאַרהעלטנישמעסיק קליינע צאָל אומפאַרהייראַטע, וועלכע מיר באַקומען פון די ציילונגס-רעגיסטערס. אין דער מאָדליבאָזיצער קהלה (שטאָט און „סביבות", ד. ה. דערפער) האָבן מיר צונויפגעשטעלט פאָלגנדיקע טאַבעלעס פון עלטער. (זע טאַבעלע IV)

לויט אונזער מיינונג לאָזט זיך דערקלערן די פאַרהעלטנישמעסיק קליינע צאָל קינדער אין פאַרגלייך מיט עלטערן דערמיט, וואָס די קינדער האָט מען אויפן לייכטסטן אופן געקאָנט פאַרבאַהאַלטן פאַר דער ציילונגס-קאָמיסיע! די קאָמיסיע איז געגאַנגען פון דירה צו דירה1), פאָטערס און מוטערס פון פאַמיליעס האָט זי פאַרצייכנט אַפילו דעמאָלס, ווען זי האָט זיי נישט געטראָפן אין דערהיים, ווייל ס'איז דאָך אַלעמען געווען באַוווּסט, ווער ס'פאַרנעמט די פאַרשידענע דירות, קינדער האָט מען לייכט געקאָנט אַוועקשיקן פונדערהיים אָדער אַפילו אינדערהיים ערגעץ ווו באַהאַלטן. אין די דערפער איז די פראָפּאָרץ פון אומפאַרהייראַטע אַסך גרעסער איידער אין די שטעטלעך, וואָס ס'לאָזט זיך טאַקע נאָר דערמיט דערקלערן, אַז די דאָרפסיידן, וועלכע זענען געווען מחויב דורך אַ חרם צו קומען אין דער קהלשער שטאָט אַריין צו דער ציילונג, האָבן אין די מייסטע פאַלן אָנגעגעבן ריכטיק די צאָל פון זייערע קינדער, מורא האָבנדיק פאַרן חרם. סיי אין די שטעט, סיי אין די דערפער, איז מן הסתם די צאָל קינדער (אומפאַרהייראַטע), וועלכע זענען אַרומגענומען געוואָרן דורך דער ציילונג, אויך מחמת דעם געווען קלענער ווי אין דער ווירקלעכקייט, ווייל עלטערן האָבן געהאַט די מעגלעכקייט אָנצוגעבן קינדער, וועלכע זענען געווען עלטער פון 1 יאָר אַלס אייניאָריקע. אין מאַנכע קהלות ווערן אין די רעגיסטערס פאַרשריבן די קינדער פון אונטער אַ יאָר מיט דער באַמערקונג: „זויגנדיקע קינדער" (dziecko przy piersiach) און זיי פלעגן נישט פאַררעכנט ווערן צו די צאָלנדיקע

1) פנל׳: דאָס קאפּל פון רעגיסטער פון לוקאָוו: „Regest spisanych Zydów Łukowskich podług Rewizyi w każdym Domu uczynioniej" אָדער באַמערקונגען אין אַסאַך רעגיסטערס וועגן מאַנכע פאַמיליעס: „Zastano w domu..." באַמערקונגען וועגן קינדער, וועלכע האָבן געוועקט אַ חשד, אַז זיי זענען עלטער פון 1 יאָר (אונטערליגן, בכן, דעם קאָפּ-שטייער): „mówią, że nie ma poł roku ale my jej nie widzieli".

קעפּ. די גרענעץ פון זייגנדיקע קינדער דעקט זיך אָבער נישט, ווי מיר ווייסן, מיט דער גרענעץ פון 1 יאָר, מ׳האָט בכן פון איין זייט געהאַט די מעגלעכקייט פאָרצושטעלן דער קאָמיסיע באמת זייגנדיקע קינדער, וואָס זענען געווען עלטער פון 1 יאָר, פון דער אַנדערער זייט האָט מען זיך, אוודאי, געקאָנט פאַרענטפערן אויך וועגן קינדער, וואָס האָבן שוין אויפגעהערט צו זייגן און זענען געווען אין 2-טן לעבנס-יאָר, אַז זיי זענען נאָך נישט אַלט קיין גאַנץ יאָר, מ׳האָט זיי פרי אַנטוויינט. דער דאָזיקער מאָמענט האָט זיכער אין אַ געוויסער מאָס גורם געווען די פּראָפּאָרץ פון קינדער צו פאַרהייראַטע, קיין גרויסע באַדייטונג האָט ער אָבער פאַר אונז נישט. וויכטיקער איז, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, דער גאָר אָנזעעוודיקער חילוק צווישן דער פּראָפּאָרץ פון קינדער צו פאַרהייראַטע אין די שטעטלעך און אין די דערפער, דער פאַרגלייך צווישן טאַב. III A (עלטער פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטעט) און III B (אין דערפער) גיט אונז דאָס פאָלגנדיקע בילד וועגן דער דאָזיקער פּראָפּאָרץ:

אין די שטעט באַטרעפט די סומע פון קינדער 2708 ייִנגלעך + 2624 מיידלעך = 5332 קינדער.

די סומע פון פאַרהייראַטע: 3444 מענער + 3686 פרויען = 7130 פאַרהייראַטע. די פּראָפּאָרץ פון קינדער צו פאַרהייראַטע באַטרעפט כמעט 75%. אין די דערפער באַקומען מיר: 1557 ייִנגלעך + 1321 מיידלעך = 2878 קינדער. די סומע פון פאַרהייראַטע: 1450 מענער + 1467 פרויען = 2917 פאַרהייראַטע. די פּראָפּאָרץ פון קינדער פאַרהייראַטע באַטרעפט אין די דערפער כמעט 98%! אויף 75 קינדער אין די שטעט האָבן מיר 98 קינדער אין די דערפער! מ׳וואָלט געקענט די דאָזיקע דערשיינונג אין פלוג אויסטייטשן דערמיט, וואָס אין די דעמאָלסדיקע צייטן, ד.ה. אין XVIII יאָרהונדערט, איז די שטערבלעכקייט אין די שטעט געווען אומפאַרגלייכלעך גרעסער, ווי אין דאָרף, און היות ווי די עפּידעמיעס האָבן צומערקלעכסטן געווילדעוועט צווישן קינדער, איז די דיספּראָפּאָרץ צווישן דער צאָל קינדער אויפן דאָרף און אין די שטעטלעך דערמיט פאַרענטפערט[1].

---

1) פגל׳: J. M. Kuliszer: „Dzieje gospodarcze Europy Zachodniej T. II Czasy nowożytne" (ארויסגעגעבן פון: „Bib-

אויב מיר דערמאָנען זיך אָבער די גרויס פון די פוילישע שטעטלעך אין דער לובלינער וואָיעוואָדסטווע בפרט, דאַן קאָנען מיר נישט אָננעמען, אַז די שטערבלעכקייט אין די דאָזיקע שטעטלעך זאָל זאָל האָבן געווען אַסאַך גרעסער, איידער אין די דערפער. דער איבערוויגנדיקער רוב פון אונזער שטעטלעך אונטערשיידט זיך אייגנטלעך נישט קיין סך פון גרויסע דערפער, אויב ס'גייט וועגן דער געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג און געדיכטקייט פון הייזער, וועלכע שפּילט די גרעסטע היגיענישע ראָל. אַז אונזער אויבדערמאָנטע השערה וועגן דער אייגנטלעכער סיבה פון דער דיספּראָפּאָרץ צווישן דער צאָל קינדער און פאַרהייראַטע אין די שטעט איז זייער וואַרשיינלעך, באַווייזט אונז אויך די גענויערע אַנאַליז פון דער דאָזיקער דערשיינונג. אין דער טאַבעלע A III (שטעט) טיילן מיר אויס באַזונדער די לעצטע 11 שטעט פון לובלין ביז ביסקופּיץ. מיר באַקומען דאַן פאַר די איבערגעבליבענע 25 שטעט אַזאַ פּראָפּאָרץ: סומע קינדער: 4162 (2096 ייִנגלעך + 2066 מיידלעך). סומע עלטערן: 4509 (2158 מענער + 2351 פרויען)! די פּראָפּאָרץ באַטרעפט 92½%. אַלזאָ נישט אַסך וויניקער, ווי די אויבן-אַרויסבאַקומענע פּראָפּאָרץ, פאַר די דערפער, וועלכע האָט באַטראָפן 98%. נעמען מיר אָבער אין באַטראַכט די לעצטע 11 שטעט דאַן באַקומען מיר אַזאַ חשבון: 1170 קינדער (612 ייִנגלעך + 558 מיידלעך) אויף 1621 עלטערן (1286 מענער און 1335 פרויען), ד. ה. נישט קיין גאַנצע 45%! אויב די סטאַטיסטיק פון די ערשטע 25 שטעט קאָן מען בדוחק אָננעמען פאַר באַגלויבט, איז די ציילונג פון די לעצטע 11 שטעט לגמרי אומוואַרשיינלעך!

פון די 31 פּאַראַפיעס-דערפער (טאַב. B III) האָבן מיר אויך אַרומגעראַמט די לעצטע 5, וועלכע ווייזן אַרויס אַן אומוואַרשיינלעכע פּראָפּאָרץ קינדער, אין פאַרגלייך מיט די איבערגעבליבענע 26. בשעת די 26 פּאַראַפיעס גיבן אונז אַ דורכשניטלעכע פּראָפּאָרץ פון 109%, ד. ה. 109 קינדער אויף 100 מענער און פרויען (עלטערן), באַקומען מיר אין

ljoteka Wyższej Szkoły Handlowej”) דאָס 1=טע קאַפּיטל וועגן דער באַפעלקערונג, וווּ ס'ווערן געבראַכט ציפערן פון דער שטערבלעכקייט אין די שטעט, וועלכע האָט איבערגעשטיגן די צאָל געבוירטן. דאָרט ווערט אויך געבראַכט די מיינונג פון סטאַטיסטיקער פון XVIII-טן יאָרהונדערט (Halley, Baumann), אַז די באַפעלקערונג איז דעמאָלסט אייגנטלעך, געוואַקסן בלויז אין די דערפער. אין די שטעט האָט זי זיך פאַרגרעסערט נאָר אַדאַנק דעם צופלוס פון די דערפער. (זייט 10).

די לעצטע 5 פּאראפיעס (פון גאָראַי ביז אָסטראָוו) קוים 63% קינדער! כאַראַקטעריסטיש איז דערביי, אַז פון די דאָזיקע 5 פּאראפיעס געהערן 3 צו די שטעט, וועלכע ווייזן אַליין אויך אויף אַן אומוואַרשיינלעכע סטאַטיסטיק פון קינדער. דאָס זענען די פּאראפיעס: אָסטראָוו, פּארטשעווו און קוזמיר.

אַ פאַרגלייך פון סך-הכל פון דער טאַב. A III און טאַב. B III וואַרפט אַ ליכט אויך אויף אַנדערע פראַגן. אין די שטעט איז די אַלגעמיינע צאָל מענער קלענער פון דער צאָל פרויען און די פּראָפּאָרץ באַטרעפט 6726 : 7145 אַלזאָ 94%, אין די דערפער דאַקעגן איבערשטייגט די אַלגעמיינע צאָל מענער די צאָל פרויען, און די פּראָפּאָרץ פון 3231 מענער צו 3089 פרויען גיט אונז כמעט 105%. איבערגייענדיק צו די באַזונדערע רובריקן פון עלטער, וועלכע לייגן זיך צונויף אויף דער דאָזיקער פּראָפּאָרץ, לאָמיר קודם כל באַטראַכטן די פּראָפּאָרץ פון יינגלעך אומפאַרהייראַטע לגבי מיידלעך, ווי זי שטעלט זיך פאָר אין די שטעט און אין די דערפער. אין די שטעט איז די דאָזיקע פּראָפּאָרץ 2708 : 2624 ד. ה. 103%, בשעת אין די דערפער 1557 צו 1321, ד. ה. 118%. דער חילוק נעמט זיך דערפון, וואָס אין די דערפער זענען אין אַן איבערוויגנדיקער צאָל באַשעפטיקט דינסט-יינגלעך, וואָס איז אַ פועל-יוצא פון דיווירטשאַפטס- און קולטור-באַדערפענישן פון די דאָרפס-יידן (פּאַראַבקעס, שענקערס און באַהעלפערס), בשעת אין די שטעט ווערן מער באַשעפטיקט דינסט-מיידלעך, צומייסטנס אַלס קעכינס (פּג"ל: טאַב. IX).

דער פאַרגלייך פון דער פּראָפּאָרץ פון פאַרהייראַטע מענער און אַלמנס צו פאַרהייראַטע פרויען און אלמנות אין שטאָט און אין דאָרף באַווייזט, אַז סיי אין די דערפער, סיי אין די שטעט איז די צאָל פרויען גרעסער, ווי די צאָל מענער ד. ה. אלמנות איז פאַראַן אַ סך מער איידער אַלמנס, ס'איז אָבער פאַראַן אַ חילוק צווישן שטאָט און דאָרף, סיי אין דער גרויס פון דער דאָזיקער פּראָפּאָרץ, סיי אין עלטער פון אַלמנס און אלמנות. אין די שטעט גיט די צאָל מוטערס לגבי דער צאָל פאָטערס אַ פּראָפּאָרץ פון 3685 צו 3444 ד. ה. 107% בשעת אין די דערפער באַקומען מיר די פּראָפּאָרץ פון 1467 צו 1450 ד. ה. 101%! די פּראָפּאָרץ פון באָבעס לגבי זיידעס גיט אונז אין די שטעט

די פּראָפּאָרץ פון 801 צו 561, ד. ה. 143%, בעת אין די דערפער 293 צו 222 ד. ה. 132%. דערפון זעען מיר, אַז אין די שטעט איז פּראָ-פּאָרציאָנעל די צאָל אלמנות, מוטערס אסך גרעסער איידער אין די דערפער, אַזוי ווי מיר וועלן ווייטער אויספירן, איז די עקאָנאָמישע לאַגע פון די דאָרפס-יידן געווען אסך בעסער, איידער פון די שטאָטישע. דעריבער ווערט פאַר אונז פאַרשטענדלעך, אַז אין די שטעט האָט אַן אלמנה זעלטענער געקענט נאָכאַמאָל חתונה האָבן, איידער אין דאָרף. כאַראַקטעריסטיש איז אויך דער אומשטאַנד, אַז די אלמנות אין די שטעט זענען אין זייער איבערוויגנדיקער מערהייט לאָקאַטאָרינס, וואָס ס׳באַשטעטיקט אויך אונזער הנחה.

מיר גיבן איבער אַ טאַבעלע פון אלמנים (גרושים) און אלמנות (גרושות, עגונות) אין דער לובלינער וואָיעוואָדסטווע. די צאָל גרושות און עגונות איז אין דער דאָזיקער טאַבעלע גאָר אַ קליינע און גאַנץ אומוואַרשיינלעך. מיר האָבן געמלעך, אין די דאָזיקע רובריקן פאַררעכנט נאָר די דאָזיקע פרויען, וועלכע ווערן אין דער ציילונג בפירוש פאַר-ציייכנט אַלס אַזעלכע. אַן אָנזעעוודיקע צאָל פון לאָקאַטאָרינס, וועלכע גיבן אונז דעם גרעסטן קאָנטינגענט אלמנות, איז וואַרשיינלעך באַשטאַ-נען אויך פון עגונות און גרושות, מיר האָבן, בכן, די רובריק „אלמנות" באַוואָרנט מיט אַ פראַגע-צייכן.

נאָך די אַלע אויבנגעבראַכטע אויספירונגען וועלן מיר דאַרפן רעוווידירן די צאָל יידישע נפשות אין דער לובלינער וואָיעוואָדסטווע, וועלכע מיר האָבן פריער באַקומען אַלס סך-הכל פון די 36 קהלות. מיר וועלן זיך קודם-כל מעגן נעמען דאָס רעכט ריכטיק צו שטעלן די צאָל נפשות אין די לעצטע 11 שטעט פון דער טאַב. A III און די לעצטע 5 קהלות-דערפער אין דער טאַב. B III. די צאָל קינדער (אומפאַרהייראַטע) אין די שטעט מיט פאַלשע סטאַטיסטיק וועלן מיר קאָריגירן לויט דער פּראָפּאָרץ צו פאַרהייראַטע אין די איבערגעבליבענע שטעט, אַזוי אויך וועלן מיר נעמען פאַר דער צאָל קינדער אין די דערפער מיט פאַלשער סטאַטיסטיק די פּראָפּאָרץ פון די איבערגעבליבענע דערפער. פאַרגרעסערנדיק די צאָל פון 1170 קינדער אין די 11 שטעט לויט דער פּראָפּאָרץ פון די איבעריקע, ד. ה. פון 45% ביז 92½% באַקומען מיר די וואַרשיינלעכע צאָל קינדער אין די דערמאָנטע 11

שטעט 2355 ד.ה. מיט 1185 מער, איידער מיר האָבן צוזאַמענגעשטעלט אין די רעגיסטערס. די צאָל קינדער אין די 5 קהלות-דערפער וועלן מיר פאַרגרעסערן פון 62,5% אויף 109%, און מיר וועלן דערהאַלטן אַנשטאָט דער צאָל 586 קינדער 1022 ד. ה. מיט 436 מער.

נעמענדיק אין אַכט די דאָזיקע דיפערענצן, וועלן מיר באַקומען די מינימאַלע אַלגעמיינע צאָל יידישע נפשות אין עלטער העכער פון 1 יאָר: אין די שטעט 13.871 + 1.185 צוזאַמען 15.056 נפשות און אין די דערפער 6320 + 436 = 6.756 נפשות. די פּראָפּאָרץ פון דער ייד. שטאָט- און דאָרפס-באַפעלקערונג בלייבט דורכן דאָזיקן קאָרעקטיוו כמעט נישט פאַרענדערט, ד. ה. 69.5 צו 30.5. די אַלגעמיינע צאָל יידישע נפשות אין עלטער פון העכער א יאָר אָנגעהויבן אין דער לובלינער וואָיעוואָדסטווע וועט אויספאַלן 21 812. ווילן מיר באַקומען די צאָל פון אַלע נפשות איינשליסלעך די קינדער אונטער א יאָר, דאַן וועלן מיר דאַרפן צוצורעכענען אַ ערך פון 5.6%[1], ד. ה. 1221 קינדער. די אַלגעמיינע צאָל נפשות וועט דאַן אויספאַלן 23.033, פאַרשטענדלעך, אַז דאָס איז די מינימאַל-סומע, וועלכע מיר האָבן אויסגערעכנט, אויפן יסוד פון דער ציילונג. מיר זענען נישט ביכולת פעסטצושטעלן דעם פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג לגבי דער גאַנצער באַפעלקערונג פון דער לובלינער וואָיעוואָדסטווע פאַרן יאָר 1765, ווייל ס'פעלט אונז אַ סטאַטיסטישע באַרעכענונג פון דער פּוילישער באַפעלקערונג פאַר דער דאָזיקער צייט. פאַרן יאָר 1787 גיט אונז איבער די קירכלעכע ציילונג אין דער לובלינער וואָיעוואָדסטווע די אַלגעמיינע צאָל באַפעלקערונג אין דער גרויס פון 223,315

1) אזא פּראָצענטנאָרם באַקומט אַרויס קלעצשינסקי אַלס א דורכשניט פון דער קראָקעווער וואָיעוואָדסטווע און 6 קהלות אַרום לעמבערג, פג"ל: Józef Kleczyński i Franciszek Kûlczyński: „Liczba głów żyd. w Koronie ztaryf r. 1765" (Arechiwûm Komisji Historycznej Akad. Umiejętności T. VIII.) צווישן די רעגיסטערס פון דער ציילונג פון דער לובלינער וואָיעוואָדסטווע אין 1764/5 געפינען מיר אָנגעגעבן די קינדער אונטער א יאָר בלויז אין צוויי קהלות: אָסטראָוו און פּאַרטשעוו. די פּראָפּאָרץ פון דידאָזיקע קינדער אין דער קהלה אָסטראָוו באַטרעפט 4.9% פון דער באַפעלקערונג פון איבער א יאָר.

דערפון יידן — 24.220 ד. ה., אַז יידן באַטרעפן כמעט 11% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג[1].

II קאַפּיטל

וועגן דער ווירטשאַפטלעכער און סאָציאַלער לאַגע פון די יידן אין דער לובלינער וואָיעוואָדסטווע אַרום דעם יאָר 1765

1. די צאָל באַשעפטיקטע

די ערשטע פראַגע, וועלכע שטעלט זיך דאָ פאַר אונז איז די פראַגע וועגן דער צאָל באַשעפטיקטע מענער און פרויען, די קעפּ פון די פאַמיליעס אין ווירטשאַפטלעכן זין (אומפאַרהייראַטע באַשעפטיקטע, ד. ה. דינסטיינגלעך, דינסטמיידלעך, באַהעלפערס און ד. גל. וועלן מיר באַהאַנדלען אין אַן אַנדערן צוזאַמענהאַנג). מיר האָבן פעסטגע-שטעלט אין די שטעט און שטעטלעך צוזאַמען אַ צאָל באַשעפטיקטע מענער און פרויען פון **3623** און אין די דערפער **1401**, צוזאַמען באַטרעפט אַלזאָ די צאָל באַשעפטיקטע יידן אין אונזער וואָיעוואָדסטווע **5024**, אין דער טאַבעלע A III האָבן מיר געהאַט באַקומען די צאָל מאַמעס (פאַרהייראַטע און אלמנות) 3686 אין די שטעט און אין טאַבעלע B II די צאָל 1467 מאַמעס (פאַרהייראַטע און אלמנות (אין די דער-פער צוזאַמען האָבן מיר די צאָל פון 5153 מאַמעס, רעכענען מיר צו נאָך די צאָל אלמנים, גרושים און פאַרלאָזענע („עגונים"). פון טאַבעלע

פּגל. (2 Józef Kleczyński: „Spis ludności djecezji krakowskiej z r. 1787" (Nakładem Akad. Umiej. Krakow 1894)

דערביי מוזן מיר באַמערקן: ערשטנס, קלעטשינסקי אַליין האַלט, אַז די גלחים האָבן אָנ-געגעבן אַ קלענערע צאָל יידן אין די דאָזיקע שטעטלעך, וועלכע האָבן פאַרמאָגט גרעסערע יידישע קהלות און צווייטנס, די לובלינער וואָיעוואָדסטווע פון דעם יאָר 1787 האָט אַרומגענומען אַ קלענערן שטח ווי אין יאָר 1765 ווייל אין דער צעטיילונג פון 1772 האָט עסטרייך צוגענומען דערפון 7 פּאַראַפיעס (באַצירקן מיט באַזונדערע גלחים)

V אין דער סומע פון 43 דאן באקומען מיר צוזאַמען 5196 פאמיליעס. די דאָזיקע צאָל איז ווי מיר זען ארויסגעקומען עפעס גרעסער, ווי די צאָל באַשעפטיקטע. די צאָל מאַמעס און אלמנות וואלט זיך געמלעך געדעקט מיט דער צאָל באַשעפטיקטע, ווען אַלע באַשעפטיקטע, וועלכע האַלטן זיך אָדער איידעמס אויף קעסט, וואָלט נישט מער אויסגעהאַלטן ווי איין איידעם אָדער איין זון. די צאָל פון די דאָזיקע זיידעס וואָלט דאן פארנומען דאָס אָרט פון די קעסטקינדער ד. ה. אומבאַשעפטיקטע פארהייראַטע. אזוי ווי מיר טרעפן אָבער אָן פון איין זייט אַ צאָל איידעמס און פארהייראַטע זין, וועלכע זענען יאָ באַשעפטיקט, פון דער אַנדערער זייט אַ באַשטימטע צאָל באַשעפטיקטע זיידעס, וועלכע האַלטן אויס מער ווי אין פארהייראַטן זין אָדער איידעם אויף קעסט (פגל טאַבעלע XIII) קומט ארויס אַ חילוק פון 172.

2. די באַשעפטיקונג פון יידן אין די שטעט

די צאָל פון 3623 אין די שטעט האָבן מיר ארויסבאַקומען פון דער סומע באַלעבאַטים (הויז-באַזיצער) און לאָקאַטאָרן (פגל טאַבעלע XVII). ליידער האָבן די ציילונגס-רעיעסטערס בלויז אין 808 פאַלן אָנגעגעבן די באַשעפטיקונג, בשעת דער רעשט איז געבליבן אָן אַ שום באַצייכנונג, וועלכע זאָל אונז געבן אַ סמך אויף פעסטצושטעלן זייער פרנסה-קוואַלן. מיר באַקומען פאַר דער גאַנצער צאָל שטאָטישע באַשעפטיקטע יידן אַן ערך פון 78 פראָצ. מענטשן, וועמענס אופן פון באַשעפטיקונג איז אונז לגמרי נישט באַקאַנט, לאָמיר קודם כל זען, ווי ס'שטעלט זיך פאַר דער צוזאַמענשטעל פון די דאָזיקע 808 באַצייכנטע פראָפעסיעס (זע טאַבעלע VI).

די אויבנגעבראַכטע טאַבעלע קאָן אונז בכלל נישט אָפשפיגלען נישט דעם פאַקטישן מצב און נישט די אמתע פראָפאָרץ פון די יידישע בארופן. מיר האָבן אין אונזערע רעיעסטערס שטעט, וווּ קיין באַרוף ווערט נישט פארצייכנט (יאַנאָוו) אָדער אַזאַ מינימאַלער פראָצענט, אַז די אָנגעגעבענע באַרופן מוזן פון אונז באַטראַכט ווערן אַלס אַ געוויינלעכער צופאַל. די שרייבער פון די רעיעסטערס האָבן נישט געהאַט קיין שום סטאַטיסטישע כוונה אין די צופעליק פאַר-

צייכנטע באַרופן האָבן מיר נאָר צו פאַרדאַנקען דעם אומשטאַנד, וואָס מ׳פלעגט אין 18-טן יאָרהונדערט רופן יידן מיט צונעמען, וועלכע האָבן אָפט באַצייכנט דעם פאַך, גלייך ווי דאָס איז נאָך היינט אַ רעגלמעסיקע דערשיינונג אין די קליינע שטעטלעך. דערפון דערקלערט זיך אוודאי אויך דער פאַקט, וואָס אין די קליינע שטעטלעך איז בדרך כלל דער פּראָצענט פון פאַרצייכנטע באַרופן אַ גרעסערער איידער אין די גרעסערע[1], און וואָס די צאָל סוחרים איז פּראָפּאָרציאָנעל אַזוי ווינציק. דער סוחר פלעגט נישט האָבן קיין צונאָמען, וועלכער זאָל באַצייכענען זיין באַשעפטיקונג, אַחוץ סוחרים, וועלכע פלעגן האַנדלען מיט אַ ספּעציעלן מין פּראָדוקטן[2].

מיר האָבן אָבער, טראָץ אַלעם, געהאַלטן פאַר אונזער חוב צו-נויפצוזאַמלען אַלע פאַרצייכנטע באַרופן, ווייל זיי גיבן אונז אַ פיל-פאַרביק בילד פון פאַרשידענע געביטן פון יידישן מסחר, מלאכה, און ד.גל. דעריבער גיבן מיר אויך דאָ איבער די אַלע פּרטים, וועלכע מיר האָבן געקענט פעסטשטעלן בנוגע די דאָזיקע פאַרשידענע פאַכן.

א) אַ ר ע נ ד אַ ר ן און ק ר ע ט ש מ ע ר. קרעטשמער געפינען מיר פאַרצייכנט צוזאַמען 5, סך-הכל אין 3 שטעט: וויסאָקיע (3), קראַשניק (1) און לענטשנע (1). 55 אַרענדאַרן אין 21 גרעסערע און קלענערע שטעט. אין 8 פאַלן ווערט באַזונדערס פאַרצייכנט, אַז די אַרענדאַרן זיצן אין ברויי-הייזער. די איבריקע האָבן געהאַלטן אין אַרענדע אַנדערע הכנסות, און מיר קאָנען זיך משער זיין, אַז זיי זענען געווען צום גרעסטן טייל קרעטשמער, גלייך ווי אין די דערפער. בכל אופן טאָרן מיר נישט אָננעמען, אַז אַלע זענען געזעסן אין ברויי-הייזער, ווייל מיר האָבן אין די זעלבע שטעט, ווו ס׳ווערן פאַרצייכנט מאַנכע אַרענ-דאַרן אַלס ביר-ברייער, אויך אַנדערע סתם, אָן אַ נאָענטערער באַצייכ-נונג. אין לוקאָוו ווערט איין אַרענדאַר אָנגערופן „גענעראַל-אַרענדאַר“[3]. וואַרשיינלעך פלעגט פאָרקומען, אַז אַן אַרענדאַר פלעגט אָפּדינגען אַ

1) אַן אויסנאַם פון דעם דאָזיקן כלל איז לובאַרטאָוו.

2) אין ניי-סאַנץ למשל רופט מען נאָך היינט עקשנותדיק מאַנכע פאַמיליעס: „זעלצער“, „מעלער“, „זייפנזידער“, „לייוונטשניטער“, א. אַ. וו.

3) arendarz gen. Ersko Nûchynowicz

גאַנצע צאָל קרעטשמעס און ברויי-הייזער, און זיי ווייטער פאַרדינגען אַנדערע. אין די דערפער האָבן מיר עס געקאָנט גענוי פעסטשטעלן. אַזוי דערקלערט זיך אויך, אַז פון 3 אַרענדאַרן אין דער שטאָט לובאַר-טאָוו הייסט איינער: „דער לובאַרטאָווער אַרענדאַר".

ב) „ווײַנשענקער" און „נאמנים". בנוגע „ווײַנשענקער" („winiarze") האָבן מיר פעסטגעשטעלט, אַז זיי האָבן זיכער נישט אַלע זיך פאַרנומען מיט ווײַנשענקען. אויך אין ברויי-הייזער טרעפן מיר אָן אָנגעשטעלטע „ווײַנשענקער". וואַרשײַנלעך איז דער „ווײַנשענקער" נישט געווען עפּעס אַנדערש ווי אַ קעלנער. לרוב זענען די „ווײַנ-שענקער" אָנגעשטעלט בײַ אַנדערע, מעגלעך, אַז גאָר אַלע, ווײַל די „ווײַנשענקער", בײַ וועלכע ס'ווערט נישט דערמאָנט, אַז זיי אַרבעטן בײַ אַרענדאַרן האָבן אָדער אַליין געפירט דעם אַרענדאַרס שענק, אָדער זיי האָבן געאַרבעט בײַ די אַרענדאַרן אין די דערפער. בײַ די 5 „ווײַנשענקער", וועלכע וווינען אין שטעטל אָסטראָוו, איז אָנגעגעבן דאָס דאָרף אין וועלכן יעדער פון זיי איז באַשעפטיקט בײַ אַן אַרענדאַר. די „נאמנים" („wiernik") אין דער צאָל 2) פירן וואַרשײַנלעך די חשבונות פון די אַרענדאַרן.

ג) סוחרים און קרעמער. וועגן די מינים סחורות מיט וועלכע זיי האַנדלען האָבן מיר געפינען פאַרצייכנט: מעל-סוחרים (2), טאַבאַק-סוחרים (2), זאַלץ-סוחרים (2) און לייוונט-סוחרים (1).

ד) שניידער און אַנדערע נאָדל-בראַנזשעס. ספּעציאַל-פאַכן: שניידער 154, קירזשנער 4, היטלמאַכער 55, זאָקן-שטריקערס 6, 1 העפטער און 1 העפטערין. בכלל זענען די שניי-דער און היטלמאַכער די צוממייסטן פאַרשפּרייטע פאַכן צווישן יידישע בעלי-מלאכות. שניידער טרעפן מיר אָן אין 28 שטעט און שטעטלעך, היטלמאַכער אין 20.

ה) פאַרשידענע מלאכות. דאָ האָבן מיר אַרײַנגערעכנט קודם כל 27 גאָלדשמידן (אין 12 שטעט), 14 שמוקלערס, 2 פּאַסעס-אַרבעטער (pasamonik), 1 שלײַפער, 1 שניצער (snycerz), 2 וואַקס-אויסאַרבעטער (w woskoboyni), 2 זייפן-זידער, 6 קעסלער, 4 איינבינדער, 1 בעדנער, 1 ציגל-ברענער, 1 קאַנטשיק-מאַכער, 1 פּאַרגאַמענט-אַרבעטער, 2 קאַם-מאַכער, 2 גאַרבער, 1 מילנער, 1 דרוקער

(אין בעלזשיץ). 1 סטאַמפּיליע-מאַכער, 6 גלעזער, 1 דרעקסלער, 1 בערשטער, 18 בעלי-עגלות, 33 פעלדשערס (אין 20 שטעט).

ווי מיר זעען, זענען די יידישע פאַכן פון מלאכה זייער פאַרצווייגט, אַפילו ווען מיר זאָלן נעמען אין אַכט בלויז די דאָזיקע, וועלכע זענען דאָ אויסגערעכנט געוואָרן. זייער אויפפאַלנדיק איז דער מאַנגל פון פאַרצייכנונגען וועגן יידישע שוסטער. עס איז שווער אָנצונעמען, אַז דאָס איז בלויז אַ צופאַל, אויב מיר זעען פאַרצייכנט אַפילו אַזוינע פאַכן, וועלכע זענען זעלטענער און האָבן אַסאַך אַ קלענערע באַדייטונג פאַרן טאָג-טעגלעכן עקאָנאָמישן לעבן, איידער דאָס שוסטער-פאַך. אַזוי ווי ס'איז אונז שווער אָנצונעמען, אַז קיין יידישע שוסטער זענען אין 18-טן יאָרהונדערט נישט געווען פאַראַן און, אַז די יידן האָבן דווקא דאָס דאָזיקע פאַך אויסגעמיטן, מוזן מיר קומען צום אויספיר, אַז ס'זענען פאַראַן געווען מניעות, וועלכע האָבן געשטערט די יידישע שוסטער אָפן זיך מודה צו זיין צו זייער פאַך. אפשר האָבן דווקא אין דאָזיקן פאַך יידן נישט געקענט גובר זיין די שטערונגען מצד די פוילישע צעכן[1]?

1. פאַרשידענע באַשעפטיקונגען. פון די אַזוי-גערופענע „פרייע באַרופן" לאָמיר קודם-כל פאַרצייכענען 67 מלמדים[2] (אין העכער 20) פונקטן. 5 פון זיי זענען זעלבשטענדיקע בעלפערס (inspektor, spektor), וועלכע באַשעפטיקן אונטער-בעלפערס (pod-inspektor), 3 דאָקטוירים זענען פאַרצייכנט אין קוראָוו, קראַשניק, לובאַרטאָוו. היות מיר טרעפן אָן אין דער זעלבער שטאָט סיי די באַצייכנונג „דאָקטאָר" סיי „פעלדשער" (cyrulik), איז אַ ראיה, אַז נישט אַלע פעלדשערס האָבן געקענט זוכה זיין צום דאָזיקן טיטול. „דאָקטאָר" איז, מסתמא, געווען אַ העכערע מדרגה פון פעלדשער, סיידן מיר זאָלן אָננעמען, אַז „פעלדשער" האָבן זיך פאַרנומען בלויז מיט שערן און נישט מיט היילן, און די דאָקטוירים זענען דורך אַ

1) מיר האָבן באַארבעט די סטאַטיסטיק פון דעם זעלבן יאָר פון דער קראָקעווער וואָיעוואָדסטווע און אויך דאָרט האָבן מיר נישט געפונען פאַרצייכנט קיין אייַנציקן יידישן שוסטער!

2) די בעלפערס, וועלכע אַרבעטן ביי מלמדים, האָבן מיר אַריינגערעכנט צווישן אומפאַרהייראַטע דינסט-יינגלעך.

צופאַל פאַרצייכנט געוואָרן בלויז אין 3 שטעט (עס איז אויך מעגלעך, אַז „דאָקטאָר" ווערט דאָ אָנגערופן גלייך ווי פאַרצייטנס אַ דיין). אין דער דאָזיקער רובריק האָבן מיר אויך אַריינגערעכנט מעקלער (8), פישער (1).

שמשים האָבן מיר צונויפגעציילט 36 (אַחוץ די דאָזיקע, וועלכע האָבן זיך אונטערגעחתמעט אונטער די רעיעסטערס). אין מאַנכע פונקטן ווערן שמשים בכלל נישט דערמאָנט (!), פון דער אַנדערער זייט זענען אין קליינעם שטעטל גלוסק פאַרצייכנט געוואָרן 3 שמשים. אין בעלזשיץ איז פאַרצייכנט אַחוץ 1 שמש אויך אַ קלאַפּער (kołatacz szkolny). מן הסתם מיינט מען דאָ דעם שמש, וועלכער גייט פון טיר צו טיר, און רופט אין שול אַריין. חזנים געפינען מיר 11, בלויז אין בעלזשיץ זענען דערמאָנט 2, אין די איבעריקע ערטער צו איינציקע). רבנים האָבן מיר 21 (נאָר אייניקע פון זיי זענען אונטערגעחתמעט אונטער די רעיעסטערס), פון זיי צו 2 אין בילגאָריי און קראַשניק, 2 אין קו־ראָוו, דיינים (duchowny) 3, דערפון 2 אין וויענאַווע, 10 בעדער, פון זיי 3 אין לובלין. וועכטער (3), „שפיטאַלניקעס" (2), אַ שפיטאָל־באָבע (baba szpitalna), בעטלער (4), אַ קרבן. די אַלע פאַרצייכע־נונגען באַווייזן, אַז די רעוויזאָרן האָבן שטרענג אָפּגעהיטן זייערע פליכטן און קיינעם נישט פאַרשוינט. צווישן 11 פאַרצייכנטע מוזיקאַנטן גע־פינען מיר אַזאַ ספּעציאַליזאַציע: 1 פידלער, 4 באַסן, 2 צימבלער, 2 זינגער און 2 סתם מוזיקאַנטן, דאָס בדחנישע פאַך (figlarze) האָט געמוזט זיין שטאַרק פאַרשפּרייט, אינגאַנצן ווערן דערמאָנט 5, אָבער 2 פון זיי וווינען אין איין שטאָט (קראַשניק).

די פראַגע וועגן פראָפּאָרץ פון פאַרשידענע באַרופן קענען מיר אַוועקשטעלן אין אַ קלאָרערן ליכט, אויב מיר וועלן באַזונדער באַ־טראַכטן די דאָזיקע שטעט און שטעטלעך, אין וועלכע ס'איז פאַרצייכנט אין אַן אָנזעעוודיקער מאָס דער אופן פון דער באַשעפטיקונג. מיר האָבן דערפאַר צונויפגעשטעלט אַ טאַבעלע פון יידישע באַשעפטיקונ־

1) אין דער גאַנצער ציילונג ווערט בלויז אין איין שטעטל דערמאָנט אַ שוחט (קזימיר)! מעגלעך, אַז די כיבה שטעקט דערין, וואָס אין די קליינע שטעטלעך פלעגט דער שוחט דערפילן אויך די פונקציעס פון אַ חזן און מחמת דעם ווערט ער פאַרצייכנט אין דער רשימה אַלס קאַנטאָר.

גען אין די דאָזיקע שטעט, ווו די פאַרצייכנטע באַשעפטיקונגען באַטרעפן מער, ווי 25°/₀ פון דער צאָל באַשעפטיקטע אין דער שטאָט. אַזוינע שטעט און שטעטלעך האָבן מיר 17. (זע טאַבעלע 7)

די דאָזיקע טאַבעלע פון יידישע באַרופן אין 17 שטעט, אויב זי איז נישט בכּוח אונז צו געבן קיין גענויע פּראָפּאָרץ פון די יידישע באַרופן אין גאַנצן לאַנד, קען זי דאָך דינען פאַר די אויספירן פון אַ גאָר גרויסן גראַד פון וואָרשיינלעכקייט. דער סך-הכּל ווייזט אונז קודם-כּל גאָר אַ גרויסן פּראָצענט פון יידישע בעל-מלאכות, אויף 539 באַשעפטיקטע, וועמענס באַרופן זענען פאַרצייכנט געוואָרן, באַקומען מיר 299 בעלי-מלאכות, (ד. ה. העכער 55°/₀). אויף 299 בעלי-מלאכות באַקומען מיר 174 שניידער (און היטלמאַכער) ד. ה. העכער 58 פּראָצ. די פּראָפּאָרץ-פאַרהעלטניש פון בעלי-מלאכות וואָלטן מיר געקאָנט האַלטן אין פלוג פאַר אַ גוזמא, היות די סוחרים, וועלכע האָבן דאָך לויט אַלע ידיעות פאַרנומען אַ גאָר גרויסער פּאָזיציע אין דער יידישער עקאָנאָמיק זענען אָדער לגמרי נישט פאַרצייכנט געוואָרן אָדער אין אַ שיבושדיק קליינער צאָל (די סיבות דערפון האָבן מיר שוין געפּרווט צו דערגיין). נעמען מיר אָבער אין באַטראַכט איינצלנע שטעט מיט אַ גרויסן פּראָצענט פאַרצייכנטע באַרופן, דאַן איבערצייגן מיר זיך, אַז אונזער פּראָפּאָרץ-פאַרהעלטניש פון בעלי-מלאכות (55 פּראָצ. פון אַלע פאַרנאָטירטע באַרופן) איז נישט קיין אוממעגלעכקייט. אין לובאַרטאָוו זענען אין דעם רעיעסטער יאָ פאַרצייכנט געוואָרן סוחרים[1] אין אַ גרויסער צאָל (31) און דאָך באַקומען מיר אין סך-הכּל גאַנצע 52 בעלי-מלאכות אויף 105 פאַרצייכנטע באַרופן, ד. ה. 50 פּראָצ.! אויב מיר זאָלן אַפילו האַלטן, אַז נישט אַלע סוחרים זענען אין דער דאָזיקער שטאָט פאַרצייכנט געוואָרן, ווייל ס'פעלן דאָך באַרופן פון דער העלפט באַשעפטיקטע, האָבן מיר אָבער וועגן דער אָנגעגעבענער צאָל בעלי-מלאכות נישט בלויז אַ השערה, נאָר די זיכערקייט, אַז זי איז אין דער ווירקלעכקייט געווען אַסאַך גרעסער, איידער ס'איז פאַרצייכנט געוואָרן. גלייך, ווי אין אַנדערע שטעט פעלן דאָ למשל

1) ס'ווערט פאַרצייכנט אין לובאַרטאָווער רעיעסטער אַ שענקערין (קעלנערקע ?), וועלכע איז אָנגעשטעלט ביי אַ סוחרטע, ווייזט אויס, אַז ביי מאַנכע סוחרים איז די קראָם געווען גלייכצייטיק אַ שענק.

אינגאַנצן יידישע בעקער און קצבים, בשעת אַזאַ בעלזשיץ, וועלכעס איז לויט איר יידישער באַפעלקערונג העלפט אַזוי גרויס, ווי לובאַרטאָוו, ציילט אין דעם רעיעסטער 2 ייד. בעקער און 7 ייד. קצבים. ס'פעלן יידישע בעקער אין 9 שטעט און קצבים אין 7, אויף 17 שטעט, וועלכע מיר האָבן אַריינגענומען אין דער טאַבעלע. אין מאַנכע שטעט, ווי זיי זענען יאָ אָנגעגעבן געוואָרן, איז זייער צאָל זיכער געווען גרעסער, ווי ס'באַווייזט דער פאַרגלייך בנוגע קצבים מיט בעלזשיץ און בנוגע בעקער מיט קאַלינאָווטשיזנע (3 ייד. בעקער), דאָס קליינינקע קאַמיאָנקע מיט זיינע 2 יידישע בעקער באַווייזט, אַז אַפילו אין די קלענסטע שטעטלעך פלעגן די באַלעבאַטים נישט באַקן ביי זיך אינדערהיים, נאָר ביים בעקער. און ווי זענען יידישע שוסטער, גאַרבער, טישלער און אַנדערע בעלי-מלאכות, וואָס זענען אין די רעיעסטערס נישט דערמאָנט געוואָרן, וועגן וועלכע דער שכל איז אָבער מחייב, אַז זיי האָבן ביי יידן נישט געפעלט! נעמען מיר אין באַטראַכט נישט די פראָפאָרץ פון בעלי-מלאכות צו דער צאָל פאַרצייכנטע בארופן, נאָר צו דער אַלגעמיינער צאָל באַשעפטיקטע, ד. ה. 299 צו 1319, דאַן באַקומען מיר נישט מער, ווי 23 פראָצ. בעלי-מלאכות. נאָך אַלעם, וואָס מיר האָבן אויסגעפירט, האַלטן מיר פאַר איבעריק צוצוגעבן, אַז די דאָזיקע פראָפאָרץ אַנטשפּרעכט נישט דערווירקלעכקייט. און, אַז די פראָפאָרץ פון 50 פראָצ., וועלכע מיר האָבן פריער באַקומען פאַר לובאַרטאָוו, איז זייער וואָרשיינלעך פאַר דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין די שטעט פון דער לובלינער וואָיעוודזטווע.

3. די באַשעפטיקונג פון יידן אין די דערפער

בעת אין די שטעט האָבן מיר געהאַט אינגאַנצן 22 פראָצ. פון די באַשעפטיקטע מיט פאַרצייכנטע באַשעפטיקונגען, ווייזט אונז אויף די טאַבעלע VIII—1401 באַשעפטיקטע, פון וועלכע בלויז 117, ד. ה. 8 פראָצ. זענען אונז נישט באַקאַנט לויט זייער אַרט באַשעפטיקונג. מיר האָבן אין די באַזונדערע רובריקן פאַרצייכנט די באַשעפטיקונגען לויט דעם, ווי זיי ווערן אָנגערופן אין די רעיעסטערס. אַזוי ווי די

ציילונג האָבן אָבער אַדורכגעפירט פאַרשידענע מענטשן, טרעפט זיך אָפטמאָל, אַז דער זעלבער באַרוף ווערט אין פאַרשידענע געגנטן פאַרשידן באַצייכנט.

א) **אַ ר ע נ ד אַ ר ן, ק ר ע ט ש מ ע ר, ש ע נ ק ע ר, ו ו י י נ ש ע נ ק ע ר.** אַרענדאַרן און קרעטשמער ווערן געוויינלעך דערמאָנט אין די זעלבע פּאַראַפיעס, וואָס באַווייזט, אַז צווישן זיי איז פאַראַן געווען אַ חילוק. אונזערע ווייטערע מאַטעריאַלן וועגן דער סאָציאַלער לאַגע פון די פאַרשידענע באַשעפטיקונגען צווינגען אונז צום אויספיר, אַז די אַרענדאַרן זענען בדרך־כלל געווען אַ סך פאַרמעגלעכער, איידער די קרעטשמער. אין מאַנכע פּאַראַפיעס ווערן אויסגערעכנט דערפער און קרעטשמעס, וועלכע האָבן געהערט אַלע צו דער זעלבער אַרענדע[1]. די דאָזיקע אַרענדאַרן האָבן, בכן, געהאַלטן אין אַרענדע **ע ט ל ע כ ע ק ר ע ט ש מ ע ס**, וועלכע זיי פלעגן באַזעצן מיט יידישע קרעטשמער[2]. אין דער קראַשניקער פּאַראַפיע (קהלה) ווערן אויסגעציילט 29 אַרענדאַרן און 36 קרעטשמער, דערביי ווערט באַמערקט וועגן אַלע 29 אַרענדאַרן, אַז זיי זיצן אין ברייהייזער! אין דער שעדלעצער קהלה האָבן מיר פעסטגעשטעלט בנוגע מאַנכע אַרענדאַרן, אַז זיי האַלטן צו איינצלנע קרעטשמערס. אין דער ראַדזינער קהלה ווערן בכלל די דאָרפס־יידן נישט באַצייכנט אַנדערש, ווי אַרענדאַרן. שטיצנדיק זיך אויפן רוב קהלות, מוזן מיר אָבער, טראָץ די דערמאָנטע קעגן־באַווייזן, קומען צום אויספיר, אַז די אַרענדאַרן פלעגן האַלטן אין אַרענדע ברייהייזער אָדער קרעטשמעס, דירעקט פון דעם פריץ, אין אַ סך פאַלן מער, ווי אין איין דאָרף. וועגן אַרענדעס פון גיטער איז אין אונזערע רעיעסטערס נישט פאַראַן קיין זכר! אַזוי ווי אין מאַנכע קהלות ווערן בכלל נישט דערמאָנט קיין קרעטשמער, נאָר אַרענדאַרן און שענקער (לובאַרטאָוו), ווייזט אויס, אַז די קרעטש-

---

1) פגל.: למשל, די פּאַראַפיע פון קוזמיר, ווו נאָכן אַרענדאַר אין דאָברע (Dobra) ווערט אויסגערעכנט: (אַלע מיט זייערע פאַמיליעס) „do tejże arendy karczmarz w Wilkowie, w Żmijowiskach, na Wólce. ענלעך געפינען מיר אין לובאַרטאָוו, לובלין, קאַמיאָנקע. אין דער לובאַרטאָווער פּאַראַפיע געהערן צו איין אַרענדאַר 6 דערפער (קרעטשמעס).

2) פגל. דאָס זעלבע וועגן די גענעראַל־אַרענדאַרן אין די שטעט.

מער פלעגן אין מאַנכע געגנטן אָנגערופן ווערן „שענקער". די „וויינ-שענקער" אַנטשפּרעכן אין די דערפער, גלייך ווי אין די שטעט (פגל.: אויבן) דעם היינטיקן קעלנער. אין אייניקע קהלות טרעפן מיר אַפילו אָן „ווייַנשענקער", וועלכע וווינען אַליין אין דאָרף. מ'דאַרף זיך אָבער משער זיין, אַז זיי זענען דאָרט נישט קיין זעלבשטענדיקע בעלעבאַטים, נאָר זיי פאַרוואַלטן מיט די קרעטשמעס, וועלכע געהערן צו די אַרענדאַרן. אין דער דאָזיקער טאַבעלע האָבן מיר פאַררעכנט בלויז די פאַרהייראַטע „ווייַנשענקער", די אומפאַרהייראַטע (אין דער צאָל 67) פאַררעכענען מיר צווישן די דינסט-יינגלעך.

ב) אַרענדאַרן אָדער קרעטשמער. אין די קהלות גאָראַי און יאַנאָוו זענען בכלל קיין שום פּראָפעסיעס נישט פאַרצייכנט געוואָרן. מיר האָבן זיי אַריינגערעכנט אין דער דאָזיקער רובריק, ווייל די דאָזיקע צוויי באַרופן זענען אין דאָרף די געוויינלעכסטע.

ג) מילכיקער. בפירוש ווערן פאַרצייכנט אַלס מילכיקער 8 יידן אין דער בעלזשיצער קהלה (mleczarz), אַחוץ דעם 1 אין ביכאָווע, 1 אין דער קהלה מאַרקישאָוו (Wyduynik), 2 אין פּיאַסקי. מיר זענען זיך משער, אַז די דאָרפס-יידן פון דער לעצטער רובריק, בפרט די לאָקאַטאָרן („קאָמאָרניקעס"), זענען צום גרויסן טייל באַשטאַגען פון מילכיקער.

ד. בעלי-מלאכות און אַנדערע באַרופן. דאָ געהערן שניידער אין דער צאָל 11. איינער פון זיי ווערט באַצייכנט אַלס „הויף-שניידער" (nadworny)[1], 4 קצבים, 4 מעקלער, 2 היטל-מאַכער, 1 בראָנפנברענער אין הויף (gorzelnik dworski)[2], 1 פאַר-וואַלטער פון פּריצישן קי-שטאַל (obornik pański)[3], 1 הויף-וויינ-שענקער (winiarz dworski)[4], 2 פעלדשער (cerulik dworski)[4] אַחוץ דעם ווערן נאָך דערמאָנט 2 מלמדים[5], 1 קרעמער, 1 שלאָסער[6] 1 שוסטער (szwiec)[7] און 1 אַשברענער (potaźnik). כדאַי צו

1) קהלה קראַשניק. 2) קהלה אָפּאָלע. 3) קהלה לובאַרטאָוו. 4) ביידע אין דער קהלה אָסטראָוו. 5) איינער פון זיי ווערט באַצייכנט אַלס "derektor", מיר זענען זיך אָבער משער, אַז ס'באַטייט דאָס זעלבע, וואָס "bakałarz", ד.ה. מלמד. 6) פּאַראַפיע קראַשניק. 7) פּאַראַפיע אָסטראָוו.

באמערקן, אז אין די שטעט האָבן מיר נישט קיין איינמאָל אָנגעטראָפן נישט אויף א יידישן שוסטער, און נישט אויף א יידישן שלאָסער!

אין דערפער, וועלכע זענען געווען צעטיילט צווישן עטלעכע באזיצער, פלעגט פאראן זיין א קרעטשמע אין יעדן טייל באזונדער. אין דאָרף פאָטאָק (מאָדליבאָזיצער קהלה) ווערן פארצייכנט 18 פריצים-באזיצער און 16 קרעטשמעס. אין אלע קהלות, ווו ס'ווערן אויסגערעכנט די דערפער, וועלכע זענען געווען צעטיילט צווישן פריצים, איז אויך פאראן אין יעדן טייל באזונדער אן ארענדאר, אָדער א קרעטשמער. די צעטיילטע דערפער זענען אָן א ספק געווען גרעסער, איידער די יעניקע, וועלכע האָבן אָנגעהערט בלויז איין פריץ, דאָך באווייזט אונז דער פאקט, וואָס אין די ערשטע ווערט נישט דערמאָנט קיין איין פאל, ווו אזא טייל פון דאָרף זאָל נישט פארמאָגן זיין באזונדערן ארענדאר אָדער קרעטשמער, אז יעדער פריץ באזונדער האָט געצויגן רווחים פון זיין אייגענער קרעטשמע אָדער ברייהויז. אויך די גייסטלעכע באזיצער פון דערפער1) האָבן זיך נישט אָפגעהאלטן פון ציען רווחים פון זייערע קרעטשמעס דורך דער פארמיטלונג פון יידן: אין דער קהלה בראנאָוו טרעפן מיר אָן 14 דערפער, וועלכע געהערן צו די קראָקעווער יעזויטן, 1 דאָרף אין באזיץ פון די לובלינער יעזויטן, און איינס אין באזיץ פון די ווארשעווער דאָמיניקאנער און אומעטום זיצן יידן ארענדארן און קרעטשמער. בלויז אין איין פאל, אין דאָרף אולאן (ראדזינער קהלה) ווערט דערציילט, אז די דאָרטיקע קרעטשמע, וועלכע איז אן אייגנטום פון דער קירכע, שטייט ליידיק, ווייל ס'איז פאראן א בפירושדיקער איסור פון דער קירכלעכער מאכט, אז די פלעבאנעס טאָרן נישט דאָרט אריינעמען קיין יידן2). משמעות, ראשית כל, אז אזא פאל פלעגט זיך טרעפן זייער זעלטן, און, אז נישט-יידן פלעגן בדרך-כלל נישט אָפדינגען קיין קרעטשמעס!

1) אויך אין די שטעט פלעגן די גייסטלעכע באזיצער פון קרעטשמעס זיי פארדינגען די יידן. פגל.: אונטן וועגן לובלין.

2) W tymże Ulanie karczma kościelna w której od najwyższej Duchownej Zwierzchności jest nakazane, aby Jch Mci Xięża Plebani Żydów nie konserwowali, przez to pustkami stoi. (Taryfa pogłównego żyd. № 22, pag. 272)

4. יידישע דינסטן און אָנגעשטעלטע
(אומזעלבשטענדיק באַשעפטיקטע)

מיר באַקומען אין דער טאַבעלע IX די צאָל דינסטן און אָנגעשטעלטע אין די שטעט 490 און אין די דערפער 339. דערמאָנען מיר זיך, אַז די צאָל באַשעפטיקטע אין די שטעט האָבן מיר באַרעכנט אויף 3623 און אין דערפער 1401, דאַן קומען מיר צום אויספיר, אַז אין די שטעט קומט אויס די צאָל דינסטן און אָנגעשטעלטע 13½ פּראָצ. פון דער צאָל באַשעפטיקטע, בשעת אין די דערפער 24 פּראָצ., ד. ה. פּראָפּאָרציאָנעל כמעט 2 מאָל אַזויפיל, שוין פון דעם דאָזיקן פאַקט אַליין קאָנען מיר אַרויסדרינגען, אַז דורכשניטלעך איז די עקאָנאָמישע לאַגע פון די דאָרפס-יידן איז געווען אַסך בעסער, איידער פון די שטאָטישע. דער פאַרגלייך צווישן דינסטן אין שטאָט און דאָרף ווייזט אונז אויך, אַז אין די שטעט איז די צאָל דינסטמיידלעך באַדייטנדיק גרעסער פון דער צאָל מענלעכע דינסטן, בשעת אין דערפער איז די צאָל מענלעכע דינסטן 2 מאָל אַזוי גרויס, איידער די צאָל דינסט-מיידלעך. אין דער שטאָט האָט מען זיך קודם-כל געניטיקט אין הילף פאַר דער שטוב-ווירטשאַפט, אין דינסטמיידלעך און קעכינס, בשעת אין די דערפער האָבן זיך די אַרענדאַרן און קרעטשמער גע-ניטיקט אין הילפס-אַרבעט אין די שענק, אין פאַראָבקעס און בעלפערס. טראָץ דעם אַלעם, איז די צאָל דינסטמיידלעך אין די דערפער פּראָ-פּאָרציאָנעל צו דער צאָל באַשעפטיקטע גאָרנישט קלענער, איידער די פּראָפּאָרציאָנעלע צאָל דינסטמיידלעך אין שטעט, וואָס באַשטעטיקט נאָך שטאַרקער אונזער אויספיר, אַז די דאָרפס-יידן האָבן בדרך-כלל געלעבט אין בעסערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, איידער די שטאָטישע.

איצט געפֿינען באַטראַכטן די פונקציעס פון די דינסטן און אָנגעשטעלטע:

א) משרתים. דער איבערוויגנדיקער רוב פון דינסטיינגלעך, וועלכע מיר האָבן אַריינגענומען אין דער דאָזיקער רובריק, ווערט באַצייכנט אין דער ציילונג אַלס „służący". בלויז אין 6 פאַלן אין שטעט און אין 9 פאַלן אין דערפער האָבן מיר אָנגעטראָפן די באַצייכנונג „פאַראָבעק" (parobek). אַזוי ווי מיר טרעפן אָפט אָן אין דעם זעלבן רעיעסטער סיי די באַצייכנונג משרת (służący), סיי די באַצייכנונג פאַראָבעק, ווייזט אויס, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט 2 פאַרשידענע פונקציעס אין 2 פאַלן (1 „משרת" און 1 „פאַראָבעק") זענען די משרתים פאַרהייראַטע.

ב) יתומים און יתומות. מיר ברענגען זיי אין דער טאַבעלע פון דינסטן, ווייל אין די מייסטע פאַלן פלעגן זיי, מן-הסתם, דערפילן פונקציעס פון דינסטן. אַזוי ווערן, למשל, אין צשעמיערניק פאַרצייכנט 5 דינסטן, דערפון 4 יתומות!

ג) בעלפערס. דאָ דאַרפן מיר אַ חילוק מאַכן צווישן בעלפערס (spektor, inspektor), וועלכע זענען געווען פאַרנומען ביי מלמדים, און די דאָזיקע, וועלכע זענען געווען די קינדער-דערציער ביי פאַמיליעס. אין די שטעט איז דער רוב פון זיי געווען פאַרנומען ביי מלמדים, דאָך פעלן אויך אין די שטעט (למשל: לובלין) גישט קיין פאַלן, ווו די בעלפערס ווערן פאַרצייכנט ביי באַלעבאַטים (אַרענדאַרן וכדומה). אין די דערפער זענען די בעלפערס הויזלערער ביי דאָרטיקע באַלעבאַטים. צוויי מאָל ווערן אין דאָרף דערמאָנט מלמדים (bakałarze) אין פאַמיליעס. ס'איז אויך מעגלעך, אַז די לעצטע זענען יאָ געווען פאַרהייראַטע, נאָר זיי האָבן איבערגעלאָזט זייערע פאַמיליעס אין דער שטאָט.

ד) געזעלן. אין די רעיעסטערס זענען זיי פאַרצייכנט „czeladnik", 4 פון זיי אַלס לערנ-יינגלעך.

ה) ווייגשענקער. מיר האָבן דאָ פאַררעכנט די אומפאַרהייראַטע „ווייגשענקער", וועלכע זענען בלי שום ספק, געווען קעלנער בשעת די פאַרהייראַטע ווייגשענקער האָבן מיר אויבן אַריינגענומען אין דער צאָל זעלבשטענדיקע באַשעפטיקטע. איינער ווערט פאַרצייכנט אַלס אַ בירברייער (piwowar).

ו) דינסטמיידלעך. דער רוב ווערט אָנגערופן „דינסט-מיידל״ (służąca). אין לובלין ווערן אַלע דינסטמיידלעך (28 אָנגע-רופן „קעכינס״. מן-הסתם איז אין ערגעץ נישט געווען קיין ווילוק צווישן דינסטמיידל און קעכין. ס׳ווענדט זיך בלויז אָן דעם שרייבער פון דער ציילונג, ווי אַזוי ער פלעגט זיי אָנרופן. דער רוב פון זיי פלעגט באַשטיין פון מיידלעך, בלויז אין 3 פאַלן ווערן פאַרשריבן אלמנות און עגונות (2 אלמנות און 1 עגונה). צווישן די דינסטן באַ-מערקן מיר אויך 1 אַם, 1 קינדער-פלעגערין (piastunka), 1 קעלנערקע (szynkarka) און 1 שאָף-פאַסטוכקע (owczarka).

וויפל דינסטן זענען געווען פאַרנומען ביי איין אַרבעטס-געבער? אויף דער פראַגע גיט אונז אַן ענטפער דער פאָלגנדיקער איבער-בליק (זע טאַבעלע X).

ווי מיר זעען פון דעם דאָזיקן איבערבליק, איז די צאָל אַרבעטס-געבער, וועלכע האַלטן מער ווי 1 דינסט (אָדער אָנגעשטעלטן) אין די דערפער, אפילו אַבסאָלוט גענומען גרעסער, ווי אין די שטעט, אַ פשיטא פראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָל אַרבעטס-געבער. מיר מעגן דער-פון אַרויסדרינגען, אַז נישט נאָר בלויז די דאָרפס-יידן זענען דורכ-שניטלעך רייכער, ווי די שטאָטישע יידן, וואָס ס׳באַשטעטיקט די פראָפּאָרציאָנעל גרעסערע צאָל דינסטן, נאָר אויך, אַז צווישן די פאַר-מעגלעכע גופא (וועלכע האַלטן דינסטן!) איז דער פראָצענט פון מענטשן מיט גרעסערע פאַרמעגנס אין דאָרף אַסך גרעסער, ווי אין דער שטאָט. גרויסע גבירים האָבן געמוזט זיין זייער ווייניק, סיי אין שטעט און סיי אין דערפער, אויב די צאָל פון די דאָזיקע אַרבעטס-געבער, וועלכע האָבן באַשעפטיקט פון 3—5 דינסטן באַטרעפט צוזאַמען אין שטאָט און אין דאָרף אינגאַנצן 18!

די סטאַטיסטיק פון דינסטן און אָנגעשטעלטע און זייערע אַר-בעטס-געבער העלפט אונז אויך אַביסל צו באַלייכטן די סאָציאַלע לאַגע פון די פאַרשידענע באַרופן. אין די שטעט איז אויך אין דעם פּרט די סטאַטיסטיק אוממעגלעך אַדורכצופירן, צוליב דעם, וואָס מיר האָבן בלויז 22 פראַצ. פון די באַשעפטיקטע מיט פאַרצייכנטע באַרופן. נישט קוקנדיק דערויף קאָנען מיר דאָך קומען צו באַשטימטע אויס-

פירן. פון דער צאָל באַלעבאַטים, וועלכע האַלטן 1 דינסט-מיידל, האָבן מיר טאַקע נישט מער, ווי 36 מיט פּראָצענטע באַרופן, און דאָך זענען צווישן זיי פאַראַן 19 אָרענדאַרן און 5 רבנים! מיר האָבן 10 באַלעבאַטים מיט פּראָצענטע באַרופן, וועלכע האַלטן מער, ווי 1 דינסט-מיידל אָדער דינסט-ייִנגל און צווישן זיי 4 אָרענדאַרן און 1 רב! פון די 2 אַרבעטס-געבער, וועלכע באַשעפטיקן 5 דינסטן, איז איינער אַן אָרענדאַר (אין אָסטראָוו) און איינער אַ סוחר (אין לובאַרטאָוו). מיר זענען אין שטאַנד אויף דעם יסוד פעסטצושטעלן, אַז די אָרענדאַרן האָבן אין די שטעט געבילדעט דעם פאַרמעגלעכסטן עלעמענט און אויך די רבנים האָבן געהערט צום פאַרמעגלעכסטן קלאַס. וועגן אַנדערע באַרופן לאָזט זיך נישט פעסטשטעלן קיין שום מסקנא. נאָך ווייניקער האָבן מיר די מעגלעכקייט עפּעס פעסטצושטעלן בנוגע דער סאָציאַלער לאַגע פון בעלי-מלאכות אויפן יסוד פון דער צאָל געזעלן, וועלכע זענען ביי זיי צוגעשריבן! צו 1 געזעלן האַלטן: 1 בעקער, 4 שניידער, 1 זאָקנאַרבעטער, 3 היטלמאַכער, 5 פעלדשערס, 1 שמוקלער, 1 גאָלד-שמיד און 1 שענקער (?). לערניינגלעך ווערן דערמאָנט ביי 2 היטל-מאַכער, 1 מוזיקאַנט און 1 פעלדשער. צו 2 געזעלן האַלטן: אַ פעלדשער, אַ קצב און אַ גאָלדשמיד. די סטאַטיסטיק פון דינסטן אין די דערפער גיט אונז דאַקעגן אַ גאַנץ בולט בילד וועגן דער סאָציאַלער לאַגע פון די ווינציקע באַרופן, מיט וועלכע יידן פלעגן זיך פאַרנעמען אין דאָרף! מיר זענען דאָ דערפאַר ביכולת איבערצוגעבן אַ גענויע טאַבעלע. (זע טאַבעלע XI)

ווי מיר זעען פון דער דאָזיקער טאַבעלע זענען די אָרענדאַרן די יעניקע, וועלכע גיבן אָפּ דעם גרעסטן פּראָצענט פון אַרבעטס-געבער פון אַלע באַרופן. זיי זענען כמעט אויך די איינציקע, וועלכע באַשעפטיקן 2 דינסט-פערזאָנען און נאָר זיי אַליין האַלטן צו 3 דינסט-פערזאָנען. אויב אין דער דינסטן-סטאַטיסטיק פון דער שטאָט האָבן מיר געהאַט אַ סמך צו אַ סברה, אַז די שטאָטישע אָרענדאַרן בילדן דעם רייכסטן שיכט פון דער יידישער באַפעלקערונג, קענען מיר דאָס בנוגע די דאָרפס-אָרענדאַרן מיט דער גרעסטער גענויקייט פעסטשטעלן. דעם צווייטן ראַנג פון דער סאָציאַלער לייטער שטעלן פאַר די קרעטש-מער, „שענקער" און „ווײַנשענקער", בילדן דעם גלייכן, אָרצמען

שיכט, וועלכער איז נישט אין שטאַנד צו האַלטן דינסטן.[1] (זע טאַבעלע XII)

5. קעסטקינדער און קעסטעלטערן

פון דער XII-טער טאַבעלע זעען מיר, אַז די צאָל פּערזאָנען, וועלכע לעבן אויף קעסט באַטרעפט אין די שטעט 707 און אין די דערפער 270, ד. ה., אַז סיי אין שטעט און סיי אין דערפער איז די פּראָפּאָרץ פון קעסטעסער צו די באַשעפטיקטע 19 פּראָצ.! אַנדערש קומט אויס, ווען מיר נעמען אין באַטראַכט פון דער צאָל קעסט-עסער בלויז די זין און איידעמס. די פּראָפּאָרץ פון קעסט-זין און קעסט-איידעמס צו די באַשעפטיקטע באַטרעפט דאַן אין די שטעט כמעט 17 פּראָצ., בשעת אין די דערפער עפּעס איבער 13 פּראָצ. פון דאַנען קאָנען מיר אַרויסדרינגען, אַז אורטיילנדיק לויט דער צאָל קעסט-עסער איז די עקאָנאָמישע לאַגע אין די דערפער זיכער נישט ערגער, איידער אין די שטעט.[2] די באַזונדערע פּראָפּאָרץ פון קעסט-זין און קעסט-איידעמס איז אין די דערפער וואָרשיינלעך דערפאַר קלענער, איידער אין די שטעט, ווייל אין דאָרף פלעגט מען, מסתמא, פריער זיך נעמען צו אַ באַשעפטיקונג און מ׳פלעגט אויסהאַלטן די עלטערן, בעת אין די שטעט פלעגן די עלטערן לענגער אויסהאַלטן זייערע פאַרהייראַטע קינדער. אויף דעם פאַקט, וועלכע ס׳באַווייזט די טאַבעלע XIII, אַז די צאָל קעסט-געבער מיט מער, ווי איין קעסט-קינד איז אין דער שטאָט פּראָפּאָרציאָנעל אַסך גרעסער, איידער אין דאָרף, קאָנען מיר דערקלערן דערמיט, וואָס אין די שטעט פלעגט מען לענגער אויסהאַלטן אויף קעסט, איידער אין די דערפער. סיידן מיר זאָלן אָננעמען,

1) מיר דאַרפן אין אונזערע באַטראַכטונגען לגמרי נישט נעמען אין אכט דעם דאָזיקן אומשטאַנד, וואָס סיי די שטאָטישע סיי די דאָרפס-יידן פלעגן אויף האַלטן נישט-יידישע דינסטן, וועלכע ווערן, נאַטירלעך, אין דער ציילונג נישט דערמאָנט. סיי די פּראָפּאָרץ פון דער צאָל דינסטן אין שטאָט און אין דאָרף, סיי די פּראָפּאָרץ פון די באַרופן פון די אַרבעטס-געבער קאָנען מיר צוליבן דאָזיקן מאַנגל נישט באַטראַכטן אַלס צופאַל.

2) אויפן יסוד פון דער סטאַטיסטיק פון דינסטן זעען מיר בעקומען צום אויספיר, אַז די עקאָנאָמישע לאַגע פון די דאָרפס-יידן איז געווען, אין כלל גענומען, אַ סך בעסער, איידער פון שטאָטישע יידן.

אַז אין די שטעט איז צווישן די קעסט-געבער גופא געווען אַ גרע-סערע סאָציאַלע דיפערענצירונג איידער אין די דערפער. (זע טאַ-בעלע XIII).

צוליבן מאַנגל פון אַ פולשטענדיקער באַרופן-סטאַטיסטיק אין די שטעט קאָנען מיר נישט צוזאַמענשטעלן קיין טאַבעלע פון באַרופן פון די שטאָטישע קעסט-געבער. כאַראַקטעריסטיש איז אויך דאָ דאָס זעלבע, וואָס מיר האָבן פעסטגעשטעלט ביי דער סטאַטיסטיק פון אַרבעטס-געבער, נעמלעך די גרויסע פראָפּאָרץ פון אַרענדאַרן. אויף 31 קעסט-געבער, וועלכע האַלטן אויס איין זון אָדער איידעם, און וועמענס באַרופן זענען פאַרצייכנט געוואָרן, באַקומען מיר 13 אַרענדאַרן אויף 15 קעסט-געבער מיט פאַרצייכנטע באַרופן, וועלכע האַלטן אויס מער ווי איין זון אָדער איידעם, האָבן מיר 9 אַרענדאַרן! מיר זעען, אַז טראָץ דער קליינער צאָל פון די אָנגעגעבענע באַרופן, באַשטעטיקט די גרויסע פראָפּאָרץ פון אַרענדאַרן צווישן די קעסט-געבער אונזער אויספיר, וועלכן מיר האָבן געמאַכט אויבן, אַז די אַרענדאַרן האָבן פאַרגעשטעלט דעם פאַרמעגלעכסטן עלעמענט פון דער יידישער שטאָט באַפעלקערונג!

די באַרופן פון די קעסטגעבער אין די דערפער גיט אונז אָן (זע) די טאַבעלע XIV.

אויך די דאָזיקע טאַבעלע באַשטעטיקט אונז דאָס בילד פון די סאָציאַלע פאַרהעלטנישן צווישן די דאָרפס-יידן, וועלכעס מיר האָבן באַקומען אויבן, באַטראַכנדיק די באַרופן פון די יעניקע דאָרפס-יידן, וועלכע האַלטן דינסטן. די רייכסטע זענען די אַרענדאַרן, נאָך זיי קו-מען קרעטשמער, ווייטער שענקער און גאָר צום סוף „ווײַנשענקער".

6. די וווינונגס-פאַרהעלטנישן פון די שטאָטישע יידן

ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, פעלט אונז אַ סטאַטיסטיק פון דער נישטיידישער באַפעלקערונג פאַרן יאָר 1765. מיר זענען דערפאַר בלויז ביכולת איבערצוגעבן די וווינוגס-סטאַטיסטיק פון דער

ייד. באַפעלקערונג אָן אַ מעגלעכקייט פון פאַרגלייך מיט דער איבע־ריקער באַפעלקערונג פון די שטעט.1)

מיר וועלן קודם־כל איבערגעבן די סטאַטיסטיק פון יידישע הייזער און הויז־באַוווינער, ווי אויך נישט־יידישע הייזער, וועלכע זענען געווען באַוווינט פון יידן. (זע טאַבעלע XV)

די טאַבעלע XV גיט אונז אין 34 שטעט די צאָל יידישע הייזער 1741. אין 7 שטעטלעך איז אונז געווען אוממעגלעך אַרויסצובאַקומען די צאָל הייזער. אַזוי ווי די שטעט זענען דאָ אויסגעסדרט געוואָרן לויט דער צאָל פון דער ייד. באַפעלקערונג, איבערצייגט אונז שוין דער ערשטער איבערבליק איבער דער צאָל הייזער אין יעדער באַ־זונדערער שטאָט, אַז זי איז נישט אומעטום פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָל ייד. קעפּ. לובאַרטאָוו, וועלכעס פאַרנעמט דעם 5־טן אָרט לויט דער צאָל יידישע קעפּ, דאַרף פאַרנעמען דעם 2־טן אָרט לויט זיין צאָל הייזער, וועלכע איז די צווייט גרעסטע נאָך לובלין. לענטשנע מיט אַ קלענערער יידישער באַפעלקערונג איידער בעלזשיץ פאַרמאָגט 2 מאָל מער יידישע הייזער א. א. וו. כמעט אומעטום איז די צאָל ייד. הייזער, וועלכע זענען געווען באַוווינט בלויז דורך 1 פאַמיליע, גרעסער ווי אַ העלפט פון דער גאַנצער צאָל יידישע הייזער אין שטאָט.2) די צאָל הייזער מיט מער ווי איין פאַמיליע שטייט אין אַ פאַרקערטער פּראָ־פּאָרץ צו דער צאָל פאַמיליעס פון דעם הויז. די צאָל הייזער מיט 2 פאַמיל. באַטרעפט—459, מיט 3 פאַמ.—213, מיט 4 פאַמ.—64 מיט 5 פאַמ. נישט מער ווי 26 הייזער און דערביי בלויז אין די גרעסערע שטעט 6, 7 און 8 פאַמיליעס אין אַ הויז זענען אַ זעלטנהייט אַפילו אין די

1) פאַרן יאָר 1787 באַרעכנט קלעצשינסקי די דורכשניט־פּראָצענט פון יידן צו דער אַלגעמיינער צאָל שטאָט־באַפעלקערונג אין דער הויך פון 33 פּראָצ. אין באַ־זונדערע שטעט איז, נאַטירלעך, די דאָזיקע פּראָפּאָרץ געווען אַ זייער פאַרשידענע: קראַשניק (מיט די פאָרשטעט) האָט געציילט 3781 באַוווינער, דערפון 2416 יידן, לובלין (מיט די פאָרשטעט קאַלינאָוושטשיזנע און פיאַסקי) האָט געציילט 8550 באַוווינער דערפון 4.231 יידן — עפּעס מער ווי 50 פּראָצ. פג"ל: Józef Kleczyński: „Spis ludności dyecezyi krakowskiej z r. 1787". Kraków .1894

2) די קעסט־איידעמס, קעסט־זין און עלטערן אויף קעסט האָבן מיר פאַררעכנט צו די פאַמיליעס פון די קעסט־געבער.

גרעסערע שטעט! מער ווי 8 פאַמיליעס אין איין הויז האָבן מיר בכלל נישט אָנגעטראָפן: מיר קומען צום אויספיר, אַז די יידישע הייזער זענען אין 18-טן יאָרהונדערט אַפילו אין די גרעסערע שטעט לרוב באַשטאַנען פון 1 וווינונג. אַ גרויסער טייל איז באַשטאַנען פון 2 דירות און 3 דירות, הייזער מיט מער ווי דריי דירות זענען געווען זעלטן, אַפילו אין די גרעסערע קהלות. דעם דאָזיקן אויספיר באַשטעטיקט אונז נאָכאַמאָל די טאַבעלע XVI, ווו מיר האָבן צונויפגעשטעלט אַ סומאַרישע סטאַטיסטיק פון דער צאָל קעפּ, וועלכע האָבן באַוווינט די יידישע הייזער[1] (זע טאַבעלע XVI).

די צאָלן פון דער דאָזיקער טאַבעלע דעקן זיך נישט אינגאַנצן מיט די צאָלן פון דער פאָריקער טאַבעלע, וועלכע מיר האָבן צוזאַמענגעשטעלט לויט פאַמיליעס, וואָס איז פאַרשטענדלעך צוליב דעם, וואָס עס זענען פאַראַן געווען פאַמיליעס מיט מער, ווי 5 קעפּ און אויך מיט ווייניקער. אַחוץ דעם, האָבן מיר דאָרט פאַררעכנט די קעסט-קינדער און עלטערן אויף קעסט צו די פאַמיליעס פון די קעסט-געבער. אַ קליינער דיפערענץ איז אויך אַרויסגעקומען מחמת דעם, וואָס מיר האָבן אין דער דאָזיקער טאַבעלע בלויז 44 הייזער מיט אַן אומבאַקאַנטער צאָל פאַמיליעס, בשעת אין דער פאָריקער האָבן מיר געהאַט 88 אַזוינע הייזער. די פראָפּאָרץ צווישן די פאַרשידענע גרופּעס הייזער וועט, נאַטירלעך, בלייבן די זעלבע, אויב מיר זאָלן אַפילו צורעכענען די קינדער אונטער אַ יאָר, וועלכע זענען לגמרי נישט פאַרצייכנט געוואָרן אין די רעגיסטערס. בדרך-כּלל אַנטשפּרעכט די פּראָפּאָרץ צווישן די רובריקן אין דער דאָזיקער טאַבעלע דער פּראָפּאָרץ, וועלכע מיר האָבן פריער באַקומען אין דער טאַב. XV (לאָקאַטאָרן).

וועגן אויסערלעכן אויסזען פון יידישע הייזער האָבן מיר גאָר ווינציקע אָנדייטונגען. אין פראַנאָפּאָל ווערן אויסגערעכנט 28 הייזער, וועלכע זענען געווען באַוווינט פון יידן, דערפון זענען געווען 27

1) ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויך נישט-יידן האָבן געוווינט אין יידישע הייזער, אין אונזערע רעגיסטערס האָבן זיי נישט געקענט פאַרצייכנט ווערן, ווייל דער צוועק פון דער ציילונג איז געווען איינציק און אליין—פעסטצושטעלן די צאָל יידישע קעפּ, בכדי צו באַרעכענען דעם יידישן קאָפּשטייער. ס'איז איבעריק צו באַמערקן, אַז ווען מיר וואָלטן אַפילו געהאַט אַ סטאַטיסטיק פון נישט-יידישע הייזער, וואָלט עס כמעט ווי נישט געענדערט דאָס בילד, וועלכעס מיר באַקומען אין די טאַבּעלעס XV און XVI.

יידישע און 1 „קאַטויליש“. 20 פון זיי ווערן באַצייכנט אַלס „הייז־לעך“ („domki“) און 7 אַלס „הייזער“ („domy“), לויט דער צאָל קעפּ און פאַמיליעס קומט אויס, אַז די „הייזלעך“ זענען דורכשניטלעך באַשטאַנען פון דער זעלבער צאָל דירות, וואָס די „הייזער“. אין פּיאַסק (3 מייל ווייט פון לובלין) זענען פאַראַן 34 יידישע הייזער, דערפון זענען 15 באַצייכנט אַלס „הייזער“ („domy“) און 19 אַלס „געביי־דעס“ („budynki“). מעגלעך, אַז אַלס „געביידעס“ זענען דאָ פאַרצייכנט געוואָרן די געבויטע הייזער אויס האָלץ, און אַלס „הייזער“ די גע־מויערטע אויס ציגל. פון 163 יידישע הייזער אין לובאַרטאָוו זענען 2 באַצייכנט בפירוש אַלס געמויערטע („kamienica“) זיי געהערן ביידע צו דער רייכער סוחרים־פאַמיליע אין לובאַרטאָוו, פּרץ (Perec). אין לובלין איז שוין גאָר באַדייטנדיק די צאָל יידישע געמויערטע הייזער („קאַמיעניצעס“) אויף 219 ייד. הייזער ווערן 52 באַצייכנט אַלס געמויערטע (kamienice). אין לובלין האָבן מיר אויך פעסטגעשטעלט, אַז די דורכשניטלעכע צאָל באַוווינער אין די געמויערטע הייזער איז גרעסער, איידער אין די געבויטע.

נאָכדעם, ווי מיר האָבן באַקומען אַ בילד פון ייד. הייזער און זייערע באַוווינער לויט דער צאָל פאַמיליעס און לויט דער צאָל קעפּ, בלייבט אונז נאָך פעסטצושטעלן די סטאַטיסטיק פון ייד. הויז־באַזיצער און יידישע לאָקאַטאָרן („מיטער“) סיי אין יידישע און סיי אין נישט יידישע הייזער. (זע טאַבעלע XVII)

ווענן די רובריקן פון דער טאַבעלע XVII קענען מיר אי־בערגעבן פאָלגנדיקע פּרטים:

א) הויז־באַזיצער: אין דער דאָזיקער רובריק האָבן מיר פאַרצייכנט די אַלע, וועלכע ווערן אָנגערופן אין די רעגיסטערס „באַלעבאַטים“ („gospodarze“) און די הייזער ווערן אָנגערופן אויף זייער נאָמען (הויז פון .N. N), 29 פון זיי ווערן באַצייכנט אַלס שותפים („spólnicy“).

ב) לאָקאַטאָרן אין יידישע הייזער: פון 1290, וועלכע מיר האָבן אַריינגענומען אין דער דאָזיקער טאַבעלע, ווערן 1050 בפירוש אָנגערופן „לאָקאַטאָרן“ (komornik). מיר האָבן נישט קיין שום ידיעות וועגן דעם, ווי אַזוי ס'האָט געוווינט די דאָזיקע

קאַטעגאָריע, צי האָבן זיי אַלע פאַרנומען באַזונדערע שטובן אָדער גאָר גאַנצע דירות, צי האָט נישט אַ טייל פון זיי געוווינט מיטן באַלעבאָס צוזאַמען אין דער זעלבער שטוב און קיך. די איבעריקע 240 פון דער דאָזיקער רובריק באַשטייען פון פאַמיליעס, וועלכע זענען צוגעשריבן צו די באַלעבאַטים און ווערן אויסגערעכנט אין די זעלבע הייזער, זיי ווערן אָבער נישט באַצייכנט מיטן צונאָמען „komornik“ וועגן מאַנכע פון זיי ווערט דערמאָנט, אַז זיי וווינען „דאָרט“ („tam-że“) „ביי דעם זעלבן“ („u tegoż“). אין טשעמיערניק זענען מיר אין שטאַנד פעסטצושטעלן, אַז זיי האָבן געוווינט אין באַזונדערע דירות, ווייל אין קעגנזאַץ צו די דאָרטיקע „קאָמאָרניקעס“ (אין דער צאָל 5) ווערט וועגן מאַנכע פון זיי דערמאָנט, אַז זיי וווינען „אין הויז הינטן“ („na tele“) ד. ה. מסתמא, אַז דער אַריינגאַנג האָט געפירט פון הויף און נישט פון דער גאַס.

ג) באַוווינער פון גאַנצע קריסטלעכע הייזער. דאָ האָבן מיר פאַררעכנט די יעניקע, וועלכע וווינען אין קריסטלעכע הייזער, זיי ווערן אָבער נישט באַצייכנט אַלס לאָקאַטאָרן (komornik), ווייל זיי דינגען אָפּ דאָס גאַנצע הויז. אין די מייסטע פאַלן זענען די דאָזיקע הייזער ברייההייזער און קרעטשמעס (לובלין, לובאַרטאָוו, יוזעפאָוו). אין אָפּאַלע ווערט אָנגערופן 1 קריסטלעך הויז אין וועלכן ס'וווינט אַ יידישע פאַמיליע „Dom Pański“ און אין אַן אַנדער הויז „Dom z arędy“, וואָס באַווייזט, אַז יידן פלעגן דינגען ביי פריצים נישט בלויז קרעטשמעס און ברייההייזער, נאָר אויך סתם וווינהייזער. אין דעם זעלבן אָפּאַלע ווערן אויך אויסגערעכנט 2 ייד. פאַמיליעס, וועלכע וווינען אין אַ מלוכהשער וויינשענק („W winicy Skarbowej“).

ד) לאָקאַטאָרן אין קריסטלעכע הייזער. אין יוזעפאָוו זענען עס הייזער, וועלכע געהערן צו די קריסטלעכע שטאָט-בירגער (u mieszczanina), אין טשעמיערניק הייסן די דאָזיקע הייזער פריצישע (w domu pańskim), אין לובלין זענען עס יורידיקן, וועגן וועלכע ס'וועט נאָך אויסקומען גענויער צו רעדן. לרוב ווערן די קריסטלעכע הייזער סתם אָנגערופן קאַטוילישע (w domu katolickim).

ה) אין ראָטהויז אָדער אין שטאָטישע קראָמען. ס'וווינען אין ראָטהויז: אין יוזעפאָוו, אָסטראָוו צו 2 פאַמיליעס, אין

מאַרקישאָוו, וויסאָקע, קאמיאָנקע צו איינציקע פאַמיליעס. אין בילגאָראַי וווינען 12 פאַמיליעס אין די שטאָטישע קראָמען („w kramnicach”), אין טשעמיערניק ווערן אויסגערעכנט 9 פאַמיליעס „אין די יאַטקעס הינטערן ראָטהויז” („w klatkach pod raturzem”). וואָרשיינלעך פאַרשטייען די רעגיסטערס אונטער דער באַצייכנונג „אין ראָטהויז” אַזעלכע פאַמיליעס, וועלכע האָבן געוווינט אין די קראָמען נישט אַרום דעם ראָטהויז, נאָר אין דער געביידע פון ראָטהויז גופא.

מאַכנדיק דעם סך-הכּל, זעען מיר, אַז די צאָל יידישע פאַמיליעס, וועלכע האָבן געוווינט אין קריסטלעכע פּריוואַטע הייזער אָדער שטאָטישע געביידעס, מאַכט אויס אינגאַנצן 124, ד. ה. קוים 4 פּראָצ. פון דער גאַנצער צאָל שטאָטישע פאַמיליעס מיט באַקאַנטע וווינונגס-פאַרהעלטנישן. מיט ווינציקע אויסנאַמען האָבן, בכן, יידן געוווינט אין יידישע הייזער.

די וווינונגס-פאַרהעלטנישן פון די שטאָטישע יידן וואַרפן אויך אַ שפּאָר ביסל ליכט אויף זייער סאָציאַלער לאַגע. אויב מיר נעמען אַפילו סתּם הויז-באַזיצער און לאָקאַטאָרן און מיר רעכענען צו צו די ערשטע אויך די אָרענדאַרן פון קריסטלעכע הייזער, וועלכע זענען לויט זייער סאָציאַלער לאַגע זיכער געשטאַנען העכער, איידער די לאָקאַטאָרן, דאַן באַקומען מיר פאַר די ערשטע אַ צאָל פון 1836 און פאַר לאָקאַטאָרן (אין יידישע און קריסטלעכע הייזער) 1348. די באַלעבאַטים וועלן דאַן באַטרעפן קרוב 58 פּראָצ. און די לאָקאַטאָרן העכער 42 פּראָצ. פון דער גאַנצער צאָל יידישער באַפעלקערונג מיט באַקאַנטע וווינונגס-באַדינגונגען. 42 פּראָצ. פון שטאָטישע יידן האָבן אַלזאָ געלעבט אין אַזאַ שלעכטער לאַגע, אַז זיי האָבן נישט געקאָנט וווינען אין אייגענע הייזלעך, נאָר אַלס לאָקאַטאָרן. אויב מיר נעמען נאָך דערצו אין באַטראַכט, אַז אַפילו פון די הויז-באַזיצער האָט מער ווי אַ העלפט פאַרמאָגט קליינע הייזלעך, וועלכע זענען געווען באַוווינט העכסטנס פון 5 נפשות און נישט געהאַט קיין דירות פאַר לאָקאַטאָרן (פגל׳: טאַב. XV און XVI), דאַן מוזן מיר קומען צום אויספיר, אַז מער ווי $2/3$ פון דער יידישער שטאָטישער באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון אָרעמקייט אָדער פון גאָר ווייניק פאַרמעגלעכע. דאָס זעלבע

האָבן מיר פריער פעסטגעשטעלט אויפן יסוד פון דער סטאַטיסטיק פון דינסטן און קעסט-קינדער און קעסט-עלטערן ביי די שטאָטישע יידן.

די וווינונגס-פאַרהעלטנישן פון די באַזונדערע באַרופן איז שווער געווי פעסטצושטעלן צוליבן מאַנגל פון אַ גענויער באַרופן-סטאַטיסטיק פון די שטאָטישע יידן. לאַ די, וואָס מיר האָבן בלויז 22 פּראָצ. פון די שטאָטישע באַשעפטיקטע, וועמענס באַרופן זענען פאַרצייכנט געוואָרן, איז אויך אין דער דאָזיקער צאָל די פּראָפּאָרץ, ווי מיר האָבן שוין געהאַט די געלעגנהייט צו באַווייזן, אָפּט דורכאויס אַ צופעליקע. נישט געקוקט אָבער אויף דער דאָזיקער צופעליקייט פון דער פּראָפּאָרץ באַשעפטיקטע פון פאַרשידענע באַרופן קענען מיר נישט באַטראַכטן אַלס אַ געוויינלעכן צופאַל דאָס בילד פון די וווינונגס-פאַרהעלטנישן פון די באַזונדערע באַרופן, טראָגט זיין באַשיינפּערלעכער פּראַגמענ-טאַרישקייט! מיר האָבן וועגן דעם צוזאַמענגעשטעלט די פאָלגנדיקע טאַבעלע (זע טאַבעלע XVIII).

די אַרענדאַרן בילדן דעם רייכסטן שיכט פון דער יידישער באַפעלקערונג. זיי ווערן דערפאַר אין קיין איינציקן פאַל נישט דער-מאָנט אַלס לאָקאַטאָרן. פון די שענקער און ווייַנשענקער ווינען בלויז 18 פּראָצ. אין אייגענע הייזלעך, ביי די סוחרים זענען לאָקאַטאָרן כמעט נישט פאַראַן, בשעת די קרעמער ווינען לרוב אַלס לאָקאַטאָרן. צווישן די בעלי-מלאכות זענען די רייכסטע די קצבים און די אָרעמסטע די בעקער. שניידער און היטלמאַכער ווינען העלפט אַלס באַלעבאַטים און העלפט אַלס לאָקאַטאָרן, זיי בילדן, אַזוי צו זאָגן, דעם מיטעלן שיכט צווישן בעלי-מלאכות. צווישן די כלי-קודש — מלמדים, שמשים און חזנים — זענען די לעצטע די אָרעמסטע. אויף 11 חזנים פאַרמאָגט נאָר איינער אַן אייגן הייזל. די צאָלן אויף וועלכע מיר שטיצן זיך דאָ אין אונזערע השערות זענען טאַקע גאָר ווינציקע, דאָך פאַרלירט נישט דאָס בילד פון אונזער טאַבעלע זיין כאַראַקטעריסטישקייט! די פולע וויסנשאַפטלעכע זיכערקייט פאַר אונזערע אויספירן וואָלט נאָר געקענט געמאָלט זיין ביי אַ סטאַטיסטישער באַאַרבעטונג פון יידישע ציילונגס-רעגיסטערס פון אַלע וואָיעוואָדסטוועס פון פוילן.

7. יידישע גאַסן אין לובאַרטאָוו און אין לובלין

די גאַסן, וועלכע זענען געוועזן באַוווינט דורך יידן, זענען פאַר-צייכנט געוואָרן בלויז אין די צוויי שטעט לובאַרטאָוו און לובלין.

a) יידישע גאַסן אין לובאַרטאָוו

Ulice żydowskie w Lubartowie

אין מאַרק (Rynek):	הייזער (domów) 54,	צאָל קעפּ (głów) 324
לובלינער גאַס ul. Lubelska	„ „ 40	„ „ „ 142
קרומע גאַס ul. Krzywego Koła	„ „ 54	„ „ „ 200
קאַמיענסקע גאַס ul. Kamieńska	„ „ 22	„ „ „ 98
צוזאַמען — razem	„ „ 170	„ „ „ 764
יידישע הייזער domów żydowskich	163	
ברייהייזער browary	4	
מקוה łaźnie	1	
קריסטלעכע הייזער domy katolickie	2	

אין מאַנכע גאַסן וווינען די יידן געמישט אָן אונטערשיד פון באַשעפטיקונג און סאָציאַלער לאַגע, ווען אַנדערע ווידער זענען מיר אין שטאַנד פעסטצושטעלן, אַז זיי זענען געוועזן באַוווינט דורך דעם אָרעמען שיכט פון בעלי-מלאכות. אויף דער לובלינער גאַס וווינען בעלי-עגלות, קצבים, שניידער און שענקער. אויף דער קרימער גאַס (ul. krzywego koła) וווינען אַחוץ די אויסגערעכנטע בעלי-מלאכות אויך בעקער, מוזיקאַנטן, דער עיקר אָבער שניידער אין דער צאָל 15! אויף דער קאַמיענסקע גאַס ווערן פאַרצייכנט סוחרים, קרעמער און עטליכע שניידער. אין מאַרק וווינען די אָרענדאַרן און סוחרים, נישט בלויז אַרום דעם מאַרק, נאָר אויך אינמיטן דעם פּלאַץ שטייען הייזער פון סוחרים אין דער צאָל 3. כדאי צו באַמערקן, אַז 8 הייזער געהערן

צו אַרענדאַרן פון אַרומיקע דערפער, 3 וווינהייזער געהערן צום קהל (dom kahalny), אין איינעם וווינט דער רב, אין די אַנדערע צוויי וווינען אַ חזן און אַן אַלמנה פון אַ חזן.

b) די יידישע גאַסן אין לובלין

ווי מיר זען פון דער טאַבעלע XIX איז די „יידנשטאָט" (ul. Wielka czyli miasto Żydowskie) די דאָזיקע גאַס, וועלכע ווייזט אויף די גרעסטע צאָל יידישע הייזער און אויך די גרעסטע צאָל יידישע קעפּ. (45 יידישע הייזער און 394 יידישע קעפּ). די רוסישע גאַס (ul. Ruska) ציילט נאָך אַ גרעסערע צאָל הייזער, וועלכע זענען באַוווינט פון יידן, אָבער די צאָל יידישע קעפּ באַטרעפט דאָ ווייניקער ווי אין דער יידנשטאָט, אינגאַנצן 226. אין דער דאָזיקער גאַס זענען טאַקע 52 הייזער באַוווינט פון יידן, בכן נאָך מער ווי אין דער „יידנשטאָט", אָבער פון זיי געהערן בלויז 29 צו יידן און 23 זענען אַן אייגנטום פון קריסטן. כמעט די העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג פון דער דאָזיקער גאַס האָט בכן געוווינט אין פריצישע הייזער אָדער אין הייזער, וועלכע האָבן אָנגעהערט צו גייסטלעכע זאַקאָנעס. אין די אַנדערע גאַסן וווינען די יידן אין יידישע הייזער, נאָר די גאַס Podla Żydowska פאַרמאָגט 5 קריסטלעכע בנינים, וועלכע זענען באַוווינט פון יידן, די גאַסן Popod klasztor און Słomiany Rynek צו 1 בנין אין וועלכן עס וווינען יידן, און די אייגנטימער זענען קריסטן. די יידישע הייזער פון דער גאַס „יידנשטאָט" זענען כמעט אַלע געמויערטע (קאַמיעניצעס), אויף 45 הייזער זענען פאַראַן סך הכּל 4, וועלכע ווערן נישט באַצייכנט אַלס געמויערטע.

אויף דער גאַנצער סומע 251 בנינים, וועלכע זענען באַוווינט פון יידן, געהערן בלויז 30 צו נישטיידן. לאָמיר איצט זען, ווער זענען די באַלעבאַטים פון די דאָזיקע 30 הייזער[1]:

Ulica Podla Żydowska

1 Dworek (הויף) Pana Trzcińskiego
1 " Należący do Św. Ducha
1 " Pana Stamirowskiego

1) מיר גיבן איבער די נעמען פון די באַלעבאַטים אויף פּויליש.

1 Karczma (קרעטשמע) Wojewody Lubelskiego
1 Woskoboynia (וואַקס-פאַבריק) —

Ulica popod Klasztor W. W. Panien Miłosiernych

1 Łaźnia (באָד) Starościńska

Ulica Ruska

4 Domostwa (הייזער) katolickie (קאַטוילליש) —
1 „ „ należące do Probostwa Św. Mikołaja
1 „ „ O. O. Karmelitów Trzewiczkowych
2 „ „ O. O. Bazyljanów
1 „ „ O. O. Karmelitów
1 Kamienica (געמויערט הויז) Wojewody Lubelskiego
1 „ „ O. O. Pijarów
1 Dworek (הויף) pana Steckiego
1 „ „ pana Kozłowskiego
1 Pałac (פאַלאַץ) pana Suchodolskiego na Korcach
1 „ „ wojewody Czernichowskiego na Korcach
1 „ „ Xięcia Jabłonowskiego na Korcach
1 Karczma (קרעטשמע) p. Badewskiego
1 „ „ Xięcia Woronieckiego
1 „ „ p. Baczyńskiego
1 „ „ O. O. Jezuitów do Bursy należąca
1 „ „ O. O. Karmelitów
1 Browar (ברייהויז) księdza Świecickiego
1 „ „ O. O. Karmelitów

Słomiany Rynek

1 Karczma (קרעטשמע) O. O. Augustyanów.

די דאָזיקע נישטיידישע הייזער געהערן בכן אָן פריצים און גלחים. די גלחים. זענען די באַזיצער פון 3 קרעטשמעס, 2 ברייהייזער

און 6 וויינהייזער. מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, אַז אין דער קהלה באַראַנאָוו זיצן יידן אין קרעטשמעס, וועלכע געהערן אָן צו גלחים און זאַקאָנעס, מיר זען איצט, אַז אויך אין דער שטאָט לובלין פלעגן די גלחים און זאַקאָנעס ציען רווחים פון זייערע קרעטשמעס און ברוי-הייזער דורך דער פאַרמיטלונג פון יידן.

וועלכע פון די דאָזיקע הייזער זענען געווען יורידיקן[1], ווייסן מיר נישט. דער פאַקט, אַז אין די זעלבע גאַסן, ווו עס וווינען יידן אין פּריצישע און גלחישע הייזער, וווינען פאַרהעלטנישמעסיק אַסך מער יידן אין יידישע הייזער, צווינגט אונז צו דער הנחה, אַז דאָס זענען נישט אַזעלכע שטאָטטיילן, ווו יידן האָבן נישט געטאָרט וווינען און אַז זיי האָבן זיך באַזעצט אין די הייזער פון די פּריצים און גלחים, נישט נאָר בלויז כּדי צו געניסן פון זייער שוץ, נאָר מן הסתם צוליב פּרנסה-טעמים. אַלס אַרענדאַרן, שענקער א. א. וו. כּדאַי אונטערצושטרייכן, אַז אין דער גאַס „אונטערן קלויסטער״ וווינט אַ יידישע פאַמיליע אין באָד, וועלכעס געהערט אָן צום סטאַראָסטע! משמעות, אַז יידן פלעגן אָפּדינגען בעדער גלייך ווי קרעטשמעס, ברייהייזער און וויינהייזער. אין 7 פון די דאָזיקע נישטיידישע הייזער ווערן אויסגערעכנט אַחוץ יידישע „באַלעבאַטים״ (gospodarze) אויך יידישע לאָקאַטאָרן (קאָמאָרניקעס), יידן פלעגן בכן אָפּדינגען די הייזער און דערפון ווייטער פאַרדינגען שטובן יידישע לאָקאַטאָרן. אויף דעם שטרוימאַרק (Słomiany Rynak) ווערט דערמאָנט אַחוץ דער קרעטשמע פון די זאַקאָניקעס אויגוסטיאַנער אויך אַ הויז, וועלכעס שטייט אויף דעם באָדן פון די אויגוסטיאַנער. [Na Gracie (sic!) O. O. Augustyanów] ווייזט אויס, אַז עס פלעגן אויך פאָרקומען פאַלן, ווו דער בוי-פּלאַץ האָט געהערט צו נישטיידן און דאָס הויז גופא צו יידן.

1) יורידיקן האָבן געהייסן אין דעם אַמאָליקן פּוילן די פּריצישע הייזער אין די שטעט, וועלכע זענען געווען אויסגענומען פון דער שטאָטישער פאַרוואַלטונג און די שטאָטישע געזעצן און פאַראָרדנונגען זענען אויף זיי נישט געווען חל! יידן, וועלכע האָבן געוווינט אין יורידיקן, האָבן אויך גענאָסן פון דעם שוץ פון זייערע באַלעבאַטים-פּריצים לגבי דער שטאָטישער מאַכט און די צעכן.

קאַפּיטל III

יידישע סעקטן אין דער לובלינער וואָיעוואָדסטווע

1. קאראימער אין לוקאָוו

דעם יידישן קאָפּ-שטייער זענען געוועזן מחויב צו צאָלן נישט בלויז די יידן־ראַבאַניטן, נאָר אויך די קאראימער¹). אין דעם לוקאָווער רעגיסטער ווערן זיי אין דעם קעפּל פון דער ציילונג נישט דערמאָנט, (Regest spisanych Żydów Łukowskich) אָבער אויף די ווייטערע זייטן לויטן די קעפּלעך: Regestr dalszy Żydów i Karaimów Łukowskich

עס איז שווער אָנצונעמען, אַז דער שרייבער פון דעם לוקאָווער רעגיסטער האָט נאָר צוליב דעם דערמאָנט די קאראימער, ווייל דאָס געזעץ וועגן דער יידנציילונג רעדט בפירוש וועגן יידן און קאראימער און אַז די שרייבער פון די איבעריקע 35 רעגיסטערס האָבן זיך נישט געוואָלט די מי געבן אַרויסצושרייבן בפירוש אויך די קאַראַימער. מיר וועלן ליבער אָננעמען, אַז לוקאָוו איז געוועזן די איינציקע קהלה אין דער לובלינער וואָיעוואָדסטווע, ווו עס האָבן געוווינט קאר-אימער און דערפאַר ווערן זיי דאָ יאָ דערמאָנט. ווי מיר ווייסן האָבן די קאראימער געהאַט אַ גרויסע קהלה אין דעם נאָענטען וואָלין, אין דער שטאָט לוצק, ווו זיי האָבן זיך דערהאַלטן ביז אין היינטיקן טאָג. עס איז בכן זייער וואָרשיינלעך, אַז אַ טייל פון די וואָלינער קאראימער האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָט לוקאָוו. אַ שאָד נאָר, וואָס דער שרייבער פון דעם רעגיסטער האָט פאַר זיך געהאַט בלויז דעם פיסקאַלישן ציל און ער האָט נישט געהאַלטן פאַר נויטיק צו פאַרצייכענען די צאָל פון די דאָרטיקע קאראימער.

1) די ציילונג פון די האַליטשער יידן און קאראימער האָט אַרויסגעגעבן פּראָפ. מאיר באַלאַבאַן: Dr. Majer Bałaban: „Spis Żydów i Karaitów Ziemi Halickiej i powiatów Trembowelskiego i Kołomyjskiego w r. 1765," Kraków. 1909, nakładem Akad. Umiej.

2. פראַנקיסטן אין דער קהלה פיאַסק

אין דער קהלה פיאַסק (3 מייל פון לובלין) ווערן אויסגערעכנט 9 דערפער, אין וועלכע עס האָבן פריער געוווינט יידן, איצט אָבער „קאָנטראָ-תלמודיסטן" ד. ה. פראַנקיסטן. אין די אַלע 9 דערפער ווינט נישט מער קיין איין איינציקער ייד, עס איז אוממעגלעך פעסטצושטעלן, צי זענען די פריערדיקע יידישע באַוווינער פון די דאָזיקע דערפער אַליין איבערגעגאַנגען צום פראַנקיסטישן גלויבן, אָדער צי האָבן די פריצים פאַרטריבן פון דאַנען די פריערדיקע יידישע קרעטשמער און באַזעצט אויף זייער אָרט פראַנקיסטן. די דאָזיקע דערפער הייסן: Suchodoły, Siedliska Wielkie, Izdebno, Gardziennice, Żukowo, Chmiel, Krępice, Minkowice, Jankowice. בשעת ווען די ערשטע 8 דערפער זאָגט דער שרייבער פון דעם רעגיסטער אומעטום דעם זעלבן נוסח: „Byli przedtym Żydzi, teraz są kontratalmuciści po Karczmach" ד. ה. „פריער זענען [דאָ] געוועזן יידן, איצט זענען אין די קרעטשמעס קאָנטרא-תלמודיסטן", דערמאָנט ער וועגן יאַנאָוויץ (Janowice), אַז פריער האָבן דאָרט געוווינט יידן, איצט וווינען קאַטוילִיקן. „W Janowicach byli Żydzi, teraz są katolicy" וואָרשיינלעך מיינט דער שרייבער אויך דאָ נישט עמעצן אַנדערש נאָר די פראַנקיסטן, און ער רופט זיי אָן קאַטויליקן, ווייל זיי האָבן דאָך פאַקטיש אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלויבן.(1

די צאָל פון די פראַנקיסטן אין די דאָזיקע 9 דערפער קאָנען מיר באַרעכענען אויף 70—80 נ פ ש ו ת, אויב מיר נעמען אין באַטראַכט, אַז די דורכשניטלעכע צאָל יידישע נפשות אין די דערפער פון דער לובלינער וואָיעוואָדסטווע באַטרעפט 8 אויף 1 דאָרף.

1) פגל". די נאָר-וואָס דערשינענע אַרבעט פון פראָפ. באַלאַבאַן וועגן די פראַנקיסטן, ווו עס ווערן גענוי אַנאַליזירט די טעזן פון דעם פראַנקיסטישן גלויבן: Dr. Majer Bałaban: „Studien u Quellen zur Geschichte der frankistischen Bewegung in Polen". סעפּאַראַט-אָפּדרוק פון דעם זאַמלבוך: „Livre d'hommage á la mémoire du Dr. Samuel Poznański" און די אַרבעטן פון גרעץ און קרויזהאאר.

דער פּאַקט, וואָס מיר טרעפן דאָ אָן אויף פּראַנקיסטן בלויז אין די דערפער און אין די שטעט איז פון זיי נישט דאָ קיין זכר, וואָלט געקאָנט אַרויפפירן אויפן געדאַנק, אַז די דאָזיקע סעקטע האָט ווערבירט אירע אָנהענגער קודם כל צווישן דאָרפס־יידן, וועלכע זענען זיכער געוועזן ווייניקער באַוווסטזיניק איידער די שטאָטישע יידן. די דאָזיקע סברה טאָרן מיר אָבער נישט אַנדערש באַטראַכטן נאָר פאַר אַ דערווייליקער השערה, כל־זמן מיר האָבן נישט קיין אַנדערע מקורים, וועלכע זאָלן זי באַשטעטיקן.

Tabela I טאבעלע

די צאָל פון דער יידישער באפעלקערונג פון העכער א יאָר אנגעהויבן

(סומארישער צוזאמענשטעל לויטן אָריגינאַל)

Liczba ludności żydowskiej powyżej roku.

(Sumaryczne zestawienie według oryginału)

אונזער קאָרעקטיוו 3) Nasza 3) poprawka	אנגעגעבענע סומע נפשות Podana liczba głów	העברעישער נאָמען 2) Hebrajska nazwa 2)	נאָמען פון דער קהלה אויף יידיש 1) Polska nazwa 1) parafji	נר. №
	60	ביסקופיץ	Biskupiec	1
	513	——	Baranów	2
	946	——	Bełżyce	3
	413	ביחיף	Bychawa	4
	661	בילגורייא	Biłgoray	5
	325	צעמרניק	Czemierniki	6
	191	פראנופאָל	Franopol	7
	333	גלוסק	Głusko	8
	332	גורייא	Goray	9
	461	יאניף	Janów	10
	924	יוזעפוף	Józefów	11
	415	קוזמר	Kazimierz	11
	325	קאָלינפציזני	Kalinowszczyzna	13
74 +	569	קאָנסקי וואָלי	Końska Wola	14
	1092	קוראָב	Kurów	15
10 +	1343	קראשניק	Kraśnik	16
	793	קאָצק	Kock	17
	1018	לוברטו	Lubartów	18
	1634	——	Lublin	19
	724	לענטשנא	Łęczna	20
	1563	לוקאָב	Łuków	21
	350	מאָדליבאָזיץ	Modliborzyce	22
	356	מארקשוב	Markuszów	23
	344	אוסטראָה	Ostrów	24
	487	אפולי	Opole	25
	602	פיאסק	Piaski 3 mile od Lublina	26
	104	קאזמיר חדש	Piaski pod Lublinem	27
	454	פארציב	Parczów	28
	173	ראחוב	Rachów	29
	797	ראדזין	Radzyń	30
	531	שעדלץ	Siedlce	31
	403	וינאווי	Wieniawa	32
	146	וואָלסטאָוויץ	Włostowice	33
	123	וויסאָקי	Wysokie	34
	122	זבוטשין	Zbuczyń	35
	480	זאקליקאָוו	Zaklików	36
20.191	20.107		Suma — סומע	

1) מיר האָבן אויסגעס.רט ווי אין אָריגינאַל לויטן אלפאבעטישן סדר.

2) לויט די אונטערשריפטן פון די רבנים, פרנסים און שמשים.

3) מיר האָבן אין יעדן רעגיסטער באַזונדער די סומען נאָכגעציילט און געפינען א טעות נאָר אין די קהילות קאָנסקע וואָלע און קראשניק.

1) Gminy zestawiliśmy w porządku alfabetycznym, podobnie jak w oryginale.

2) Podług podpisów „starszych" żydowskich t. j. rabinów i szkolnych.

3) Po sprawdzeniu sum poszczególnych rejestrów napotkaliśmy na omyłki tylko w spisach Końskiejwoli i Kraśnika.

Tabela II טאַבעלע

יידן אין שטאָט און דאָרף
Rozmieszczenie ludności żydowskiej po miastach i wsiach

יידישע נפשות אין שטעט און שטעטלעך Liczba głów żydowsk. w miastach i miasteczkach	יידישע נפשות אין דערפער Liczba głów żyd. po wsiach	צאָל דערפער Liczba wsi	שטאָט און קהלה Nazwa miasta i parafji		נר. Nr.
1383	251	38	Lublin	ליבלין	1
921	432	32	Kraśnik	קראַשניק	2
904	136	20	Kurów	קוראָוו	3
845	79	12	Juzefów	יוזעפאָוו	4
764	217	37	Lubartów	לובאַרטאָוו	5
644	17	3	Biłgoraj	בילגאַראַי	6
569	74	11	Końska Wola	קאָנסקע וואָלע	7
543	911	159	Łuków	לוקאָוו	8
537	260	33	Radzyń	ראַדזין	9
514	432	28	Bełżyce	בעלזשיץ	10
491	233	32	Łęczna	לענטשנע	11
489	304	45	Kock	קאָצק	12
403	—	—	Wieniawa	וויעניאַווע	13
390	71	4	Janów	יאַנאָוו	14
332	199	33	Siedlce	שידלעץ	15
325	—	—	Kalinowszczyzna[1])	קאַלינאָווטשיזנע[1])	16
324	163	35	Opole	אָפּאָלע	17
303	151	29	Parczew	פּאַרטשעוו	18
296	36	4	Goray	גאָראַי	19
268	65	3	Głusk	גלוסק	20
250	75	11	Czemierniki	טשעמיערניק	21
240	362	26	Piaski (o 3 mile od Lubl.)	פיאַסק (3 מאַל פון לובלין)	22
239	176	26	Kazimierz	קאַזמיר	23
237	113	6	Modliborzyce	מאָדליבאָרזיץ	24
237	119	19	Markuszów	מאַרקושאָוו	25
203	241	21	Zaklików	זאַקליקאָוו	26
187	157	24	Ostrów	אָסטראָוו	27
170	343	44	Baranów	באַראַנאָוו	28
136	37	5	Rachów (Anopol)	ראַכאָוו (אַנאָפּאָל)	29
125	66	11	Franopol	פראַנאָפּאָל	30
123	—	—	Wysokie	וויסאָקיע	31
122	—	—	Zbuczyń	זבוטשין	32
116	297	17	Bychawa	ביכאָווע	33
104	—	—	Piaski (pod Lublinem)[2])	פיאַסק (אונטער לובלין)[2])	34
84	62	3	Włostowice	וולאָסטאָוויץ	35
53	7	1	Biskupiec	ביסקופּיעץ	36
69	—	—	Wodynie	וואָדיניע (לוקאָווער קהלה)	37
52	—	—	Mnichów	מניכאָוו (קוראָווער קהלה)	38
40	—	—	Seroczyn	סעראָטשין (לוקאָווער קהלה)	39
37	—	—	Kamionka	קאַמיאָנקאַ (לובאַרט. קהלה)	40
36	—	—	Radomyśl	ראַדאָמישל (זאַקליק. קהלה)	41
14105	6086	772	Suma	סך הכל	
69,5%	30,5%		W odsedkach ogólnej liczby Żydów	פּראָצענט פון דער גאַנצער צאָל יידן	

1) Dziś należy do miasta Lublina — 1) היינט א טייל פון דער שטאָט לובלין.

2) Dziś przedmieście Lublina — 2) היינט א פאָרשטאָט פון לובלין.

Tabela III טאַבעלע

פאַרטיילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג לויטן מין און עלטער
Podział ludności żydowskiej podług płci i wieku

Po wsiach: **:B אין די דערפער**

צוזאַמען נפשות Razem głów	צוזאַמען פרויען Razem kobiet	מיידלעך Dziewcząt	פאַרהייראַטע א. אלמנות Zamężn. i wdów	באָבעס Babek	עלטער־באָבעס Prababek	צוזאַמען מענער Razem mężczyzn	אומפאַרהייראַטע (יינגלעך) Chłopców	פאַרהייראַטע א. אלמנות Żonat. i wdows.	זיידעס Dziadów	עלטער־זיידעס Pradziadów	Parafja קהלה
432	219	109	95	15	—	213	107	94	12	—	Kraśnik קראַשניק
188	94	47	38	9	—	94	47	38	9	—	Kurów קוראָוו
79	43	24	16	3	—	36	18	16	2	—	Józefów יוזעפאָוו
17	9	4	3	2	—	8	4	3	1	—	Biłgoraj בילגאָראַי
74	35	18	24	3	—	39	24	13	2	—	Końska Wola לאָנסקע וואָלע
432	213	107	89	16	1	219	123	86	10	—	Bełżyce בעלזשיץ
233	122	51	56	14	1	111	50	54	7	—	Łęczna קענטשנע
304	145	58	72	14	1	159	75	71	13	—	Kock קאָצק
—	—	—	—	—	—	—	—	—	—	—	Wieniawa וויעניאַווע
71	32	10	20	2	—	39	17	20	2	—	Janów יאַנאָוו
199	96	47	43	6	—	103	57	43	3	—	Siedlce שיעדלעץ
—	—	—	—	—	—	—	—	—	—	—	Kalinowszczyzna קאַלינאָווטשיזנע
65	38	21	13	4	—	27	11	12	4	—	Głusko גלוסק
75	37	22	14	1	—	38	22	15	1	—	Czemierniki טשעמיערניק
113	58	26	26	6	—	55	25	26	4	—	Modliborzyce מאָדליבאָזשיץ
119	57	26	29	2	—	62	33	29	?—	—	Markuszów מאַרקושאָוו
277	137	65	61	11	—	140	70	62	8	—	Zaklików זאַקליקאָוו
343	164	80	72	12	—	179	102	71	6	—	Baranów באַראַנאָוו
37	23	13	8	2	—	14	6	6	2	—	Rachów ראַכאָוו
297	145	66	57	21	1	152	75	58	19	—	Bychawa ביכאַווע
—	—	—	—	—	—	—	—	—	—	—	Zbuczyn זבושין
62	29	14	14	1	—	33	18	13	2	—	Włostowice וואָלסטאָוויץ
—	—	—	—	—	—	—	—	—	—	—	Wysokie וויסאָקיע
251	126	42	67	16	1	125	50	66	9	—	Lublin לובלין
254	125	55	61	8	1	129	59	62	6	2	Lubartów לובאַרטאָוו
260	125	55	62	7	1	135	70	61	4	—	Radzyń ראַדזין
163	78	28	43	7	—	85	38	43	4	—	Opole אָפּאָלע
362	179	80	71	27	1	183	91	71	21	—	Piaski (3m. od Lublina) (3 מ. פון לובלין) פיאַסק
—	—	—	—	—	—	—	—	—	—	—	Piaski (pod Lublinem) (אונטער לובלין) פיאַסק
66	33	15	13	5	—	33	14	14	5	—	Franopol פראַנאָפּאָל
7	3	1	2	—	—	4	2	2	—	—	Biskupiec ביסקופּיעץ
4780	2365	1084	1059	214	8	2415	1208	1049	156	2	Suma ס"ה
36	19	?7	11	1	—	17	?5	11	1	—	Goray גאָראַי
176	92	33	46	13	—	84	?27	45	12	—	Kazimierz קוזמיר
1020	453	?144	262	47	—	567	272	259	36	—	Łuków לוקאָוו
151	78	?25	43	10	—	73	?22	41	10	—	Parczew פאַרטשעוו
157	82	?28	46	8	—	75	?23	45	7	—	Ostrów אָסטראָוו
1540	724	237	408	79	—	816	349	401	66	—	Suma ס"ה
6320	3089	1321	1467	293	8	3231	1557	1450	222	2	Suma ogólna ס"ה פון אַלע דערפער

Tabela III טאַבעלע

פאַרטיילונג פון דער יידישע באַפעלקערונג לויטן מין און עלטער.

Podział ludności żydowskiej podług płci i wieku.

W miastach: (¹אין די שטעט: A

צוזאמען נפשות Razem głów	צוזאמען פרויען Razem kobiet	מיידלעך Dziewczat	פארהייראטע א. אלמנות Zamężn. i wdów	באבעס Babek	עלטער-באבעס Prababek	צוזאמען מענער Razem mężczyzn	אומפארהייראטע (יינגלעך) Chłopców	פארהייראטע א. אלמנים Żonatych i wdowców	זיידעס Dziadków	עלטער-זיידעס Pradziadków	Miasto — שטאָט
921	479	189	239	50	1	442	186	220	36	—	Kraśnik קראַשניק
904	484	226	207	47	4	420	191	184	41	4	Kurów קוראָוו
845	440	192	188	55	5	405	199	171	34	1	Józefów יוזעפאָוו
644	315	103	168	41	3	329	138	161	28	2	Biłgoraj בילגאָראַי
569	291	153	112	24	2	278	157	104	17	—	Końska Wola קאָנסקע וואָלע
543	283	109	128	45	1	260	127	106	25	2	Łuków לוקאָוו
514	262	103	128	27	4	252	135	103	14	—	Bełżyce בעלזשיץ
491	250	95	128	26	1	241	97	126	18	—	Łęczna לענטשנע
489	249	98	123	27	1	240	102	118	20	—	Kock קאָצק
403	211	89	103	19	—	192	77	99	16	—	Wieniawa וויעניאַווע
390	192	71	106	15	—	198	87	104	7	—	Janów יאַנאָוו
332	175	70	82	22	1	157	65	78	14	—	Siedlce שידלעץ
325	168	74	79	15	—	157	68	78	11	—	Kalinowszczyzna קאַלינאָווטשיזנע
296	164	73	78	12	1	132	46	75	10	1	Goray גאָראַי
268	148	65	70	13	—	120	54	56	10	—	Głusko גלוסק
250	140	65	59	16	—	110	46	51	13	—	Czemierniki טשעמיערניק
237	123	49	54	19	1	114	52	51	11	—	Modliborzyce מאָדליבאָזשיץ
237	127	51	62	13	1	110	46	59	5	—	Markuszów מאַרקושאָוו
203	99	35	53	10	—	104	49	47	8	—	Zaklików זאַקליקאָוו
170	89	37	43	9	—	81	37	38	6	—	Baranów באַראַנאָוו
136	69	29	29	9	2	67	31	28	8	—	Rachów ראַכאָוו
122	58	19	33	6	—	64	30	31	2	1	Zbuczyn זבוטשין
116	64	28	29	7	—	52	25	24	3	—	Bychawa ביכאַווע
84	42	18	21	3	—	42	24	18	—	—	Włostowice וואָסטאָוויץ
123	62	24	29	8	—	61	27	28	5	1	Wysokie וויסאָקיע
9612	4984	2066	2352	538	29	6428	2096	1258	362	12	Suma ס"ה
1383	716	?150	483	80	3	667	?155	457	54	1	Lublin לובלין
764	387	120?	217	50	?—	377	?123	210	44	?—	Lubartów לובאַרטאָוו
537	275	?77	166	32	?—	262	?77	166	19	?—	Radzyń ראַדזין
324	167	?46	97	24	—	157	?44	93	20	—	Opole אָפּאָלע
303	141	?39	87	15	—	162	69	83	10	—	Parczów פּאַרטשעוו
240	116	?33	70	13	—	124	?46	69	9	—	Piaski (3 m. od Lublina) פיאַסק (3 מ. פון לובלין)
239	123	?30	74	18	1	116	?27	74	15	—	Kazimierz קוזמיר
187	91	?25	58	8	—	96	?37	53	6	—	Ostrów אָסטראָוו
125	65	?23	36	6	—	60	?20	33	7	—	Franopol פראַנאָפּאָל
104	53	?7	33	12	1	51	?6	33	12	—	Piaski (p. Lublin.) פיאַסק (אונט. לובלין)
53	27	?8	14	5	–	26	?8	15	3	—	Biskupiec ביסקופּיעץ
4259	2161	558	1335	263	5	2098	612	1286	199	1	Razem ס"ה
13.871	7145	2624	3686	801	34	6726	2708	3444	561	13	Razem wszyst.miast ס"ה פון אַלע שטעט

1) די לעצטע 5 שטעטלעך פון דער טאַבעלע II, וועלכע זענען אָנגעשלאָסן אָן אנדערע קהלה-שטעט, האָבן מיר פאַררעכנט צווישן
די דערפער, און אַלע אנדערע טאַבעלעס האָבן מיר געהאַלטן פאַר נויטיק אויך די דאָזיקע שטעטלעך צו פאַררעכענען צווישן די שטעט, גלייך
ווי אין דער אויבּיקער טאַבעלע II.

1) Pięć ostatnich miasteczek tabeli II-giej nie stanowiących odrębnych parafij zaliczyliśmy w tej tabeli do wsi. We wszystkich pozostałych tabelach uwzględniliśmy także i te maleńkie miasteczka w statystyce miast, celem osiągnięcia dokładnych wyników statystyki zajęć.

Tabela IV טאַבעלע

עלטער פון יידן אין מאָדליבאָזיץ און אין די סביבות

Podział głów żyd. podług wieku w Modliborzycach i parafji

צוזאַמען קעפּ (איבערן עלטער פון 1 י.) Razem głów (powyżej 1 r.)	צוזאַמען Razem	משרתים מענער און פרויען Służby męs. i żeńskiej	זין און טעכטער Synów i córek	פאַרהייראַטע און אַ באַשטימטן עלטער Żonat. i zamężn. niewiad. wieku	פאָטערס און מוטערס Ojców i matek	זיידעס און באָבעס Dziadków i babek	עלטער-זיידעס און באָבעס Pradziadków i prababek	
350	169	3	73	1 (אַלמן)	77	15	—	מענער Mężczyzn
	181	5	70	4	78	23	1	פרויען Kobiet

עלטער פון די אומפאַרהייראַטע Wiek chłopców i dziewcząt	צוזאַמ. Razem	אומבאַק. Bez p.wieku	26	22	20	19	18	17	16	15	14	13	12	11	10	9	8	7	6	5	4	3	2	1	יאָרן Lata
Synów	73	3	1	—	1	2	9	—	—	1	1	4	8	2	8	2	5	2	4	8	3	5	4	-	זין
Służby męsk.	3	2	—	—	—	—	—	—	—	1	—	—	—	—	—	—	—	—	—	—	—	—	—	—	דינסט-יינגלעך
Córek	70	3	—	—	—	—	9	1	4	6	3	1	4	1	6	4	6	3	5	1	5	3	4	1	טעכט.
Służby żeńsk.	5	2	—	1	—	—	—	—	—	—	—	—	1	—	!1	—	—	—	—	—	—	—	—	—	דינסט-מיידל.

Tabela V טאַבעלע

Wdowcy i wdowy — אלמנים און אלמנות

Kobiety — פרויען

צוזאַמען Razem	אלמנות 1) אין אומבאַקאַנטן עלטער Wdowy niewiadomego wieku	Matek — מוטערס: עגונות Opuszczon. przez mężów	Matek — מוטערס: גרושות Rozwódek	Matek — מוטערס: אלמנות ? Wdowy ?	Babek — באָבעס	עלטער-באָבעס Prababek
655	135	12	1	209	271	27

Mężczyźni — מענער

Razem — צוזאַמען	אלמנים אין אומבאַקאַנטן עלטער Wdowców niewiadomego wieku	Ojców — פאָטערס: פאַרלאָזענע Opuszczonych przez żony	Ojców — פאָטערס: גרושים Rozwiedzionych	Ojców — פאָטערס: אלמנים Wdowców	Dziadków — זיידעס	עלטער-זיידעס Pradziadków
82	14	2	1	40	20	5

1) אין דער טאַבעלע III (A און B) האָבן מיר די אלמנות אין אומבאַקאַנטן עלטער צוגערעכנט העלפט צו דער רובריק באָבעס. די טאַבעלע V איבערצייגט אונז, נעמלעך, אַז כאָטש בכלל איז ביי א פרוי אין א אומבאַקאַנטן עלטער די וואַרשיינלעכקייט, אַז זי איז א מוטער א סך גרעסער איידער די וואַרשיינלעכקייט, אַז זי איז א באָבע, איז ביי אלמנות אין אומבאַקאַנטן עלטער די וואַרשיינלעכקייט, אַז מיר האָבן צו טון מיט באָבעס לכל הפחות אַזוי גרויס, ווי די וואַרשיינלעכקייט פון מוטערס, אויב נישט נאָך גרעסער.

1) W tabeli III (A i B) zaliczaliśmy wdowy niewiadomego wieku w połowie do matek i w połowie do babek.

Tabela VI טאַבעלע

באשעפטיקונג פון שטאָטישע יידן אין דער לובלינער וואָיעוואָדזטווע (סומאַריש)

Zajęcia Żydów miejskich woj. lubelskiego (sumaryczne zestawienie)

צוזאמען Razem zarobkujących	פארשידענע באשעפטיקונגען Różnych zawodów	אנדערע בעלי־מלאכות Innych rzemiosł	קצבים Rzeźników	בעקער Piekarzy	שניידער, היטלמאכער א. ד. גל. Krawców i t. p.	סוחרים און קרעמער Kupców i kramarzy	וויינשענקער און „נאמנים" Winiarzy i „wierników"	ארענדארן און קרעטשמער Arendarz. i karczm.
808	190	130	40	17	221	53	97	60

Tabela VII טאַבעלע

באַשעפטיקונג פון די שטאָטישע יידן אין דער לובלינער וואָיעוואָדז. (לויט באַזונדערע שטעט)
Zajęcia Żydów województwa lubelskiego w poszczególnych miastach.

צאָל באשעפטיגטע Liczba zarobkujących	צוזאמען באקאנטע פּראָפעסיעס Razem podanych zawodów	פארשידענע מלאכות Różn. Rzemiosł	אנדערע באַרופן Innych zajęć	Cyrulik. פעלטשערס	בעלי־עגלות Furmanów	Rzeźników קצבים	Piekarzy בעקער	גאָלדשמידן, שמוקלער Złotnik., szmukl.	שניידער, היטלמאכער Krawc., czapnik.	רבנים, חזנים, שמשים Rabin. Kantor.	Bakałarzy מלמדים	סוחרים און קרעמער Kupców i handl.	ווײנשענקער „Winiarzy"	ארענדארן—קרעטשמ. Arend., karczm.	Miasto שטאָט
17	5	—	—	—	—	—	—	3	2	—	—	—	—	—	Wodynie וואָדיניע
9	4	—	—	—	—	—	—	—	1	1	1	—	—	—	Seroczyn סעראָטשין
8	7	—	—	—	—	1	2	—	—	—	—	1	1	2	Kamionka קאַמיאָנקע
16	12	—	1	1	—	1	—	—	4	—	—	—	2	3	Biskupiec ביסקופּיעץ
62	24	—	1	—	—	—	3	3	9	3	2	1	2	—	Głusko גלוסק
28	15	1	—	—	—	—	—	—	—	—	—	—	7	7	Piaski (p. Lubl.) פּיאַסקי (אונט. לובלין)
114	50	2	2	1	—	7	2	1	16	5	3	—	9	2	Bełżyce בעלזשיץ
73	25	1	2	—	1	3	1	2	8	3	3	1	—	—	Kazimierz קוזמיר
78	40	5	1	5	3	2	3	—	11	1	2	1	4	2	Kalinowszczyzna קאַלינאָווסטשיזנע
225	65	9	—	4	3	4	1	5	17	5	7	2	7	1	Kraśnik קראַשניק
108	41	—	2	1	—	4	1		17	1	7	5	1	—	Kock קאָצק
218	105	3	4	3	9	—	—	1	39	2	6	31	—	7	Lubartów לובאַרטאָוו
137	59	5	4	1	—	2	2	3	23	5	6	3	2	3	Łuków לוקאָוו
56	14	2	1	1	—	—	—	—	2	2	—	2	2	2	Modliborzyce מאָדליבאָזשיץ
85	36	7	2	2	—	2	—	1	11	2	3	—	4	2	Parczów פּאַרטשעוו
57	25	—	1	2	—	3	—	—	9	2	2	—	5	1	Ostrów אָסטראָוו
28	12	—	1	—	—	—	—	—	5	1	—	—	1	4	Wysokie וויסאָקיע
1319	539	35	22	22	16	29	15	21	174	33	42	47	47	36	Suma סך הכל

Tabela VIII טאַבעלע

די באַשעפטיקונג פון דאָרפס-יידן אין דער לובלינער וואָיעוואָדזטווע
Zajęcia Żydów wiejskich w województwie lubelskiem

צוזאַמען באַשעפטיקטע (זעלבסטשטענדיקע) Razem samodziel- nie zarobkujących	באַרוף נישט פאַרצייכנט Bez podan. zawodu: לאָקאַטאָרן Komor- ników	באַרוף נישט פאַרצייכנט Bez podan. zawodu: בעלי-הבתים Gospo- darzy	בעלי-מלאכות און אנדערע באַרופן Rzemieślników i innych zawodów	מילכיקער Mleczarzy	ארענדאַרן אדער קרעטשמער Arend. lub karczm.	ווייַנשענקער Winiarzy	שענקער Szynkarzy	קרעטשמער Karczmarzy	ארענדאַרן Arendarzy
1401	75	42	36	12	30	95	124	463	524

Tabela IX טאבעלע

יידישע דינסטן און אָנגעשטעלטע אין די שטעט און אין די דערפער.

Służba żydowska w miastach i po wsiach.

צוזאמען מענער און פרויען Razem mężczyzn i kobiet	צוזאמען פרויען Razem kobiet	יתומות Sierot	דינסט-מיידל. Służących płci żeńsk.	צוזאמען מענער Razem mężczyzn	וויינשענקער Winiarzy	געזעלן Czeladnik.	בעלפערס Belfrów	יתומים Sierot	משרתים Służących płci męsk.	
490	272	16	256	218	5	55	26	15	177	אין שטאָט W miastach
339	101	2	99	238	67	—	45	4	122	אין דערפער Po wsiach

Tabela X טאַבעלע

פאַרטיילונג פון דינסטן און אָנגעשטעלטע צווישן די באַלעבאַטים
Rozmieszczenie służby wśród pracodawców

צוזאַמען מער ווי 1 דינסט Razem po 2 i więcej służących	צו 5 דינסטן Po 5 służ.	צו 4 דינסטן Po 4 służ.	צו 3 דינסטן Po 3 służ.	צו 2 דינסטן Po 2 służ.	צו 1 דינסט Po 1 służb.	באַלעבאַטים Gospodarze
43	2	2	5	34	389	אין די שטעט W miastach
55	—	—	9	46	220	אין די דערפער Po wsiach

Tabela XI טאַבעלע

באַרופן פון די אַרבעטס-געבער פון יידישע דינסטן און אָנגעשטעלטע אין די דערפער
Zajęcia pracodawców żydowskiej służby po wsiach

מילכיקער Mleczarze	לאָקאַטאָרן (באַרוף אומבאַקאַנט) Lokatorzy (bez pod. zajęć)	ווייַנשענקער Winiarze	שענקער Szynkarze	קרעטשמער Karczmarze	אַרענדאַרן Arendarze	ס'באַשעפטיקן Zatrudniają
2	1	2	4	50	161	1 דינסט 1 osob. służ.
—	1	2	—	1	42	2 דינסטן 2 osob. służ.
—	—	—	—	—	9	3 דינסטן 3 osob. służ.

Tabela XII טאַבעלע

צאָל קעסטקינדע־ און קעסטעלטערן אין די שטעט און אין די דערפער

Zięciowie, synowie żonaci i rodzice na utrzymaniu

פראָפּאָרץ פון קעסטעסער צו דער צאָל באַשעפטיקטע Stosunek liczby osób na utrzymaniu do zarobkujących	צאָל באַשעפטיקטע Liczba zarobkując.	צוזאַמען אויף קעסט Razem na utrzymaniu	ברודער און שוואָגערס Braci i szwagrów	מוטערס Matek	פאָטערס Ojców	איידעמס Zięciów	זין Synów żonat.	
19%	3623	707	—	83	17	327	280	אין שטעט W miastach
19%	1401	270	9	73	9	96	83	אין דערפער Po wsiach

Tabela XIII טאַבעלע

קעסטגעבער אין שטאָט און אין דאָרף
Żywiciele dorosłych osób na wsi i w mieście

ס'האַלטן אויף קעסט Utrzymują	1 פערזאָן 1 osobę	2 פערזאָנען 2 osoby	3 פערזאָגען 3 osoby	4 פערזאָנען 4 osoby	צוזאַמען קעסטגעבער Razem żywicieli
שטאָטישע קעסטגעבע Miejscy Żydzi	460	97	15	2	574
Wiejscy Żydzi דאָרפישע קעסטגעבער	206	29	2	—	237

Tabela XIV טאַבעלע

די בארופן פון די קעסטגעבער אין דאָרף

Zajęcia Żydów wiejskich, żywicieli osób dorosłych

פארשידענע באַרופן (לאַקאטאָרן) Różne zawody (komornicy)	מילכיקער Mleczarze	וויינשענקער Winiarze	שענקער Szynkarze	קרעטשמער Karczm.	ארענדאַרן Arendarze	ס'האַלטן אויף קעסט Utrzymują
4	1	1	3	36	95	1 איידעם (זון) 1 zięcia (lub syna żon.)
4	—	—	4	19	39	1 מוטער (פאָטער) 1 matkę (lub ojca)
1	—	—	2	3	23	2 פערזאָנען 2 osoby
1	—	—	—	—	1	3 פערזאָנען 3 osoby

Tabela XV טאַבעלע

יידישע הייזער און זייער צאָל לאָקאַטאָרן

Domy właścicieli żydowskich i liczba zamieszkujących je rodzin

Żyd. bud. publ. (szpit., łaźn. i t. d.) יוד. עפנטלעכע בנינים (שפיט., מקוואות א.ח.)	Razem żyd. domów סך הכל יוד. וואוינהייז.	Domy o 8 rodz. הייזער מיט 8 פאַמיל.	Domy o 7 rodz. הייזער מיט 7 פאַמיל.	Domy o 6 rodz. הייזער מיט 6 פאַמיל.	Domy o 5 rodz. הייזער מיט 5 פאַמיל.	Domy o 4 rodz. הייזער מיט 4 פאַמיל.	Domy o 3 rodz. הייזער מיט 3 פאַמיל.	Domy o 2 rodz. הייזער מיט 2 פאַמיל.	Domy bez lokatorów (o 1 rodz.) הייזער אָן לאָקאַטאָרן (מיט 1 פאַמיליע)	Miasto — שטאָט[1]	
2 מקואות	219	2	1	2	6	14	28	66	100	Lublin	לובלין
—	102	1	1	—	4	7	24	25	40	Kraśnik	קראַשניק
—	109	—	—	—	3	3	19	31	53	Kurów	קוראָוו
2 1 מק. ושפ.	80	—	—	—	—	7	17	22	34	Józefów	יוזעפאָוו
1 מקוה	163	—	—	—	—	—	5	38	120	Lubartów	לובאַרטאָוו
—	80	—	—	—	1	9	8	25	37	Bilgoraj	בילאָגראַי
—	44	—	—	—	2	—	12	14	16	Końska Wola	קאָנסקע וואָלע
—	76	—	—	—	2	3	9	26	36	Łuków	לוקאָוו
—	85	1	—	1	1	3	16	26	37	Radzyń	ראַדזין
—	50	—	—	—	2	5	14	12	17	Bełżyce	בעלזשיץ
—	109	—	—	—	—	—	4	13	92	Łęczna	לענטשנע
1 שפיטאָל	62	—	—	—	—	1	8	27	26	Kock	קאָצק
—	73	—	—	—	—	—	5	17	51	Wieniawa	וויעניאַווע
—	אומב.	—	—	—	—	—	—	—	—	Janów	יאַנאָוו
—	41	-	—	—	- -	2	7	15	17	Siedlce	שיעדלעץ
—	אומב.	—	—	—	—	—	—	—	—	Kalinowszczyzna	קאַלינאָווטשיזנע
—	59	—	—	—	—	1	5	19	34	Opole	אָפּאָלע
—	אומב.	—	—	—	—	—	—	—	—	Parczów	פּאַרטשעוו
—	אומב.	—	—	—	—	—	—	—	—	Goray	גאָראַי
—	35	—	—	—	—	1	5	14	15	Głusko	גלוסק
—	22	—	—	—	—	—	1	11	10	Czemierniki	טשעמיערניק
—	(*34	—	—	—	—	—	—	—	—	Piaski (3 m. od Lubl.)	פּיאַסק (3 מ. פון לובלין)
—	(*135	—	—	—	—	—	—	—	—	Kazimierz	קוזמיר
—	38	—	—	—	—	2	2	9	25	Modliborzyce	מאָדליבאָזיץ
—	29	—	—	—	—	1	7	13	8	Markuszów	מאַרקושאָוו
—	34	—	—	—	—	1	3	8	22	Zaklików	זאַקליקאָוו
—	אומב.	—	—	—	—	—	—	—	—	Ostrów	אָסטראָוו
—	18	1	—	—	—	2	3	5	7	Baranów	באַראַנאָוו
1 שפיטאָל	18	1	—	—	—	—	1	5	12	Rachów (Anopol)	ראַכאָוו (אַנאָפּאָל)
—	27	—	—	—	—	—	2	1	24	Franopol	פראַנאָפּאָל
—	12	—	—	—	1	—	1	3	7	Wysokie	וויסאָקיע
—	19	—	—	—	—	2	3	3	11	Zbuczyń	זבוטשין
—	14	—	—	—	—	—	1	6	7	Bychawa	ביכאָווע
1 מקוה	21	—	—	—	—	—	2	1	18	Piaski (pod Lubl.)	פּיאַסק (אונטער לובלין)
—	(*10	—	—	—	—	—	—	—	—	Włostowice	וואָלסטאָוויץ
—	אומב.	—	—	—	—	—	—	—	—	Biskupiec	ביסקופּיעץ
—	אומב.	—	—	—	—	—	—	—	—	Wodynie	וואָדיניע
—	9	—	—	—	—	—	1	1	7	Mnichów	מניכאָווע
—	(*7	—	—	—	—	—	—	—	—	Seroczyn	סעראָטשין
—	(*2	—	—	—	—	—	—	—	—	Kamionka	קאַמיאָנקע
—	5	—	—	—	—	—	—	—	2	Radomyśl	ראַדאָמישל
?		5	2	3	22	64	213	459	885	Suma	ס"ה

1741 | הייזער מיט אומבאַקאַנטער צאָל פאַמיליעס + 88 domów o niewiadomej liczbie rodzin

1) די שטעט האָבן מיר דאָ אויסגעסדרט, ווי אין דער טאַב. II לויט דער גרויס פון דער צאָל יידישער באַפעלקערונג.

*) מיט שטערנדלעך האָבן מיר באַצייכנט 5 שטעטלעך, ווו די צאָל לאָקאַט. איז אונז אומבאַקאַנט און ווי מיר האָבן נאָר אויסגעקומען סתם די צאָל הייזער

1) Miasta uporządkowaliśmy w szeregu malejącym liczby mieszkańców żydowskich.

*) Gwiazdkami oznaczyliśmy 5 miast., w których nie mogliśmy ustalić liczby lokatorów poszcz. domów.

Tabela XVI טאַבעלע

צאָל קעפּ פון יידישע הייזער
Liczba głów w domach żydowskich

צוזאמען יידישע הייזער Razem domów żydowskich	אומבאקאַנטע צאָל קעפּ Niepodana liczba głów	40	26—30	21—25	16—20	11—15	6—10	2—5	1 קאָפּ 1 głowa	צאָל קעפּ אין א הויז Liczba głów w domu
1741	44	1	2	13	41	217	648	770	5	צאָל הייזער Liczba domów

Tabela XVII טאַבעלע

וווינונגס-פאַרהעלטנישן פון יידישע פאַמיליעס
Stosunki mieszkaniowe rodzin żydowskich

צוזאמען שטאָטישע פאַמיליעס Razem rodzin miejskich	אומבאַקאַנטע וווינונג-פאַרהעלטנישן *) Niepodane stos. mieszk. *)	צוזאמען באַקאַנטע וווינונג-פאַרהעלטנישן Razem podano stosunki mieszk.	אין ראַטהויז אָדער אין שטאָטיש. קראָמען W ratuszu lub kramnicach	לאָקאַטאָרן אין קריסטלעכע הייזער Komornicy w domach nieżyd.	באוווינער פון גאַנצע קריסטלעכע הייזער (אַרענדאַרן) Arendarze domów nieżyd.	לאָקאַטאָרן אין יידישע הייזער Komornicy w domach żyd.	הויזבאַזיצער און שותפים Właściciele i współwłaścic.	וווינונגס-פאַר-העלטניש Stosunki mieszkanio-we
3623	439	3184	27	31	60	1290	1770	צאָל פאַמיליעס *) Liczba rodzin *)

*) אין די 7 שטעט: יאַנאָוו, קאַלינאָווטשטשיזנע, פּאַרטשעוו, גאָראַי, אָסטראָוו, וואָלסטאָוויץ, ביסקופּיעץ אין די סטאַטיסטיק פון די דאָזיקע 7 שטעט פעלט אויך אין די טאַבעלעס XV און XVI.

**) ווי אין די אויבּיקע טאַבעלן האָבן מיר אויך דאָ פאַררעכנט די קעסט-קינדער און די קעסט-על-טערן צו די פאַמיליעס פון די קעסט-געבער.

*) W 7 miastach: Janowie, Kalinowszczyźnie, Parczowie, Goraju, Ostrowie, Włostowicach i Biskupcu. Taksamo brak statystyki mieszkaniowej powyższych miast w tabelach XV i XVI.

**) Podobnie jak w poprzednich tabelach zaliczyliśmy i w niniejszej tabeli osoby dorosłe na utrzymaniu do rodzin ich żywicieli.

Tabela XVIII טאבעלע

וואוינונגס-פארהעלטנישן לויט באזונדערע בארופן
Stosunki mieszkaniowe podług poszczególnycg zawodów

אין % W odsetkach	לאקאטארן Lokatorów	אין % W odsetkach	באלעבאטים Gospodarzy	פארצייכנטע וואוינונגס-באדינגונגען Podane stosunki mieszkan.	אנגעגעבענע צאל באשעפטיקטע אין דעזיקן באריף Liczba zatrudnionych w tym zawodzie	Zajęcie באשעפטיקונג
0	—	100	56	56	60	ארענדארן און קרעטשמער Arendarze i karczmarze.
81,5	79	18,5	18	97	97	שענקער און ווײַנשענקער Szynkarze i winiarre
4	1	96	22	23	24	Kupcy סוחרים
70	19	30	8	27	29	קרעמער Kramarze
29	10	71	23	33	33	פעלטשער Cyrulicy
47	69	53	78	147	158	שניידער, קירזשנער Krawcy i kuśnierze
52	28	48	26	54	63	היטלמאכער א. ד. גל. Czapnicy i t. p.
52,5	21	47,5	19	40	45	גאָלדשמידן א. ד. גל. Złotnicy i t. p.
71	12	29	5	17	17	בעקער Piekarze
17	6	83	30	36	40	קצבים Rzeźnicy
39	7	61	11	18	18	בעלי-עגלות Furmani
32	11	68	23	34	34	אנדערע בעלי-מלאכות Inne rzemiosła
54	34	46	29	63	67	מלמדים Bakałarze
61	20	39	13	33	36	שמשים Szkolnicy
91	10	9	1	11	11	חזנים Kantorzy

Tabela XIX טאבעלע

Ulice w Lublinie zamieszkane przez Żydów — יידישע גאסן אין לובלין

צאל יידישע קעפ Głów żyd.	צוזאמען הייזער Razem domów	מקואות פון קריסטל. באזיצער Łaźnie katol.	געמויערטע הייזער און פאלאצן Kamienice i pałace	קרעטשמעס און בראווארן Karczmy i browary	קריסטליכע הייזער Domy katol.	צוזאמען יידישע הייזער Razem domów żyd.	יידישע מקואות Łaźnie żyd.	יוד. געמויערטע הייזער Kamienice żydowskie	יידישע הייזער Domy żyd.	נאמען פון דער גאס Nazwa ulicy
394	45	—	—	—	—	45	—	41	4	„Ulica Wielka" czyli „Miasto Żydowskie"
49	6	—	—	—	—	6	—	4	2	„Ulica Grodzka"
170	34	—	3	2	—	29	1	—	28	„Ulica Podla Żydowska"
80	18	1	--	—	—	17	—	—	17	„Ulica popod Klasztor W.W. Panien Miłosiern."
185	31	—	—	—	—	31	—	2	29	„Ulica Podwale Zamkowe"
146	33	—	—	—	—	33	1	—	32	„Ulica Rzeźnicka"
226	52	—	7	7	9	29	—	4	25	„Ulica należąca do Miasta Ruska y Sam Czwartek"
133	32	—	—	1	—	31	—	—	31	„Słomiany Rynek"
1383	251	1	10	10	9	221	2	51	168	Suma — סך הכל

ליפמאַן צאַמבער

אַ מכלומרשטער פּרווו צו קאָלאָניזירן יידן אויף ערד

אין איבערגאַנג פון XIX–XVIII י״ה

(די אַקציע פון דער פּרייסישער מאַכט אין פּוילן 1795—1806[1])

די שווערע פּאָליטיש-עקאָנאָמישע לאַגע, אין וועלכער ס'האָט זיך געפונען אין דער צווייטער העלפט פון אַכצנטן י״ה אייראָפּע בכלל און אין פּוילן בפרט, די פאַרשידענע מלחמות, קאָנפעדעראַציעס, היידאַמאַקעס א.א.וו. — האָט זיך זייער שטאַרק אָפּגערופן אויך אויף דערווירטשאַפטלעכער לאַגע פון די יידן — און דער גרעסטער טייל פון זיי איז באַשטאַנען פון גרויסע אָרעמע לייט.

די פּוילישע פּובליציסטיק, ווי די אייראָפּעישע, פאַרנעמט זיך דאַמאָלס שטאַרק מיט דעם עקאָנאָמישן פּראָבלעם, און צווישן אַנדערע ווערט אויך אַרויפגערוקט די יידן-פראַגע. אַסאַך פּובליציסטן זוכן בנוגע יידן די פאַרשידנסטע מיטלען און צווישן אַנדערע רוקן זיי אויך אַרויס דעם געדאַנק צו באַזעצן די יידן אויף ערד — באַדן איז דאָך דאָ אין פּוילן אַסאַך — און צוגעווינען זיי צו ערד-אַרבעט. דערביי האָבן זיי אַרויסגערוקט אין אויסזוכט אַ טאָפּלטן געווינס: 1) אַ טייל יידן וועלן

1) אַ קאַפּיטל פון מיין דיסערטאַציע אין סעמינאַר ביי פּראָפ. האַנדעלסמאַן, אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט.

זיך באַזעצן אויף ערד, און 2) דורכדעם וועלן די שטעט באַפרייט ווערן פון דער גרויסער יידישער באַפעלקערונג.[1]

אָבער צווישן די פאַרשידענע שטימען הערט מען אויך די יידישע. אַט ברענגט סמאָלענסקי „אַ רעפאָרם-פּראָיעקט וועגן פאַרבעסערן די מנהגים פון די יידישע איינוואוינער אין קעניגרייך פוילן", אָנגעשריבן דורך דעם קעניגל. פאַקטאָר אברהם הירשאָוויטש.[2]

דער מחבר שטעלט זיך אָפּ אַממייסטן אויף דער אויסבעסערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון יידן און האַלט, אַז נישט נאָר, וואָס מ'דאַרף זיי צולאָזן צו אַלע מלאכות, נאָר מען מוז זיי אויך צולאָזן צו ערד-אַרבעט, ווייל: „די פרוכט פון דער ערד מאַכט רייך דאָס לאַנד און איר שפייז מאַכט גליקלעך די איינוואוינער, ווייל נישט בלויז, וואָס זי שפייזט זיי מיט אירע פרוכטן, נאָר זי איז אויך דער מקור פונם גאַנצן האַנדל" — מכל שכן, וואָס ערד איז דאָ גענוג אין או-קראַינע און אין פוילן.

זייער אינטערעסאַנט איז אויך די שטעלונג פון דעם באַקאַנטן „ערשטן יידישיסט", משה מארקוזע, אין זיין ספרל „ספר רפואות".[3]

אָט דער דאָקטאָר, אַ געוועזענער פרייסישער בירגער, פוילישער אימיגראַנט, לערנט זיך אויס „די שפראַך פון די פוילישע יידן" און שרייבט אָן דאָס ביכל מיט אַ „זאַפטיקן קרעפטיקן יידיש"[4] און צווישן אַנדערע עצות בייַ פאַרשידענע קראַנקהייטן דערמאַנט ער אויך, רעדנדיק וועגן רפואות צו „קדחת-פיבער", וועגן דער נוצבאַר-

1) קראָקע, II Smoleński: „Ostatni rok sejmu wielkiego" 1897. אויך די אינסטרוקציע, וואָס איז געגעבן געוואָרן פון דער שטאָט ווארשע פאַר די דעפּוטאַטן אנטהאַלט די לאָזונג: „żądać usunięcia Żydów od miast a skierowani ich do roli". ז. 115.

2) ז. סמאָלענסקי. ibid. „Projekt do reformy z poprawy obyczajów starozakonnych mieszkańców Królestwa Polskiego".

3) ז. אין נח פרילוצקיס „זאמלביכער פאַר יידישן פאָלקלאָר, פילאָלאָגיע און קולטורגעשיכטע", באַנד II, I טייל, ווארשע 1917: „אַ יידישיסט פון XVIII יאָר-הונדערט" וועגן בוך „ספר רפואות הנקרא עזר ישראל..." אויף פויליש-טייטש געשריבן אשר חיבר ה"ה הרב המופלג מומחה לברית מוהרה משה הנקרא מארקוזי דאָקטער... נדפס פה פּאָריצק לשר"ק לפ"ק (1790).

4) ib ז. 10

קייט פון פאַרנעמען זיך מיט ערד-אַרבעט. ער ראָט „זיי זאָלן פון די פוילע שטיקנדריקע לופט (הויפן מיסט) מאַכן איין גאָרטן". „זייעט ציבעלעס, בוראַקעס, רעטיך, פּיעטריצקע, איר וועט צוויי מאָל רווחים האָבן: איר וועט שיינע ריינע לופט האָבן, וואָס זייער געזונט איז, אונד וועט נישט באַדאַרפן דעם פויער רייך מאַכן". ער עצהט זיי אָראָפּצוּוואַרפן „די גיין און ניינציק קרעטשמעס, וואָס פּוסטע שטייען אין איטלעכן שטעטל", וואָס ברענגען נישט זייערע באַלעבאַטים קיין שום נוצן, פאַרקערט: מוזן נאָך צאָלן שטייערן, און אויף זייער אָרט מאַכן זיך אַ גערטנדל, וואָס וועט ברענגען געזונט פאַר זיך און פאַר זייערע קינדער.

און פראַנק מיט זיינע פאַרשידענע פּלענער האָט דאָך אייגנטלעך נאָר געשטרעבט צו באַקומען ערד, באַזעצן זיך מיט זיינע אָנהענגער און ווערן איבער זיי אַ הערשער.

מיט איין וואָרט די דאַמאָלסטיקע געזעלשאַפט זעט די רעטונג פאַר יידן אין איבערגיין צום אַקער.

* * *

נאָך מער איז די פראַגע געוואָרן אַקטועל, ווען דער עסטרייכישער קייסער, יוסף II, איז צוגעטרעטן דורכצופירן די אַגראַר-רעפאָרם בנוגע יידן אין דער פּראַקטיק. ער איז געניים געווען אויסצוזוכן פאַר יידן נייע פּרנסות-קוואַלן, ווען מ'האָט די ביזאַהעריקע ארענדאַרן פון קרעטשמעס, שענקען א. א. וו. אָנגעהויבן אַרויסצוטרייבן פון זייערע פאַרנומענע פּאָזיציעס, דאַמאָלס איז אַנטשטאַנען דער פּראָיעקט באַזעצן די יידן אויף ערד. דעם 15 יולי 1785 באַפעלט ער דעם גובערניום אין לעמבערג אונטערצונעמען אַן אַקציע צו קאָלאָניזירן די יידן אויף ערד. אָבער דאָס גובערניום איילט זיך נישט. ערשט אין אַ יאָר אַרום טרעט עס צו צו שאַפן די ערשטע קאָלאָניע, נישט ווייט פון ניי-סאַנץ. מ'האָט געגעבן די יידן ערד, קערנער אויף זריעה, אויך בוי-מאַטעריאַל און זאָגאַר אַביסל געלט.

און גאַליציע ווערט עלעקטריזירט: מ'באַזעצט יידן אויף ערד. און די אַרויסגעטריבענע אַרענדאַרן, די קליינהענדלער, וועלכע האָבן

נישט געהאַט קיין שום מיטלען צום לעבן, כאַפּן זיך אָן אין דעם פּלאַן — און אַ גאַנצע קופּע בקשות פּאַרפּלייצן דאָס גובערניום ווי אויך דעם קייסער אַליין וועגן געבן זיי ערד צו באַארבעטן (אין די יאָרן 1886—1889).

און על־פּי דער קייסער האָט געהייסן דערלעדיקן די בקשות פּאָזיטיוו, האָט אָבער דאָס גובערניום געהאַט אַן אַנדער מיינונג — און ס'הייבט זיך אָן אַ סאַבאָטאַזש מצד די באַאַמטע.

אַזוי למשל האָבן אין זלאָטשעוו 50 פאַמיליעס פּאַרקויפט זייערע הייזער, שענקען א. א. וו. און האָבן געבעטן באָדן. נאָך אַ גאַנץ יאָריקן וואַרטן ווענדן זיי זיך אוממיטלבאַר צום קייסער — דעמאָלט גיט זיך ערשט דאָס גובערניום אונטער און באַשטימט פאַר זיי אַ מאָגערן באָדן, וואָס דייטשע קאָלאָניסטן האָבן פאַרלאָזט.

נישט ווייט פון באָלעכאָוו ווידער גיט מען אַרויס די יידן די ערגסטע ערד, וועלכע מ'האָט נישט געוואָלט אַרויסגעבן די דייטשע קאָלאָניסטן — און נאָך איין יאָר שווערער אַרבעט פאָדערט דאָס גובערניום פון זיי צוריקצוגעבן אַלע הוצאות. די קאָלאָניסטן האָבן פאַרשטענדלעך דאָס נישט געקאָנט דערפילן, און מ'טרייבט זיי אַרויס.

ביי אַזאַ ווירטשאַפט מצד דער מאַכט, וואָס איז דער וווּנדער, אַז די יידישע קאָלאָניזאַציע אין גאַליציע האָט זיך נישט איינגעגעבן![1]

* * *

אָבער אויב אין עסטרייך האָט די אַגראַר־פּאָליטיק געליטן אַ מפּלה, האָבן אָבער די אָפּיציעלע באַקאַנטמאַכונגען געהאַט אַ פּעולה אויף די יידן און מלוכות ערגעץ־אַנדערש־ווו.

אין דער ערשטער ריי רוקט זיך אַרויס דער טייל פון דער פּוילישער טעריטאָריע, וואָס איז אונטערגעפאַלן אונטער דער פּרייסישער הערשאַפט בעת דער צווייטער און דריטער חלוקה, צום סוף פון אַכצנטן י"ה. די פּראָווינצן באַקומען די נעמען: „דרום־און ניי־מזרח־פּרייסן". דאַביי ווערט דרום־פּרייסן איינגעטיילט אין 3 קאַמערן (דע־

1) ד"ר מ. באַלאַבאַן: „Dzieje Żydów w Galicyi i w Rzeczypospolitej Krakowskiej 1782—1868, 45—38 .לעמבערג, ז

פאַרטאַמענט): פויזנער, קאָלישער און וואַרשעווער; ביי-מזרח-פרייסן — און 2 קאַמערן: ביאַלאָסטאָקער און פלאָצקער.

די פרייסישע מאַכט, די נייע באַלעבאָסטע אין פוילן, האָט שוין אָבער געהאַט אַ געוויסע „באַציונג" צו יידן — פאַרשטענדלעך אין פרייסן: זי האָט זיי געהאַלטן אַלס „קאַמער-קנעכט", אַלס „פרעמדע", וועלכע מוזן צושטעלן דער מלוכה אַסאַך געלט, דערביי איז די יידן נישט געווען דערלויבט צו באַשעפטיקן זיך מיט אַלע פרנסות-קוועלן; אַזוי האָבן זיי, למשל, נישט געטאָרט האַנדלען מיט מאַנופאַקטור, ליוונט, עסנוואַרג (אויסער פאַר זיך), נישט געטאָרט וווינען אויפן דאָרף, נישט באַשעפטיקן זיך מיט פראָפינאַציע, א. אַ. וו. א. אַ. וו.[1])

נאָכן איינעמען די נייע געגנט האָבן די פרייסן געהאַט די מיינונג: „די נייע אַקוויזיציע בוזעצן אויפן פרייסישן פוס",[8]) ד. ה. בנוגע יידן צו פירן אַן עקסטרעמע פאָליטיק, ווי למשל, פרידריך דער גרויסער האָט געטון אין אַזוי גער. „מערב-פרייסן" (וואָס ער האָט צוגענומען ביי פוילן בעת דער I חלוקה), פון וואַנען ער האָט אין פאַרלויף פון 11 יאָר משלח געווען אַן ערך פון 7000 יידן. און אויף די, וואָס זענען געבליבן, האָט מען אָנגעוואָרפן דעם יידן-רעגולאַמין פון יאָר 1750, פאַרוואַנדלענדיק זיי אין קאמער-קנעכט.[2])

* * *

אָבער נישט אַזוי לייכט האָט מען געקאָנט דורכפירן אַזוי פאָליטיק אין אַ לאַנד, וואָס האָט פאַרמאָגט אַזאַ גרויסע יידישע באַפעלקערונג, וועמענס צאָל האָט דערגרייכט אין דרום-פרייסן אַליין ביז אַ 70 טויזנט נפשות.

דעריבער האָט די רעגירונג באַשלאָסן צו פירן דאָ אַ פאָרזיכטיקע פאָליטיק, אַ מער צוגעפאַסטע צו די באַדינגונגען, אין וועלכע ס'האָט

---

1) ז. רעגולאַמין פון 1750 אין „Novum carpus Costitutionum", t. II

2) „1793" אונטער דער רעד. פון פרומערס, פויזן 1893.

3) Max Bär — Westpreussen unter Fridrich den Grossen", לייפציק, 1889

זיך געפונען דאָס אַמאָליקע פּוילן. און בכדי צו האָבן אַ ריכטיק בילד, גענויע ידיעות וועגן מצב, אָרט-באַשעפטיקונג פון די יידן, זענען אַרומגעפאָרן פאַרשידענע באַאַמטע איבערן לאַנד, געזאַמלט מאַטעריאַל און צוגעשטעלט באַריכטן ווי אויך אייגענע פאָרשלאָגן וועגן איינאָרדנען די יידן.

טאַקע אַזאַ באַריכט שטעלט צו שוין דעם 19 מאַי 1793 אַ שלעגישער באַאַמטער געקינג (Göking)(1. אָנווייזנדיק אין דעם זייער באַריכותן מעמאָריאַל די גרויסע ראָל, וואָס די יידן שפּילן אין ווירטשאַפטלעכן לעבן אין דער פּראָווינץ אַלס סוחרים, האַנטווערקער א. א. וו., גייט ער איבער צו ערד-אַרבעט.

ער רעכנט, אַז קיין יידישע דערפער זענען בכלל נישטאָ. וואָלטן אַזעלכע יאָ געווען, וואָלט מען געמוזט דאָרט די יידן איבערלאָזן. באָכמער, מ׳דאַרף איינגלטלעך פאַרלייגן אַזעלכע דערפער אויף די נישט באַאַרבעטע ערטער, למשל, נישט ווייט פון שעראַדז און ראַווע. די מלוכה וואָלט זיך איינגנטלעך אָפּגעשפּאָרט אַביסל קאַפּיטאַל, ווייל די קריסטלעכע קאָלאָניסטן וועלן נישט ווערן אַזאַ ערד באַאַרבעטן אָן געלט-אונטערשטיצונג.

אַנדערש דאַרף מען זיך באַגיין מיט די יידן, וואָס וווינען אין דאָרף און פאַרנעמען זיך מיט שענקערײַ. זיי פאַרנעמען זיך אויך מיט טענדלערײַ (Hausiren), וואָס באַשווערט זייער שטאַרק דורכצופירן דעם פּרייסישן פאַבריקן-סיסטעם.

לויט דער מיינונג פון אַנדערע באַאַמטע איז דער ייד אַ מיטלמעסיקער ערדאַרבעטער, כמעט אַ שלעכטער. מעגלעך איז עס דערפאַר, ווייל ער איז פיזיש שלעכט אַנטוויקלט, וואָס איז אַ פּועל-יוצא פון דער שלעכטער דערנערונג. ווייל ווען אַ פּויער עסט אַלע טאָג גלייך, עסט אַ ייד גוט נאָר איין מאָל וועכנטלעך, שבת. דעריבער אָבער קען אַ ייד, האָבנדיק די זעלבע באַדינגונגען ווי אַ קריסט, מער אָפּשפּאָרן און קען פאַרקאָפן די ערד. ס׳איז זיכער — מיינען זיי — אַז ווען נישט דער דעספּאָטיזם פון די פּוילישע גוטבאַזיצער און ווען נישט

(1 וואַרש. הויפּט-אַרכיוו, S.P. 65 I „Promemorja des v. Gökking Von der Anzahl, Vervassung u. Nahrung der Juden in Südpreussen".

די אומזיכערע לאגע, אין וועלכער די יידן געפינען זיך, וואָלט שוין א העלפט פון גאנצן באָדן אין דרום-פרייסן געוועזן אין יידישע הענט. און אזוי ווי די אונטערדריקונג פאלט יעצט אוועק, דער ייד זאָל דאָך געניסן פון די זעלבע רעכט, ווי דער קריסטלעכער אונטער-טעניקער, די זעלבע געזעצן זאָלן דאָך לייטן אין דער צוקונפט מיט ביידע גלייך, וועלן דאַן פון 10 מאָרגן, וואָס דער גוטסבאזיצער וועט פארקויפן, 9 אריינפאלן אין יידישע הענט.

דאָס דאָרף אָבער איז דאָך א פלאנץ-שול פאר דער אַרמיי, נישט איין דאָרף פון 50 קוימענס (הייזער) שטעלט דאָך צו מער מוטיקע זעלנער, ווי א שטעטל פון א 500—4 איינוווינער. און דער פוילישער ייד וועט דאָך שטענדיק זיין דער לעצטער צו דינען אין א קריסטלעכן רעגימענט צוליב זיינע רעליגיעזע אָבערגלויבנס.

דעריבער וואָלט געווען בעסער, מיינען די באאמטע, אז אין א פארלויף פון א 15—20 יאָר ארויס-צוטרייבן זיי פון דאָרף אין שטאָט אריין, ווו זיי וועלן זיך קאָנען פארנעמען מיט אנדערע דערנערונגס-צווייגן.

געקינג האַלט אָבער, אז ס'וועלן זיך געפינען יידישע אונטערנעמער, וועלכע וועלן מיט אייגענע קאָסטן איינאָרדנען א קאָ-לאָניע, אויפבויען הייזער, באזעצן זיי מיט יידישע ערד-ארבעטער אויף צינש (אויב זיי וועלן באקומען אדל-רעכט, וואָס דאָרף אייגנט-לעך נישט אָנטרעפן אויף קיין גרויסע שווערקייטן) און דאָס וועט האָבן די פעולה, אז א גרויסע מאסע אָרעמע יידן, וואָס איז ביזאהער א משא פאר דער מלוכה, וועט געפינען איר פרנסה. פארשטענדלעך, אז אין די דערפער מוזן די יידן זיך פארנעמען נאָר מיט ערדארבעט, שפינערייי און וועבערייי, אָבער בשום אופן נישט מיט האנדל.

אויך הוים (Hoym), דער אויבערשלעזישער מיניסטער, שיקט צו זיין „פראָמעמאָריא".[1] ער באריהרט אויך די פראגע וועגן די יידן אויפן דאָרף. לויט זיין מיינונג באדאָרף מען זיי פון איין זייט בא-זייטיקן פון די שענקן, אמת פאמעלעך, אָבער פון דער צווייטער זייט —

1) ווארש. ה. ארכיוו S. P. 65 I „Nachtrag zum Promemoria wegen Verfassung der Juden", ברעסלוי, דעם 9 מאי 1793

צוגעוווינען זיי צו ערד-אַרבעט. דורך דעם וועלן די יידן צוגעוווינען זיך צו פאַרוואָרצלען (Stätigkeit), צו פיזישע אַרבעט און פלייס. אויך ווערנדיק אַ באַלעבאָס איבער זיין אייגנטום, וועט ער זיך מער צובינדן צו דער ערד און אויך זיין גרייט פאַר איר צו קעמפן, ד. ה. ער וועט ווערן אַ גוטער זעלנער. אין ערגסטן פאַל וועט מען קענען די יידן באַנוצן אַלס אויפזעער ביי פי-צוכט.

אַנדערע באַאַמטע רעכענען אויך, אַז ערד איז דאָ אַסך, דערי-בער באַדאַרף מען די יידן נישט שטערן צו פאַרנעמען זיך מיט ערד-אַרבעט, מ'דאַרף נאָר אַכטונג געבן, אַז זיי זאָלן נישט די ערד פאַר-פאַכטן, נישט פאַרנעמען זיך אויפן דאָרף מיט פּראָפּינאַציע א. א. וו.[1]

גאָר אין אַן אַנדערע מיינונג האַלט זיך דער פאָרשטייער פון דער מעזעריטשער אינספעקציע, טיעליע (Thilie)[2]. ער זאָגט זיך אַרויס קעגן באַזעצן יידן אויפן לאַנד, ווייל די רייכע וועלן קויפן באָדן אויף שפעקולאַציע, און די אָרעמע וועלן ליבערשט בעטלען גיין, איידער פאַרנעמען זיך מיט אַזאַ שווערער אַרבעט.

* * *

דערווייל פאַרנעמען די פּרייסן — נאָך דער דריטער חלוקה — נאָך שטח; זיי באַקומען אַ גרויסע צאָל יידן — צוזאַמען מאַכן זיי שוין אויס איבער 150 טויזנט — און מ'האָט דאָך געמוזט זיי איינ-אָרדנען, ד. ה. צופּאַסן די יידן צו דעם נייעם מלוכה-סיסטעם.

און טאַקע נאָך אַ 2 יאָר באַקומען די פּוילישע יידן אַ נייעם געשאַנק: דעם רעגולאַמין פון 17-טן אַפּריל 1797, „פאַר די יידן אין דרום- און ניי-מזרח-פּרייסן".[3]

---

1) פאַרשידענע באַריכטן און מיינונגען פון קאַלאמב, וועלוויג א. אנ. ib.

2) „Bericht... über verschiedene des Judenwesens in den städten seiner Inspection betr. gegenstände, 13 Januar 1795. ib.

3) „General Juden-Regiment fur Sud- u. Neu-Ost-preussen de dato Berlin, den 17-ten April 1797" אין Novum Corpus Const., Band X.

אָט דער רעגולאַמין נעמט אַרום דעם גאַנצן לעבנס-שטייגער פון די יידן און צוו. אַנ. באַרירט ער אויך די ערד-אַרבעט.

אין אַלגעמיין דערלויבט דער רעגולאַמין די יידן צו פאַרנעמען זיך מיט האַנדל, קונסט-זאַכן, מלאכה, אויך מיט ערד-אַרבעט, פּי-צוכט, בעל-עגלהשקייט און טאָג-לוין-אַרבעט. (Cap. III § 3). זיי האָבן ס'רעכט צו ווינען אומעטום, נאָר ביים אויסקלייבן אַ באַשעפטיקונג אָדער אַ ווינאָרט מוזן זיי האָבן די הסכמה פון דער מאַכט (§ 1).

נאָר אַזוי ווי די ביזאַהעריקע באַשעפטיקונגען קאָנען נישט געבן קיין פרנסה די גרויסע מאַסע מענטשן, איז זיי אויך דערלויבט צו באַשעפטיקן זיך מיט ערד-אַרבעט. זיי מעגן האָבן ערד אַלס אייגנטום, נאָר באַקומען ערד קאָנען זיי נאָר וויסטע, נישט קיין באַאַרבעטע; דערביי דאַרפן זיי באַקומען אַזויפיל ערד און אינווענטאַר, וויפל ס'איז נויטיק פאַר אַ פויערישער פאַמיליע צו דערנערן זיך. ווען אַן אונטערטעניקער וויל זיך באַזעצן אויף אייגענע קאָסטן, דאַרף ער באַקומען אַלע בענעפיציעס און פריי-יאָרן פון שטייערן, ווי עס באַקומען די קריסטלעכע קאָלאָניסטן[1] (§ 15). אויך קענען די נייע קאָלאָניסטן באַנוצן זיך מיט קריסטלעכע באַדינער, אָבער נאָר אין פאַרלויף פון די ערשטע 3 יאָרן; נאָך דעם טערמין מוזן זיי שוין האָבן יידישע ערד-אַרבעטער (§ 16). פאַרשטעענד-לעך, אַז נאָך די דריי יאָרן פאַלן אונטער די יידישע קאָלאָניסטן אונטער די זעלבע שטייערן, התחייבותן און דינסטפליכטן, ווי די קריסטלעכע ערד-אַרבעטער. בנוגע דעם גוטבאַזיצער אָבער בלייבן די אַלטע התחייבותן (§ 17).

דערווייל קענען זיי זיך פאַרנעמען אויך אויפן דאָרף מיט שענ-קעריי, ברויערייי און האַנדל מיט ערד-פּראָדוקטן (§ 18).

ווי מיר זעען אַלזאָ, באַקומען די יידן טעאָרעטיש די זעלבע רעכט און די זעלבע מעגלעכקייטן צו ערד-אַרבעט, ווי די קריסטלעכע קאָלאָניסטן.

* * *

1) מיין קורסיוו.

דערווייל לויפן יאָרן, די רעגירונג פּאָפּולאַריזירט נישט די אי־דעע וועגן ערד־אַרבעט צווישן די יידן, אַזוי ווי זי טוט עס בנוגע דייטשע קאָלאָניסטן, און די יידן בלייבן ווייטער ביי זייערע „אַלטע גוטע פּרנסות".

דאַן נעמען אַ וואָרט די דייטשע יידן. אַט ווענדט זיך צום מיניסטער פון ניי־מזרח־פּרייסן, שרעטער (Schrötter), אַ געוועזענער פּוילישער ייד, יעצט אַ לערער פון מלוכה־קאָללעדזש אין קעניגסבערג, גרודזשינסקי מיט אַ „פּלאַן ווי אַזוי איינצופירן ערד־אַרבעט צווישן יידן אין דרום־ און ניי־מזרח־פּרייסן".[1]

ער וווּנדערט זיך שטאַרק, וואָס דער רעגולאַמין האָט געהאַט אויף די פּוילישע יידן אַזאַ קליינע פּעולה, וואָס נאָך קיין שום ייד האָט זיך נישט געווענדט וועגן ערד, כאָטש די „העברעער" זענען דאָך אַמאָל געווען אַן אַקער־פאָלק. דאָס, וואָס זיי זענען יעצט אָפּגע־ווינט דערפון, זענען געוויס שולדיק די פּורעניות, אין וועלכע זיי האָבן געלעבט.

בכלל וויל ער זיך פאַרנעמען מיט די 3 פראַגן:

1) אויב די יידן האָבן געהאַט אין אַמאָליקן פּוילן די מעגלעכ־קייטן צו פאַרנעמען זיך מיט אַלע פּרנסה־צווייגן, פאַרוואָס האָבן זיי זיך נישט באַשעפטיקט מיט ערד־אַרבעט?

2) וועלכע סיבות שטערן זיי נאָך יעצט אויסצונוצן די טובות פון דער מלוכה אין הינזיכט פון אַקערבוי?

3) וועלכע זענען די בעסטע מיטלען צוגעוווינען די יידן צו דער דאָזיקער אינדוסטריע?

בנוגע דעם ערשטן פּונקט פירט דער מחבר אויס, אַז שולדיק איז געווען דער אַדל, וואָס האָט אָפּגעשטופּט די יידן פון ערדאַרבעט

---

[1] „Plan zur Einfuhrung des Ackerbaues unter den Juden in Sud- u. Neu-Ostp reussen" .ווי. ארכ N. O. P. 79/8.
אַלס מאָטטאָ ברענגט ער ציטראַנס אַ ציטאַט:
„Omnium rerum exquibus aliquid exquiritur, nihil est agricultura melius, nihil uberius, nihildulcius, nihil homine libero dignius".
דעם פּלאַן שיקט ער צו דעם 3 יולי 1800.

הן געזעצלעך, הן מיט געוואַלט; אויך די פאַרשקלאַפטע לאַגע פון די פויערים און דער חוב צו דינען אין מיליטער, וואָס צווינגט די יידן מחלל צו זיין שבת און יום-טוב — דאָס אַלץ האָט צוגעפירט דערצו, אַז דער ייד האָט אויסגעמיטן אַקערבוי, ווארפנדיק זיך אויף האַנדל, אינדוסטריע, שענקעריי און פאַכט.

בקיצור: מ'דאַרף זוכן די סיבות „א ו י ס ע ר ד י י י ד ן און נישט א י ן ז י י“.[1]

„אַד 2): וואָסערע סיבות האָבן גורם געווען, וואָס דער ייד נעמט זיך נאָך יעצט אויך נישט צום אַקערבוי? — רעכנט דער מחבר אויס אַ גאַנצע רייע — אויסער די שוין אויבן אָנגעוויזענע — ווי: שוואַכע קערפערלעכע אַנטוויקלונג צוליב דעם שוואַכן עסן, פרי חתונה האָבן, צופיל קינדלעך, צופרי לערנען זיך אין חדר א. א. וו.; ווייטער: דאָס נישט קענען האָדעווען די אַממייסטן נוצבאַרע בהמות (חזירים?), דאָס שטענדיקע אָפוואַרטן משיחן, וועלכער זאָל זיי באַפרייען פון דער אונטערדריקונג און אריינפירן זיי אין לאַנד פון זייערע אבות[2]; דאָס נישט קענען די דייטשע און „הויך-פוילישע“ שפראַך ווירקט, אַז זיי ווייסן נישט פון די פאַראָרדנונגען; דאָס נישט דערלויבן צו באַשעפטיקן זיך מיט באַארבעטער ערד, צונעמען נאָר וויסטע שטיקער, באַשווערט דעם אָנהויב פון דער אַרבעט א. א. וו. א. א. וו.

און 3) די בעסטע מיטלען?

נעמענדיק דאָס אויבנגעזאָגטע אין באַטראַכט, מוז מען מודה זיין, מיינט דער מחבר, אַז מ'דאַרף נישט אויסזוכן דאָס אויסמיידן פון אַקערבוי אין „מערקאַנטילישן גייסט“ פון די יידן, נאָר אין זייער מ י ט ל אָ ז י ק י י ט און א ו מ ו ו י ס נ ה י י ט. דעריבער איז דער בעסטער מיטל בנוגע די יידן, אַזוי ווי בנוגע די דייטשע קאָלאָניסטן, מער זיי אויפמונטערן און באַוווסטזיניק מאַכן.

די מיטלען? דערלויבן זיי צו באַאַרבעטן ערד אויך נישט ווייט פון זייער וווינאָרט, וועלן די שכנים זיי צווויינן; דערלויבן אויסלענ-

---

1) דעם מחברס קורסיוו.

„Bey dieser bevorstehenden Rückehr nach Pale- (2
stina scheint ihnen jener Erwerb von Unbeweglichen Grundstuck eine g e w a g t e S p e c u l a t i o n“.

דישע יידן זיך צו באַזעצן, כדי זיי זאָלן קענען באַאײַנפלוסן מיט זייערע מנהגים און שפּראַך אויף די פּוילישע יידן; די קאָלאָניסטן זאָלן אויך מעגן זיך באַנוצן מיט קריסטלעכע ערד־אַרבעטער בכלל, ווייל אין געגנטייל וועלן די ערד־אַרבעטער מוזן פייערן אַ 150 טעג אין יאָר.1) די יידן באַדאַרפן באמת צאָלן די געהעריקע שטייערן, אָבער מ'מוז זיי באַפרייען פון מיליטער־דינסט — און אַזוי אַרום וועלן זיי ווערן געטרייע בירגער, זיי וועלן זיך פילן צוגעבונדן צו זייער אייגנטום און פילן אַ דאַנקבאַרקייט צו דער מלוכה.

צו אַקערבוי דאַרף מען אויך צווינגען די שנאָרערס און אָרעמע מענטשן, און נישט דערלויבן זיי צו זאַמלען נדבות. אויך פון די 4 שיכטן ביי יידן: סוחרים, געלערנטע, בעל־מלאכות און אַרענדאַרן דאַרף מען די לעצטע צווינגען צו באָדן־ווירטשאַפט, ווייל זיי זענען דאָך אַביסל באַהאַוונט.

אויך באַדאַרף מען אויסנוצן די תלמידי־חכמים, וועלכע האָבן אַ גרויסע השפּעה אויף די יידן, אַז זיי זאָלן מיט זייערע דרשות — פאַרשטענדלעך פאַר אַ געוויסן לוין מצד דער רעגירונג — וועקן ביי די יידן חשק צו ערד־אַרבעט בפרט און צו פּראָדוקטיווער אַרבעט בכלל.

ס'וואָלט נאָך געווען געוואונטשן צו באַשטייערן די רייכערע שיכטן — און די רייכע יידן זענען דאָך בני־רחמנים און זיי וועלן זיך נישט אָפּזאָגן צו העלפן זייערע אָרעמע ברידער — כדי צו האָבן אַ פאָנד פאַר ערד־אַרבעטער.

דאָס אַלץ האָט אַ שייכות צו אויפמונטערונג.

בנוגע באַוואוסטזיניק מאַכן דאַרף מען אַרויסגעבן די אַלע געזעצן אין „יידיש־דייטשער שפּראַך אין אותיות", זיי אויפהענגען אין די בתי־מדרשים, שולן, ראַטהייזער א. א. וו. (בעסער אַרויסצוגעבן זיי אין אַ פאָרם פון אַ לוח); אויך די געלערנטע דאַרפן אַרויסלאָזן אַן אויפרוף, די מגידים דרשענען פאַרן עולם; איינאָרדנען יידישע „קאָלאָניאַל־אַגענטן", וועלכע זאָלן צונעמען בקשות און אָנקלאַגעס פון יידישע קאָלאָניסטן און קאָנען זיי דערקלערן די פאַרשידענע פאַראָרדנונגען. (פאַרשטענדלעך, אַז די אַגענטן, האַלטן אויס די יידן אַליין).

1) די יידישע און קריסטלעכע יום־טובים, ווייל די פרומע קאַטאָליקן וועלן נישט דערלויבן יידן צו ארבעטן אין קריסטלעכע יום־טובים.

און גרודזשינסקי איז זיכער, אַז דאָס וועט ברענגען גוטע רע-זולטאַטן, און דאָס לאַנד וועט באַקומען פרישע אַרבעטסהענט און געטרייע בירגער.

אָבער אויף דעם גאַנצן פּלאַן ענטפערט אים דער ניי-מזרח-פּרייסישער מיניסטער, שרעטער 1), אַז אייגנטלעך האָט ער גאָר-נישט קעגן די פאָרשלאַגן; געוויס וועלן די יידישע — אַזוי ווי די קריסטלעכע קאָלאָניסטן — באַקומען די זעלבע הנחות; אַ געוויסע פּרעמיע איז ער גרייט צו געבן די מגידים, וואָס וועלן פּרעדיקן וועגן באַזעצן זיך אויף ערד, אויך וועט ער באַשטימען אַ ספּעציעלע באַ-לוינונג פאַר די ערשטע יידישע ישובים; נאָר אַרויסגעבן די פאַר-אָרדנונגען אין אַ פאַרשטענדלעכער פאַר זיי שפּראַך — דאָס איז אַן ענין פאַר אַ פּריוואַטער אונטערנעמונג. ווייל ער, גרודזשינסקי, דאָס טאָן, מהיכא תיתי! דאָס זעלבע בנוגע קאָלאָניזאַציע-געגנטן.

מיט אַ פּאָר חדשים פריער איז טאַקע אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ „פּרעמיע-פּלאַן" 2), וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל איינצופירן אין די געגנטן פאַרשידענע קולטורעלע אינאָוואַציעס, ווי למשל זעצן גרינוואַרג, פלאַנצן אויבס-ביימער, האָדעווען בינען, ברענען ציגל א. א. וו., פאַר וועלכע ס'ווערט באַשטימט געוויסע פּרעמיעס. אַט דער פּלאַן זעט אויך פאָר פאַרשידענע פּריזן (צו 200 טאָלער) פאַר קריסטן פאַר אויסלערנען אַ יידן אַ מלאכה, ערדאַרבעט, אָדער פאַר יידן, וואָס וועלן זיך לערנען ביי אַ קריסט; אויך באַשטימט מען אַ גרויסן פּריז פאַר די ערשטע 4 יידישע פאַמיליעס אין יעדן דעפּאַרטאַמענט, וועלכע וועלן אויסטריקענען 4 מאַגדעבורגער וולוק און זיי באַאַרבעטן, פאַר-פלאַנצן מיט דער הילף פון יידישע ערדאַרבעטער. פאַר מגידים און רבנים, וועלכע וועלן צוהעלפן צו באַזעצן יידן אויף ערד, איז אויך באַשטימט אַ געוויסער לוין.

דער „פּרעמיע-פּלאַן" איז באַשטימט געוואָרן פאַר דער צייט פון יוני 1802 ביז יוני 1808".

וואָס גרודזשינסקי האָט געטון פאַר ניי-מזרח-פּרייסן, טוט עס

---

1) דער ענטפער פון 3 סעפּט. 1802 וו. ה. א. N. O. P. 79/8

2) וו. ה. א. דורך S. P. 67 I „Prämien-Plan fr die Provinz Neu-Ostpreussen von 1-ten Juni 1802 bis dahin 1808."

דער באַוווּסטער עסקן, דוד פרידלענדער, בנוגע דרום-פּרייסן. דעם 1 סעפּט. 1801 שיקט ער איבער אַ מעמאָריאַל צום מיניסטער פון דרום-פּרייסן, פאָסס (Voss)[1]. ער ווייזט אויף אָן די סיבות, פאַר-וואָס די יידן נעמען זיך נישט צו אַגרי-קולטור: אפשר ווייל זיי זע-נען צוגעוווינט צו לייכטע פרנסות, אַוודאי ווייל זיי ווילן נישט אַריינ-לייגן קיין געלט אין נישט זיכערע עסקים; מעגלעך דערפאַר, וואָס זיי פאַרשטייען נישט די דייטשע און נישט די פּוילישע שפּראַך, במילא איז זיי דער רעגולאַמין אומבאַקאַנט.

פאָסס דערמאָנט זיך וועגן גאַנצן ענין, שיקט איבער דעם תמצית פון דעם מעמאָריאַל צו די דרום-פּרייסישע קאַמערן מיט אַן אָנפראַגע, ווי האַלט עס אייגנטלעך מיט באַזעצן יידן אַלס קאָלאָניסטן.

דערויף ענטפערט די וואַרשעווער קאַמער[2], אַז קיין ייד קאָן זיך בכלל נישט נעמען צו לאַנדווירטשאַפט, ווייל — צוליב רעליגיעזע טעמים — קאָן ער זיך נישט באַנוצן מיט קריסטן אַלס קנעכט. אָט האָט אַ ייד געקויפט אַ גוט ביי לוויוויטש און נישט געקאָנט באַקומען קיין יידישע ערדאַרבעטער. כדי צו קאָנען באַנוצן זיך מיט קריסטלעכע אַרבעטער, האָט ער געמוזט אָננעמען דאָס קריסטנטום (?). בעסער וואָלט געווען, ווען מ'וואָלט געגעבן די יידן פולע רעכט, כדי צו הייבן זייער מוט און פאַרוואַנדלען זיי אין אמתע בירגער, ווייל אין אַזאַ צושטאַנד, אין וועלכער אַזאַ גרויסע מאַסע געפינען זיך יעצט, איז זי שעדלעכער פאַר דער מלוכה. ווייל אויסער שטייערן האָט די מלוכה קיין שום נוצן: נישט אין דער אינדוסטריע, נישט אין מיליטער.

גאָר אַן אַנדער מיינונג זאָגט אַרויס די פּויזנער קאַמער. פון איר באַריכט ווערן מיר געוואָר,[3] אַז ס'האָבן זיך באמת געווענדט צו איר אַסאַך יידן וועגן ערד, נאָר ס'איז אוממעגלעך — לויט איר מיי-נונג — אָפּצוגעבן יידן ערד אָן געלט. ווייל אין דער געגנט פעלט דאָך אויס באָדן פאַר די, „פון אויסלאַנד זיך עטאַבלירנדיקע קאָלאָ-ניסטן“, וועלכע ווערן מיט גרויסע שוועריקייטן אַריינגעבראַכט. און זי פרעגט טאַקע אָן, צי וואָלט נישט בעסער געווען — אבסטראהירנדיק

1) וו. ה. א. S. P. 67 I

2) באַריכט פון 13 פעבר. 1802, וואַרש. ה. א. ib.

3) באַריכט פון 25 מאַי 1802. וו. ה. א. ib.

איינגעבנצן פון דער אידעע צו באַזעצן יידן אויף ערד — אָפּצוּוואַרפן זייערע בקשות בנוגע איינצואָרדנען זיי אויף לאַנדווירטשאַפט פּ אָ ס ס איז דערוויי̇ל מיט איר נישט מסכּים.

* * *

און ווי האָט דאָס אויסגעזען אין דער פּראַקטיק?

אָט ווענדן זיך די יידן פון לובראַניעץ[1] צו פּ א ס ס ן[2] מיט אַ בינטל פראַגן. דער ניעשאַווער אינספּעקטאָריאַט האָט אייגנטלעך באַקאַנט געמאַכט, אַז „אַלטעסטאַמענטאַרישע קאָלאָניסטן וועלן באַקומען די זעלבע בענעפיציען, ווי די גלויביקע קריסטן”. פרעגן זיי טאַקע אָן: וויפל פריי־יאָרן פון שטייערן וועלן זיי באַקומען? אין וואָס באַשטייט אייגנטלעך די הילף, וואָס מ׳זאָגט זיי צו? וויפל וועט מען מוזן צאָלן שטייערן נאָכן אָפּלויף פון די פריי־יאָרן? צי וועלן זיי אויך באַקומען אונטערוועגנס־אונטערשטיצונג, אַזוי ווי ס׳באַקומען די פרעמדע קאָלאָניסטן? (זיי מוזן דאָך אַוועקוואַרפן זייער האַנדל און האָבן נישט דערוויי̇ל פון וואָנען צו לעבן. און אויך מוזן זיי דאָך דורך „טרייהייט, רעכטשאַפנהייט און אייפער געווינען זיין קעניגלעכן חסד”). און זיי בעטן טאַקע אויך צו פאַרלענגערן דאָס רעכט צו האַלטן קריסטלעכע אַרבעטער און באַפרייען די יידישע קאָלאָניסטן — פאַרשטענדלעך פאַר אַ געוויסן שטייער — פון „דער איינראַללונג אונטער דער סאָלדאַטעססע” (צו באַפרייען פון מיליטער־דינסט)[3].

פּ אָ ס ס איז מיט זיי אין פרינציפּ מסכּים: זיי וועלן באַקומען ווי די קריסטלעכע קאָלאָניסטן, באָדן, פריי־יאָרן, בוי־האָלץ, אַלץ איז אָבער אָפּהענגיק פון די לאָקאַלע באַדינגונגען.

1) לובראַניעץ ליגט נישט ווייט פון וולאָצלאַוועק.

2) וו. ה. א. P. S. 67 II בקשה פון 28 אַפּריל 1802.

3) יעדער פרעמדער קאָלאָניסט האָט באַקומען ביז א 180 מאָרגן באָדן (אָפּהענגיק פון זיין פאַרמעגן), א וווינהויז, אויפגעבויט דורך די מלוכה, מייל־געלט (2 גרויסע גראָשן פאַר קאָפּ און מייל), באַפרייט פון אַלע שטייערן אין פאַרלויף פון 3—6 יאָר, טויטן און לעבעדיקן אינווענטאַר און באַפרייט פון מיליטער־דינסט פאַר דעם קאָלאָניסט און זיינע מיטגעבראַכטע זין.

ז. „Kolonisten-Wesen“ וו. ה. א. 653/6.

אַנדערש ענטפערט פּאָסס אויף דער בקשה פון אַ 10 אינאָ-וורָאַצלאַווער יידן, וועלכע האָבן זיך אויך געווענדט וועגן באָדן, ווייל ס'איז זיי שווער אין זייער וווינאָרט זיך איינצואָרדנען. זיי זענען גרייט מיט זייער אַרבעטסזאַמקייט און פלייס צו זוכן פרנסה, מכל שכן, אַז זיי פאַרמאָגן אַביסל געלט: 2 — צו 1000, 2 — צו 800, 3 — צו 600 טאָלער א. א. וו. — און ווען ס'וועט נייטיק זיין, וועלן זיי האָבן נאָך מער געלט. — פּאָסס האַלט אָבער, אַז די צאָל יידן אין דרום-פּרייסן קען אויף קיין פאַל נישט פאַרגרעסערט ווערן — און וואַרפט די בקשה אָפּ[1].

די באַציונג פון דער מאַכט צו די יידן פון דרום-פּרייסן אי-לוסטרירט די מעשה מיט די וויטקאָווער[2] יידן. דעם 14 יולי 1802 שיקן זיי איבער אַ געמיינזאַמע בקשה דירעקט צום מלך.[3] זיי דערציילן באריכות, ווי 42 יידישע פאַמיליעס האָבן באַשלאָסן — צוליב דער באַקאַנטמאַכונג, אַז יידן קאָנען זיך באַזעצן אויף ערד אַזוי ווי קריסטן — אָוועקצוואַרפן זייערע ביזאהעריקע פרנסות און זיך נעמען צום אַקער. אמת, אַז די גרויסע און מיטעלע סוחרים איז אַ שאָד צו פאַרלאָזן זייערע באַשעפטיקונגען, אָבער זיי נישט.

אָבער אַזוי לייכט קומט די זאַך נישט אָן. ס'האָבן זיי געקאָסט בקשות און שליחים, און קיין ענטפער האָבן זיי נישט באַקומען. און ווען פּאָסס האָט זיי שוין — נאָך לאַנגע וואַרטענישן — מודיע גע-ווען, אַז די פּויזנער קאַמער וועט זיך מיט זיי פאַרנעמען, האָבן זיי ערשט ווייטער געמוזט וואַרטן.

ענדלעך באַקומען זיי אַ ידיעה פון דער קאַמער, אַז זיי זאָלן צושטעלן אַ פּלאַן פון אַן אַנטשפּרעכנדן פּאַר זיי באָדן. מ'שיקט אַרום מענטשן, וועלכע זוכן אויס באָדן, שטעלן צו פאַרשידענע פאָרשלאָגן און בעטן צווישן אַנדערע זאַכן צו געבן זיי באַאַרבעטן באָדן. און — זיי וואַרטן ווידער. אַ חידוש נעמט זיי אַרום: „פּאַרוואָס באַקומען די קריסטלעכע קאָלאָניסטן באַלד ערד — און זיי, נישט נאָר וואָס זיי

1) די בקשה פון 3 מאי 1802 וו. ה. א. S. P. 67 II
2) וויטקאָווע ליגט אין גניעזנער אינספּעקטאָראַט.
3) וו. ה. א. S. P. 66 II

מוזן פאַרנאַכלעסיקן זייערע עסקים, נאָר אויך באַצאָלן צו 1 טאָלער פאַר יעדן שטיקל פּאַפּיר, וואָס זיי האָבן באַקומען פון דער קאַמער?"

ענדלעך איז מען זיי מודיע, אַז אין 6 טעג אַרום וועט זייער ענין ווערן דערלעדיקט — און נאָך 4 וואָכן וואַרטן מאַכט זיי די קאַמער אויפמערקזאַם, אַז דאָס פאָדערן באַאַרבעטע ערד איז פון זייער זייט נישט יושרדיק. און בכלל וועלן זיי שוין גאָרנישט באַקומען צוליב דער גרויסער צאָל קאָלאָניסטן, וועלכע קומען פון דייטשן רייך. און — זיי איז שווער צו גלויבן, ווי איז מעגלעך, אַז „דער באַגליקנדיקער לאַנד-פאָטער זאָל אָפּשטויסן זיינע געטרייע לאַנד-קינדער צוליב די, וועלכע קומען ערשט פונם רייך".[1]

און ענדלעך גיט מען זיי צוּוויסן, אַז מ'האָט באַשטימט זיי אַרויסצוגעבן אַ שטיק נישט אויסגעהאַקטן וואַלד. „מיט גרויס שרעק האָבן מיר אויפגענומען דעם באַשלוס" — שרייען זיי אויס — און פון די 42 פאַמיליעס, וואָס האָבן זיך געהאַט אין אָנהויב געווענדט, איז איבערגעבליבן נאָר 12, וואָס ווילן אָבער אומבאַדינגט דערגרייכן זייער ציל, כדי נישט צו בלייבן פאַרשעמט הן פאַר די יידישע, הן פאַר די קריסטלעכע שכנים.[2]

1) „Es fiel uns schwer zu glauben, dass unser beglückender seiner Landes Kinder Wohlbeföfdern des Landes Vater seine getreuen Landes Kinder wegen der aus dem Reiche kommenden verstossen würden"

2) „Mit beschwerten niedergeschlagenem Gemüthe müssen wir also sagen, dass wir gegenwärtig nichts mehr, als 12 Familien sind, die wir trotz aller uns in den Weg gekomen Schwierigkeiten, der Sache doch nicht müde wurden, sondern immer standhaft auf die mit unerschöpflichen grossmuth seine Landes Kinder versorgenden u. beglückenden Preussl. Konigl. Majestät mit der reinsten u. einfällgsten zuversicht veriassen haben u. dass wir, wen wir nicht einer ohne Wasser dastehenden zum Mahlen fertigen Mühle gleichen sollen u. obendrin unsern abgefallenen Collegen sowohl als andern uns kennenden Juden u. Christen zum Spotte dienen sollen, uns genöthigt sahen, unsern getreuen Landes-Vater sich

און וואָס וויל מען זיי געבן? אַ שטיקל וואַלד פון אַ 30—60 מאָרגן, אַ פּאָר פריי־יאָרן און האָלץ צו בויען אַ הויז. וועגן די איבעריקע אונטערשטיצונגען — איז נישטאָ וואָס צו הערן.

דעריבער טראָגן זיי אַריין די בקשה, אַז מ'זאָל זיי באַהאַנדלען ווי קריסטלעכע קאָלאָניסטן: געבן זיי אויסער באָדן, אויך אינווענטאַר, זריעה א. א. וו. דען באמת — מיינען זיי — אויב מ'האָט נישט געוואָלט געבן די יידן קיין ערד, האָט מען דאָך געקאָנט באַלד פון פריער אָן מודיע זיין — צו וואָס האָט מען געמאַכט מענטשן צונאַר און אויסגעברענט אַזויפיל הוצאות?

די בקשה האָט טאַקע אויפגעמאַכט דעם מלך די אויגן. אין זיין קאַבינעטס־אָרדרע[1] וווּנדערט ער זיך, וואָס מ'האָט אָפּיציעל באַקאַנט געמאַכט וועגן גלייכע אונטערשטיצונגען פאַר יידן און קריסטן, „וואָס איז אים זייער אויפפאַלנד". גלייכצייטיק פרעגט ער אָן ביידע פּראָווינץ־מיניסטאָרן, וויפל און וויאַזוי האָבן זיך באַזעצט אויפן לאַנד יידן. וועלכע פאַרנעמען זיך מיט אַקערבוי; די ווישקאָווער יידן ענספערט ער, אַז ס'איז באמת געווען די אינטענץ צו באַזעצן יידן אויף ערד, ווי קריסטן, אָבער די יידן קענען דאָך נישט טראָגן אַלע התחייבותן, ווי די קריסטלעכע קאָלאָניסטן. און דעם 9 סעפּט. 1803 שיקט דער מלך דעם באַשייד: „די בקשה פון די ווישקאָווער יידן גאַנץ אָבשלעגלעך צו בעשיידן".

וואָס זאָגן אָבער די פאַרשידענע קאַמערן?

פונם באַריכט, וואָס שרעטער שיקט צו[2], ווערן מיר געוווירע, אַז אין ניי־מזרח־פּרייסן איז באמת קיין באָדן פאַר דער גרויסער

fälligst und Ihre Fusse mit Thränen benetzend zu bitten, dero so gütig u. scharf einsehende Fürsorge für Ihre Landes Kinder ausführlich zu machen u. uns dem Theile kommenden Colonisten gleich zu bêgnädigên".

1) קאַבינעטס־אָרדרע פון 25 נאָוו. 1802 S. P. 67 I

2) באַריכט פון 20 דעצ 1802 S. P. 67 I וו. ה. א.

מאַסע יידן גאָרנישטאָ, ווייל הן מלוכהשע, הן פּריוואַטע ערד איז שוין לאַנג פאַרנומען דורך די אַלטע אָרענדאַרן. ווידער צו באַאַרבעטן רויען באָדן, נישט אויסגעהאַקטן וואַלד, אָדער גאָר אויסצוטריקענען בלאָטעס — פאַר דעם האָבן זיי אַ שוואַכע פאַרשטענדעניש. מ׳דאַרף זיי צוגעבן חשק.

דערווייל זענען דאָ אין ביאַליסטאָקער דעפּ. 4 יידישע פאַמיליעס, וואָס פאַרנעמען גרויסע ערד-שטחים און 26 פאַמיליעס מיט קליינע ערד-ווירטשאַפטן. ס׳טרעפט אָבער, אַז אַ פאַרפאַכטעט גוט ווערט פריי און אַ ייד וויל עס איבערנעמען, כדי ווייטער עס צו באַאַרבעטן מיט יידישע הענט (ווי יעצט איז דאָ אַזאַ פאַל); אָבער לויט די פאָרשריפטן איז עס נישט דערלויבט, ווייל אַזעלכע גיטער פאַלן אונטער דעם קאַנטאָן-רעכט, פון וועלכן יידן זענען באַפרייט.

ער מיינט, אַז מ׳דאַרף די יידן יאָ דערלויבן צו פאַרנעמען אַזעלכע גיטער און דערנאָך זיי צוציען צו די קאַנטאָן-התחייבותן, ווי מ׳האָט געטון אין די אַלטע פּרייסישע פּראָווינצן מיט די מעננאָניטן1).

און כאָטש דער מלך איז מיט אים נישט מסכים, ווייל סיי-ווי קען מען „די גרויסע מאַסע (Haufen) פון דער נאַציע״ נישט צו פירן צו ערד-אַרבעט2), יעדאָך שיקט ער דעם 9 יוני אַ צווייטן באַריכט3); ער חזרט איבער די סיבות, פאַרוואָס פאַרנעמען זיך נישט די יידן מיט ערד-אַרבעט (פיזיש שוואַך אַנטוויקלט, מורא אַריינצולייגן געלט), דאָך האַלט ער, אַז די סיטואַציע וועט זיין אַן אַנדערע, ווען מ׳וועט אָנהייבן אַרויסצוטרייבן די יידן פון די קרעטשמעס. אַזוי למשל האָבן שוין אין 33 קרייז-אַמטן פון 706 יידישע קרעטשמעס, 341 מסכים געווען צו פאַרנעמען זיך מיט ערד-אַרבעט, און פון צווישן זיי געפונען זיך 69 פאַמיליעס מיט אַ פאַרמעגנס פון 500—3 טאַלער, 44 פאַמיליעס — איבער 500 טאַלער. און אויב אַזאַ פּראָפּאָרץ — מיינט שרעטער — וועט זיך אַרויסווייזן אין גאַנצן דעפּאַרטאַמענט, וועט מען קענען קאָלאָניזירן אַרום 500 יידישע פאַמיליעס. ערד איז דאָך דאָ

1) מעננאָניטן — אַזאַ קריסטלעכע סעקטע (אַנאַבאַפּטיסטן).

2) קאַב. אָרדער פון 5 יאַנ. 1803 ib.

3) באַריכט 66 II S. P.

געגנוג! ער איז אויך זיכער, אַז אַ גרויסער טייל פון די יידן וועט זיך קענען איינאָרדנען.

אַזוי זעט אויס די לאַגע אין ניי-מזרח-פּרייסן. אָבער אין דרום-פּרייסן שטעלט זיך די זאַך פּאַר אַביסל אַנדערש.

לויטן באַריכט פון קאַלישער דעפּאַרטאַמענט וווינען דאָ 6 פאַמיליעס, וואָס פאַרנעמען זיך מיט ערדאַרבעט, פון וועלכע אַ טייל דינט אַלס לייבקנעכט ביי פּריצים, די איבעריקע באַאַרבעטן די ערד גוט און וועלן זיך ביי דער אַרבעט אַוודאי „קאָנסערווירן"; אין פּיעטריקאָווער קרייז זענען דאָ 2 יידישע פאַמיליעס, פון וועלכע 1 האָט 37 מאגד. מאָרגן און טראָגט אַלע התחייבותן[1].

אויך די וואַרשעווער קאַמער איז נישט צופרידן, וואָס די יידן — לויט איר מיינונג — האָבן נישט אויסגענוצט דעם „רעגולאַמין" און האָבן זיך נישט באַזעצט אויף ערד.

דאָס זעלבע איז מודיע די פּויזנער קאַמער[2] און חזרט איבער וועגן רעזערווירן די ערד פאַר די קאָלאָניסטן, וואָס קומען פון דייטשלאַנד.

און אויפן סמך פון די אַלע באַריכטן גיט אַרויס דער מלך זיין באַשייד דעם 9-טן סעפּטעמבער 1803[3], אַז אַזוי ווי דער „רעגולאַמין" האָט קיין שום פּעולה נישט געהאַט און וויבאַלד קיין קאָלאָניסטן, וואָס וועלן קענען באַזעצן די ווינטסטערטער מיט טיכטיקע באַלעבאַטים, פעלן אויך נישט אויס, דעריבער איז ער מבטל די אַלע בענעפיציעס", וועלכע ס'האָט זיי צוגעזאָגט דער „רעגולאַמין".

און כאָטש שרעטער הערט נישט אויף צו דערמאָנען די ביאַלאַסט. קאַמער[4] איינצואָרדנען אַ ספּעציעלע קאָלאָניע פאַר די יידן,

1) באַריכטן ז. וו. ה. א. 66 II, 67 I s. p.

2) באמת האָבן זיך געוועגדט בלויז אין פּויזנער אינספּעקציע 172 יידישע פאַמיליעס וועגן ערד. ז. Wojtkowski פּויזן 1923, „Polityka rządu Pruskiego wobec Żydów.

3) קאַבינעטס-אָרדער S. P. 67 I

4) וו. ה. א. N. O. P. 44/3

וועלכע ווערן אַרויסגעטריבן פון די קרעטשמעס, נאָר באמת האָט זיך אויך דאָ דער גאַנצער ענין אויסגעלאָזט, ווי אין גאַליציע.

* *
*

בקיצור: 1) די רעגירונג האָט אייגנטלעך פון אָנהויב אָן די אידעע צו באַזעצן די יידן אויף ערד נישט אַזוי פּראָפּאַגירט, ווי זי האָט עס געטון בנוגע די קריסטלעכע קאָלאָניסטן, ווייל 2) די אָפּיציעלע באַקאַנטמאַכונגען זענען דאָך פאַר די יידן געווען בכלל פרעמד — און 3) לסוף האָט מען מיט דעם אָרדר. פון 9-טן סעפּטעמבער 1803 דעם גאַנצן ענין געגעבן אַ שטופּ צוריק — זיי וועלן שוין די זעלבע „בענעפיציען", ווי די קריסטלעכע איינוואַנדערער נישט באַקומען.

* *
*

לײדער קען איך זיך דאָ נישט גענוי אָפּשטעלן אויף די אַלע סיבות, וועלכע האָבן צוגעפירט צו אַזאַ „פּאָליטיק" מצד דער פּרייסישער רעגירונג בנוגע די יידן, דאָס ווייז איך אָן אין דער דיסערטאַציע. דאָ מוז איך נאָר אָנווייזן אויף איין זאַך.

די רעגירונג האָט אייגנטלעך געשטרעבט איבערצוּוואַרפן די יידן, דעם שטאָטיש-האַנדלשן עלעמענט פון דאָרף אין שטאָט אַריין, ווו ס'איז אייגנטלעך דער אמתער אָרט צום האַנדל און מלאכה. אויב די רעגירונג האָט עס אין די ערשטע יאָרן נישט דורכגעפירט, איז עס נאָר געשען צוליב דער גרויסער צאָל יידן אין דאָרף און נאָכמער אין שטאָט.

דאַמאָלס האָט זי געוואָלט זוכן אַ צווייטן אויסוועג: צו באַזעצן זיי אויף ערד-באָדן איז דאָך דאָ גענוג! און די יידן — האָט געהאָפט די רעגירונג — וועלן ווערן אַ שטיץ-פּונקט הן פאַר די גערמאַניזאַטאָרישע שטרעבונגען, הן אַלס פּאָליטישער פאַקטאָר. די יידן וועלן אוודאי

נישט צוהעלפן די פוילישע „מורדים. אָבער — ווי כ'ווייז עס אָן אין דער דיסערטאַציע — האָט זיך די שטרעבונג צו גערמאַניזירן נישט איינגעגעבן, און די רעגירונג באַקומט אַלס ערד-אַרבעטער אַ בעסערן עלעמענט: קאָלאָניסטן פון דייטשלאַנד, וועלכע וועלן אַוודאי שטענדיק צוהעלפן דער פרייסישער רעגירונג — און דער פּלאַן — צו באַזעצן יידן אויף ערד — איז שוין נישט מער געווען נויטווענדיק.

דעריבער, וואָס איז דער וונדער, אַז אין פאַרלויף פון אַ פּאָר יאָר האָט מען אין ניי-איינגענומענעם לאַנד באַזעצט טויזנטער דייטשע קאָלאָניסטן, אויף וועלכע מען האָט אויסגעגעבן מיליאָנען טאָלער1) — און ביי די יידן האָט מען צוגענומען זאָגאָר די מינימאַלסטע אונטערשטיצונג.

1) אַזוי למשל ביז אָקטאָבער 1804 האָט מען בלויז אין דרום-פּרייסן באַזעצט אויף 101 קאָלאָניעס 1877 ישובים מיט 8495 נפשות, וועלכע האָבן באַקומען 1838 וולוק (ז. וו. ה. א. Kolonisten Wesen 8|653). סמאָלענסקי אין זיין בראָשור, „Rządy Pruskie" גיט אָן, אַז די קאָלאָניזאַציע האָט געקאָסט 2.040.083 טאָלער אָבער לויט מיין מיינונג איז עס ווייט נישט קיין גענויע צאָל, ווייל, ווי ער גיט צו, האָט יעדע פאַמיליע געקאָסט אַן ערך פון 1000 טאָלער.

ד"ר פיליפ פרידמאַן

לאַנדווירטשאַפט, קאָלאָניזאַציע און גרונטבאַזיץ ביי די גאַליציאַנישע יידן

אַרום דער העלפט פון דעם 19-טן יאָרהונדערט[1]

איינס פון די אינטערעסאַנטסטע פּראָבלעמען פון אונזער געשיכטע אין גלות איז תמיד די שייכות פון יידן צום אַקערבוי און צו ערד-ווירטשאַפט. אין אַן ענגן שייכות דערמיט זענען פאַרבונדן די קאָלאָניזאַציע-פּרווון, סיי די דאָזיקע, וואָס שטאַמען פון דער יידישער געזעלשאַפט גופא און סיי די, וואָס קומען אַרויס פון אַנדערע אויסערלעכע פאַקטאָרן. אין דער געשיכטע פון גאַליציאַנישע יידן וואָלט מען געדאַרפט דערוואַרטן אַ רייכן מאַטעריאַל וועגן די דאָזיקע פאַרהעלטענישן, ווייל אַ גרויסער טייל דאָרטיקע יידן פלעגט פון תמיד אָן זיצן אין די דערפער,[2] אָבער אין דער אמתן איז עס נישט אַזוי. די געשיכטע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין גאַליציען און די געזעצן וועגן דעם יידישן ערד-אייגנטום-רעכט גיבן אַ געוויסע מעגלעכקייט זיך אויסצומאָלן אַ בילד פון דער באַציונג צו יידן מצד דער רעגירונג און מצד דער פּוילישער געזעלשאַפט. אין אַסאַך פּרטים באַקומען מיר אַ בילד וועגן

1) פראַגמענט פון א גרעסערער ארבעט א. ד. ט. „די גאַליציאַנישע יידן אין די יאָרן 1848—1868".

2) אין יאָר 1773 איז אויסגעפאַלן אין גאַליציע אויף 150.000 יידן ביז 37.000 דאָרפס-יידן. אינם יאָר 1869 אויף 575.00—143.000. אין ביידע פאַלן איז דאָס פאַרהעלטעניש ווי 3:1.

דער יידישער איניציאַטיוו, פון הינטער די קוליסן פון דעם מיניסטאָרן־ראַט, פון די טענדענצן פון פוילישן סיים און ס'ווערן אַנטפּלעקט פאַר אונז די אינערלעכע סיבות און טעמים פון דער דאַמאָלסדיקער פּאָליטיק איז אַ פּאָר אַנטשיידענע מאָמענטן.

I

גאַליציאַנישע יידן אַלס פּויער'ם

שוין אין דעם § 36, lit. d. פון דער גאַליציאַנישער, יאָזעפינישער יידן־פאַראָרדנונג פון דעם 7-טן מאַי 1789 יאָר און שפּעטער אין דעם הויף־דעקרעט פון דעם 8־טן מערץ יאָר 1805 ווערט יידן דערלויבט צו קויפן פּויערים־ווירטשאַפטן, אָבער נאָר בתנאי ווען זי ווילן „sich darauf häuslich nieder lassen und sie als jüdische Ackerleute beurbaren“.

דאָס דאָזיקע געזעץ איז נאָך אַמאָל באַטראַכט געוואָרן און באַשטעטיקט געוואָרן דורכן מיניסטעריום. די דאָזיקע פּריווילעגיע האָט מען אויך קיינמאָל נישט באַשווערט מיט אַ תנאי, אַז די ערד־ווירטשאַפט מוז זיין דער איינציקער מקור פון חיונה׳ דאָס הייסט, אַז חוץ דעם טאָר מען זיך מער מיט קיין שום זאַך נישט באַשעפטיקן. אַזוי האָט דאָס געזעץ באַזייטיקט אַלע שטערונגען פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע.

פונדעסטוועגן האָבן די יידן אין גאַנץ גאַליציע (חוץ קראָקע), ביז צום יאָר 1848 נישט איינגעקויפט מער, ווי 46 לאַנד־ווירטשאַפטן.

פון יאָר 1848 ביז אָקטאָבער 1853[1] האָבן די יידן אין גאַנץ גאַליציע (חוץ קראָקע) געשלאָסן 1389 האַנדלס־אָפּמאַכן וועגן אָפּקויפן קריסטלעכע גיטער פון וועלכע 1/3 איז באַשטאַנען פון פּויערים-ווירטשאַפטן. אין דער זעלבער צייט האָבן 1006 פּויערים אָפּגעשריבן זייער ווירטשאַפטן אויף יידישע נעמען; אויך אויף דעם שטח פון דער

1) דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז ס'איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די פאַראָרדענונג, וואָס לויט איר איז פאַרבאָטן געוואָרן די יידן צו באַזיצן נחלאות און רעאַליטעט.

קראָקעווער גובערניאַל-קאָמיסיע האָבן יידן געהאַט געקויפט אין די יאָרן 1848—1853 איינגאַנצן 754 רעאַליטעטן[1]. אָבער פון אָט די שטימע צאָלן קענען מיר גאָרנישט וויסן, ווייל אַ גרויסער טייל ערד איז געקויפט געוואָרן אויף באָדן-שפּעקולאַציע אָדער אויף אויפצושטעלן הייזער און פאַבריקן. סיי-ווי-סיי ווייזן אָט די אומבאַדייטנדיקע ציפערן, אַז די צאָל פון די אַזוי-גערופענע Rückenwirtschaften דאָס הייסט, קאָמפּלעטע פויערישע נחלאות, איז שטאַרק נישט געוואַקסן, און אפילו ביי די באַזיצער גופא איז די ערד-ווירטשאַפט געווען אַ נעבן-באַשעפטיקונג.

דער עיקר האָבן זיי זייערע פּרנסות, פּונקט ווי אַנדערע יידן אין לאַנד, פון פּראָפּינאַציעס, פאַכטן, מלוכהשן וועג-שטייער, שראַנקען א. אַ. וו. ווען מיר וועלן נאָך דערצו צוגעבן אַ צוויי דריי קי, דאָס ביסל מילכווירטשאַפט און דאָס שטיקל ערד, וואָס ער האָט געגעבן צו באַאַרבעטן אָדער פאַרדונגען צום פויער — וועלן מיר שוין האָבן פאַר אונזערע אויגן דאָס בילד פון דער גאַנצער יידישער לאַנדווירטשאַפט[2].

די דאָזיקע באַציונג פון די גאַליציאַנישע יידן צום אַקערבוי שטאַמט פון פאָלגנדיקע סיבות:

1) קודם כל די נידעריקע מדרגה פון דער אַגראַר-קולטור אין לאַנד בכלל[3].

2) דאָס וואָס די ערד-ווירטשאַפט האָט, אין פאַרגלייך מיט דעם אַריינגעלייגטן קאַפּיטאַל און אַרבעט, געגעבן צו קליינע רווחים.

3) די נעגאַטיווע באַציונג פון יידן און זייערע פאָראורטיילן קעגן לאַנדווירטשאַפט בכלל[4].

---

1) 1860—1393/81; M. d. I.

2) פארגלייך ש. רופין „Die Juden der Gegenwart, Berlin 1904, זייט 213

3) פארגלייך: W. Kalinka: „Galicja i Kraków pod panowaniem austrjackiem" (str. 58 f. f. W. Feldman: „Programy i stronnictwa polityczne w Galicji" t. I. str. 67.

4) מאַקס ראָזענפעלד אַנאַליזירט אין זיין בוך „Die polnische Judenfrage" (ז. 72) די דאָזיקע אָפּנייגונג פון יידן צו דער לאַנדווירטשאַפט און קומט צו פאָלגנדע אויספירן: דער ייד זיצט ליבער אין, שטאָט איידער אין דאָרף — קודם כל א) צוליב זיכערקייט: ער פילט זיך זיכערער צווישן יידן, איידער צווישן פויערים.

4) אַגב אויך די רעליגיע-הצטרכותן, וואָס האָבן ביי דעם דאָר־פישן יידן גורם געווען די פאַרגרעסערונג פון זיינע הוצאות און די פאַרקלענערונג פון זיינע הכנסות, און אים געמאַכט אוממעגלעך זיך צוצופּאַסן צו לעבנס-באַדינגונגען אין דאָרף, בעת דער גאַליציאַנישער פויער, וועלכער איז דאָרט דערצויגן געוואָרן, איז געווען צוגעוווינט צו אַלע באַדינגונגען[1].

אַ צילבאַוווסטע פּאָליטיק, וואָס האָט געדאַרפט באַוויגן יידן צו ערד-ווירטשאַפט, האָט זיך נישט געדאַרפט צופרידנשטעלן מיט באַזייטיקן געזעצלעכע באַגרענעצונגען, און זי האָט זיך אויך נישט געטאָרט פאַרלאָזן אויף די שוואַכע און צעשפּרייטע כּוחות פון די אַקערבוי־לוסטיקע יידישע יחידים. זי האָט געדאַרפט איבערנעמען די איניציאַטיוו אין אירע אייגענע הענט אריין. בקיצור: זי האָט זיך נישט געדאַרפט באַגנוגענען מיט האַלבע מיטלען, נאָר פּראַקטיש דורכפירן אַ גרויסן קאָלאָניזאַציע-פּלאַן. די דאָזיקע באַטראַכטונגען צווינגען אונז זיך צו באַקענען מיט די קאָלאָניזאַציע-פּרוון סיי מצד דער רעגירונג, סיי מצד דער יידישער געזעלשאַפט.

ב) צוליב רעליגיעזע טעמים: עס איז למשל באַקאַנט, וואָס פאַרא ווייטע וועגן עס מאַכט דער דאָרפס-ייד שבת און יום-טוב צום מנין. ג) כּדי צו געבן די קינדער אַ בעסערע יידישע בילדונג.

1) די אַרומצוימונג פון דעם יידישן לעבן מיט אַ געדיכטן פּלויט פון רעליגיעזע איסורים, האָט אים געברענגט באַדייטנדע ווירטשאַפטלעכע היזקות; פון איין זייט האָבן פאַרקלענערט די הכנסות: דער פאַרבאָט צו באַנוצן די פּירות אין די ערשטע דריי יאָר נאָך דער פאַרפלאַנצונג, דער פאַרבאָט איינצושפּאַנען אַן אָקס מיט אַ פערד צוזאַמען, די קאָלאָסאַלע צאָל פון יידישע ימים-טובים און אויך פון די רוימיש- און גריכיש-קאַטוילישע חגאות, אין וועלכע אויך דער ייד האָט נישט געטאָרט אַרבעטן. פון דער צווייטער זייט האָבן פאַרגרעסערט די הוצאות: דער פאַרבאָט פון מישן מילכיקס מיט פליישיקס, פון טרפה, פון חמץ אין פּסח, דאָס אויסהאַלטן פון אַ מלמד פאַר די קינדער, א. אַ. וו. זע: M. Stöger! „Darstellung der gesetzlichen Verfassung der gal!zischen Judenschaft. II 162.

II

די קאָלאָניזאַציע פון אייבן

די רעגירונג האָט גאַנץ גוט געוווּסט וועגן די מניעות, וואָס זענען געלעגן אויף דעם וועג צו דער קאָלאָניזאַציע[1], דערפאַר אָבער האָט זי תמיד אונטערגעשטראָכן, אַז nûr als Ackerbauer könne und werde er (der Jude) ein guter Mensch, ein nützlicher Staatsbürger werden[2].

דורך די אויבנדערמאָנטע געזעצן, און נאָך אַנדערע פאַרלייכטע-רונגען[3] האָט די רעגירונג געוואָלט צוציִען די יידן צו ערד-אַרבעט. די יאָזעפינישע פאַראָרדענונג האָט פאַרווערט אַלע יידן, חוץ די פויערן און בעלי-מלאכות, צו בלייבן אין די דערפער. מיט אָט דעם געזעץ

1) זע דעם באַריכט פון דער הויף-קאַנצעלאַריע פון 7-טן IV/ 1781 יאָר, ביי A. F. Pribram; Urkunden und Akten zur Geschichte der Juden in Wien. I 448.

2) Staatsratsgutachten J. 1819 (דאָרט II 303). עס איז כדאי צו דערמאָנען י. ראָרער'ס (Rohres) אַן אינטערעסאַנטן פאָרשלאַג אין זיין ווערק „Versuch über die jüdischen Bewohner der österreichischen Monarchie", וואָס איז דערשינען אין ווין אין יאָר 1804. דאָס ווערק האָט דעמאָלט געמאַכט אַ גרויסן רושם, ווייל דער מחבר לייגט פאָר צו שאַפן אַ נייע געטאָ אין בוקאָווינע, ווו יידן זאָלן זיך באַשעפטיקן מיט ערד-אַרבעט און לעבן לויט זייער רעליגיע ביז צו דער פולשטענדיקער „גייסטיקער און זיטלעכער גלייכבארעכטיקונג מיט די אַנדערע בירגער". פאַרעפנטלעכט אין Pribram: l. c. I S. CXXXI f. און אַרומגערעדט דורך K. Hugelmann: „Historisch politische Studien", S. 10–16.

3) די יידן, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט ערד-ווירטשאַפט, זענען געווען באַפרייט פון אַלע יידן-שטייערן (פאַטענט פון דעם 16-טן סעפטעמבער 1784, § 16). פרעמדע יידן האָט מען דערלויבט איינצוּוואַנדערן נאָר אויף דעם תנאי, אַז זיי וועלן זיך באַשעפטיקן מיט לאַנדווירטשאַפט (§ 26 פון דער יאָזעפינישער יידן-פאַראָרדנונג פון דעם 7-טן מאַי 1789 י.) א. אַ. וו. זע: שטעגער, דאָרט I, זייט 157—55. אַן ענלעכע פּאָליטיק האָט געפירט די רוסיש-פּוילישע רעגירונג אין דער ערשטער העלפט פונם 19-טן יאָרהונדערט. זע: E. Baskerville: The Polish Jew. p. 41—42

האָט די מלוכה געוואָלט צווינגען די שענקערס און די אַרענדאַרן אַוועקצוואַרפן זייערע ביז־איצטיקע פּרנסות. ביי דער געלעגנהייט האָט אויך די רעגירונג געוואָלט געבן אַ שטויס פאָרויס די יידישע קאָלאָניזאַציע און לעזן דעם שווערן פּראָבלעם פון דער יידישער „פּראָדוקטיוויטעט" אויף זייער אַ לייכטן אופן, דהיינו: מיט דער יידן־פּאַראָרדענונג פון דעם 7־טן מאַי, יאָר 1789 האָט זי באַפוילן די יידישע קהלות אין גאַליציע צו באַזעצן אויפן לאַנד 1410 יידישע משפחות אויף אייגענע קאָסטן. די רעגירונג האָט אויך נישט פעסטגעשטעלט וויפיל פאַמיליעס דאַרף קאָלאָניזירן יעדע קהלה באַזונדער און ווי גרויס דאַרף זיין דער שטח פון ערד־ווירטשאַפט פאַר יעדער משפחה[1].

די דאָזיקע קאָלאָניזאַציע־פּאָליטיק האָט אַפילו נישט „איבערגעלעבט" דעם קייזער יאָזעף דעם II. דער הויף־דעקרעט פון 1־טן סעפּטעמבער 1812 יאָר, האָט צעשטערט דעם יסוד פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע, ווייל ער האָט פאַרבאָטן די יידישע קאָלאָניסטן זיך צו קאָנצענטרירן און געפאָדערט זיי זאָלן זיך צעשפּרייטן[2]. צוליב די סיבות האָט די קאָלאָניזירונג „פון אויבן" געהאַט זייער אַ קליינע פּעולה. די צאָל פון 836 יידישע פויערן־פאַמיליעס פון יאָר 1826 האָט זיך שוין אין יאָר 1840 פאַרקלענערט אויף 724, און שפּעטער, אין יאָר 1840 אויף 440[3] און לויט קאָמפּעטענטע עדות פון יענע צייטן, איז די ערד־אַרבעט זייער זעלטן געווען דער איינציקער מקור פון פּרנסה[4].

דער סך־הכל פון דער יאָזעפינישער קאָלאָניזאַציע איז געבליבן בלויז דאָס, וואָס די רעשט פון די יידישע ערד־אַרבעטער־קאָלאָניעס האָט

---

1) Stöger: l, c. I 55—157, אין אָנהויב אינם יאָר 1787 האָט מען נאָך אַרויסגעגעבן אַ פּאָר זייער נוצלעכע פאַראָרדנונגען, כדי אַרויסצוהעלפן דעם מאַנגל פון באַטריבס־קאַפּיטאַל, און פון חשק צו ערד־אַרבעט ביי די יידן, אָבער דורך דער יאָזעפינישער פאַראָרדנונג פון יאָר 1789 זענען דווקא די דאָזיקע נוצלעכע געזעצן בטל געוואָרן.

2) דאָרט.

3) זע: J. A. Helfert: „Die Konfessionelle Frage in Oesterreich" in Oester. Jahrbuch Jgg. 1882 S. 127

4) שטעגער (Stöger) דאָרט.

נאָך עקזיסטירט ביז צום יאָר 1880 אין דער געגנט פון קוליקאָוו[1]. דעם באַנקראָט האָבן אַסאַך מענטשן פאָראויסגעזען פריער, און ער האָט נאָך באַקומען דעם אָפיציעלן שטעמפל, בעת דעם 19-טן מערץ אין יאָר 1824 האָט די גאַליציאַנישע גובערניע אַרייַנגעטראָגן אַ פאָרשלאָג, אין וועלכן זי האָט פאָרגעלייגט צו רעזיגנירן פון דעם נישט צוועקמעסיקן Ansiedlungsgeschäff[2]).

די קאָלאָניזאַציע-פּרווון פון דער יידישער געזעלשאַפט

די איניציאַטיוו פון אַ קאָלאָניזאַציע-פּלאַן אין אַ גרעסערן פאַרנעם און מיט גרעסערע פערספעקטיוון גייט אין יאָר 1848 אַרויס פון יידן גופא. דער ווינער ראַבינער לייזער האָראָוויטש האָט געזאָלט אַרויסלאָזן אַן אויפרוף צו „Die Juden des Kaisertum Osterreichs[3]), אַז אויב מען וויל די יידישע באַפרייונג זאָל זיין אַן עכטע און נישט קיין סוראָגאַט, דאַרף מען זיך נישט צופרידנשטעלן בלויז מיט גלייכע פאָליטישע רעכט, נאָר שטרעבן צו אַ פאַרבעסערונג פון דער סאָציאַלער לאַגע: דעריבער מוז מען געווינען דאָס יידנטום פאַר דער לאַנדווירטשאַפט. עטלעכע פּראָגרעסיווע גאַליציאַנישע רבנים האָבן בנוגע דעם ענין געהאַט אַן ענלעכן שטאַנדפּונקט. דעם 1851 VI 25 האָט דער זשולקעווער קרייז-ראַבינער הירש צבי חיות געשריבן אין דער „ווינער שטימען“ (נומער 35), אַז „בלויז ערד-אַרבעט איז צוגעפּאַסט פאַר גאַליציען, כדי צוצופירן די יידן צו אַ בירגערלעך לעבן“. אַן ערך אין דער אייגענער צייט האָט דער סאַמבאָרער קרייז-ראַבינער ש. דויטש פאָרגעלייגט דער רעגירונג אַ פּראָיעקט, אין וועלכן ער האָט זי אויפגעפאָדערט צו גרינדן יידישע פויערים-פאַריינען.

1) זייט A. Nossig: Materialien z. Statistik des jud. Stammes. S. 45—46.
2) העלפערט: דאָרט זייט 127.
3) דער אויפרוף מיט דער דאַטע 17 VII 1848, האָט זיך געפונען אין דער זאַמלונג פון דעם באַקאַנטן ליבעראַלן יידישן פּאָליטיקער ד״ר פישהאָף. זע: K. Charmatz: „Adolf Fischhof“ ז. 278.

דויטשס פּראָיעקט איז נישט אָנגענומען געוואָרן, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט אַן אַנדערע, נישט דורכשניטלעכע יידישע פּערזענלעכקייט גענומען די איניציאַטיוו אין אירע הענט. דער בראָדער באַנקיר און פּרעזידענט פון דעם דאָרטיקן האַנדלס-קאַמער, מאיר קאַליר, וועלכער איז געקומען קיין ווין אויף אַ צאָל-קאָנגרעס — האָט זיך באַמיט צו באַקומען פון אינערן-מיניסטעריום אַ דערלויבעניש צו גרינדן אַן ערד-ווירטשאַפטס-פאַריין פאַר די יידן אין גאַליציע; צו דעם צוועק האָט ער מנדב געווען 5.000 פלאָרין און צוגעזאָגט צו זאַמלען באַדייטנדיקע נדבות צווישן די יידן פון זיין סביבה[1]). דאָס אינערן-, דאָס לאַנדווירטשאַפט- און פינאַנץ-מיניסטעריום, אויך די גאַליצישע מלוכה-פאַרוואַלטער האָבן זיך צו דעם דאָזיקן פּלאַן באַצויגן מיט גרויס סימפּאַטיע און האָבן צוגעזאָגט צו שטיצן אים.

אין משך פון אָט דער צייט ווערט אין בראָדי געשאַפן צו דעם צוועק אַ יידישער קאָמיטעט[2]) און ד"ר אַדאָלף פישהאָף, וואָס האָט זיך מסתמא בעת זיין אַמט-רייזע איבער גאַליציע אין יאָר 1848) באַקענט מיט די קאָלאָניזאַציע-פּלענער, האָט אין זומער 1851 פאָרגעלייגט אַ מוסטער-סטאַטוט פאַר דעם Israelitischen Ackerbauverein in Galizien. דער קאָמיטעט האָט דעם סטאַטוט אָנגענומען[4]). אָבער ווען

1) קאַלירס אַקציע ווערט ג׳ו ספּירלעך ביי: N. M. Gelber: „Aus zwei Jahrhunderten". ז. 101—105.

2) קאַליר האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, אין וועלכן ער פאָדערט אויף אַלע יידישע קהלות אין גאַליציע, אַז זיי זאָלן גרינדן אייגענע קאָלאָניעס („גליציען קול תתן"), אָפּגעדרוקט ביי: M. Weissberg: Neuhebr. Aufklärungsliteratur (M. G. W. J. Jgg. 1913, ז. 742—741.

3) וועגן די אינטערעסאַנטע פּרטים פון פישהאָפס נסיעה קיין גאַליציע און וועגן דעם קבלת-פּנים פון פּוילן פאַר אים פאַרגלייך: Gazeta Narodowa № 117 & 1848 Fr. Sudka: „Dziennik w listach do żony", str. 33, 46, 57.

4) זע כאַרמאַטץ: דאָרט זייט 277—282. דאָס נישט גענויע קענען פון די גאַליציש-יידישע פאַרהעלטנישן האָט גורם געווען צו אַ קליינער אָבער כאַראַקטעריסטישער מיינונגס-דיפערענץ צווישן פישהאָף און דעם בראָדער קאָמיטעט. דהיינו: פישהאָף האָט אין § 4 פון זיין סטאַטוט באַשטימט, אַז יעדער, וועלכער וויל אַריינטרעטן אין דער קאָלאָניע „מוז... קענען לייענען און שרייבן". אויף דעם האָט אים דער בראָדער משכיל, לייב הערצבערג פרענקל געענטפערט אין בריוו פון 8-טן מאַי 1851 יאָר, אין וועלכן ער האָט

ס'האָט זיך סוף-כל-סוף נאָך חדשים-לאַנגע באַמיונגען איינגעגעבן צו באַקומען אַן ערלויבעניש פון אינערן-מיניסטעריום (1852), איז שוין פון די קאָלאָניזאַציע-פּלענער געוואָרן אַ באַרג אַש. די עיקר-סיבות זענען מסתמא געוועזן: דער מאַנגל אין געלט-מיטלען און דער ווידערשטאַנד פון די אָרטאָדאָקסן[1].

נאָך דעם דאָזיקן נישט איינגעגעבענעם פּרוּוו, חזרט זיך איבער די קאָלאָניזאַציע-אידעע עטלעכע מאָל צווישן יידן, אָבער קיין שום ממשותדיקע שריט ווערן אין דער ריכטונג נישט אָנגענומען.

אין די פּוילישע קרייזן האָט מען על פּי רוב גינציק געקוקט אויף דער יידישער קאָלאָניזאַציע. טייל האָבן געגלויבט, אַז דאָס וועט צופירן צו אַ יידישער אַסימילאַציע, אָבער קיין פּראַקטישע הילף האָט מען אין ערגעץ נישט געגעבן[2].

אים מיטגעטיילט, אַז זיין פּראָיעקט האָט ארויסגערופן אַן ענטוזיאסטישע איינשטימונג ביי די בראָדער איינוואוינער, נאָר דער § 4 האָט ארויסגערופן א ווידערשטאַנד, ווייל „גאַליציע איז נאָך געבענטשט מיט מענטשן, וועלכע קענען נישט נאָר נישט שרייבן נאָר אויך נישט לייענען". איך מיין דערביי — שרייבט הערצבערג פרענקל ווייטער — בלויז זייער מאַמע-לשון, יידיש. די באַשיידנקייט איז דאָ אין לאַנד אַזוי גרויס, אַז יעדער, וועלכער קען נאָר אַ ביסל יידיש שרייבן, שעמט זיך שוין מיט פיזישער אַרבעט".

1) די רעגירונגס-קרייזן האָבן שוין פריער פּאָראויסגעזען דעם ווידערשטאַנד פון די אָרטאָדאָקסן און האָבן דאָס אין אַכט גענומען. אַפילו דער סעקרעטאַר פון דעם אינערן-מיניסטעריום וואלפּ־רט, וואָס האָט ארויסגעוויזן א זייער גרויסע פּאַראינטערעסירונג, מיט קאָלירס פּלענער, האָט, כּדי צו פּאַרהיטן זיך פאַר דעם אומצוטרוי פון די אָרטאָדאָקסן, געעצהט מען זאָל אַלצדינג איינאָרדנען, אַזוי אז עס זאָל מאכן דעם איינדרוק, אַז די פּראָיעקטן גייען נישט אַרויס פון דער אַזוי-גערופענער „אינטעליגענץ", נאָר פון זיי גופא (געלבער: דאָרט זייט 108). לויט קאַלינקאַ (דאָרט זייט 120) האָבן אויך די יידישע פּאָרשטייער אין לעמבערג רעזיגנירט פון אַן ענלעכן פּלאַן, ווייל זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ גרויסן ווידערשטאַנד מצד דער אָרטאָדאָקסיע.

2) זע: Neue Judische Monatshefte Jgg. 1917—18. Sonderheft Galizien S. 217. 222.

אין דער זעלבער צייט אַנטוויקלען זיך זייער גוט די ישובים אין רוסלאַנד, וועלכע זענען וואָס אַף אמת געגרינדעט געוואָרן דורך דער מלוכה, אָבער די איניציאַטיוו האָבן געגעבן אויך די יידן. פאַרגלייך W. Kaplun-Kogan: Wanderbewegungen der Juden S. 82. נאָסיג: דאָרט זייט 82. רופּין דאָרט זייט 21. 213 פ.
M. Philippsohn: Neuste Geschichte d. j. Volkes I, 76.
S. Dubnow: Neuste Gesch. d. j. V. I 313 f. und passim
„Neuzeit" Nr. 18 u. 46 ex 1894

יידיש גרויס-גרונט-אייגנטום און פאַכט

אין דער צייט ווען די קאָלאָניזאַציע-באַוועגונג איז נישט אַרויס-געגאַנגען פון איר אָנגעהויבענעם ענגן קרייז, איז סיסטעמאַטיש געוואַקסן די צאָל פון יידישע גוט-באַזיצער, פאַכטער, גרויסע סוחרים און אינ-דוסטריעלער, וועלכע האָבן גערן אַרייגעלייגט זייערע קאַפּיטאַלן אין ערד-קנינים[1], נישט צוליב דעם גרויסן רווח, וואָס עס האָבן איינגע-בראַכט די נחלאות, פאַרקערט, דער ווירטשאַפטלעכער קריזיס אין יאָר 1848, וועלכער האָט דערפירט די גוט-באַזיצער צו זייער אַ געדריקטן מצב, האָט אויף אַ לאַנגע צייט אָפּגעשטויסן די יידן פון צו קויפן גיטער[2] — אָבער זיי האָבן געהאָפט, אַז דערמיט וועלן זיי זיך אַרויפ-קריגן אויף אַ העכערן שטאַפל פון געזעלשאַפטלעכן לייטער[3].

לויט פריוואטע סטאַטיסטישע רעכענונגען האָבן אין יאָר 1874 עקזיסטירט 324 יידישע גרויס-גוט-באַזיצער[4] אויף דער אַלגעמיינער צאָל צירקאָ 2000. באַזונדער רייך אין צאָל זענען געווען די אַזוי-גערופענע יידישע פּאָפּעסאָרן אָדער אַרענדאַרן[5]. על פּי רוב האָבן זיך

1) פארגלייך נאָסיג. דאָרט זייט 45—46 אין St. Szczepanowski: „Nędza Galicji w cyfrach" str. 72.

2) זע קאַלינקא דאָרט זייט f.f. 216 און 199—200.

3) פאַרגלייך דערצו די ריכטיקע באַמערקונגען פון פלאָריאַן זיעמיאַלקאָווסקי (F. Ziemiałkowskiego Pamiętniki 233 IV), „אין פוילן האָבן די גוט-באַזיצער געהאַט אַ גרויס אָנזען — — — נאָך היינט, כאָטש די לאַנדווירטשאַפטן געניסן נישט פון ספּעציעלע פּריווילעגיעס, זעען מיר נאָך ביי דעם פאָלק דאָס זעלבע שטרעבן: סיי דער סוחר, סיי דער האַנדווערקער, סיי דער אונטערנעמער, ווען ער זאַמלט זיך נאָר אָן אַ ביסל געלט, קויפט ער זיך באַלד אַ נחלה, וואָס ברענגט אים אַ קליינעם רווח, דערפאַר אָבער אַסאַך כבוד".

4) זע: M. Ritt. v. Treter „Studien uber die Juden-frage" (העפט 3, זייט 7). אינעם יאָר 1902 איז פאַראַן געווען — לויט בויאַקן (Fr. Bujak: Galicja I, 154), אויף דער צאָל פון 2430 גוט-באַזיצער 438 יידן, ד. ה. 18%.

5) אין יאָר 1902 האָבן יידן באַטראָפן (בויאַק. דאָרט) 50% פון די 16.000 הויף-פאַכטער און 30% פון די 4.000 ווירטשאַפטס-פאַרוואַלטער און דאָס על פּי רוב אין מזרח-גאַליציע. די פריערדיקע ציפערן זענען לײדער נישט באַקאַנט.

די יידישע גוט-באַזיצער און פאַכטער קאָנצענטרירט אין מזרח-גאַליציע[1], דאָרט האָבן יידן געהאַט אין פאַכט אָדער אַלס אייגנטום נחלאות פון אַזעלכע אומגעהויער-גרויסע שטחים, ווי סקאַלאַט מיט דער סביבה[2], שטשוראָוויצע[3] פון גראַף זאַמאַיסקי, אָדער דעם שטח זלאָטי פאַטאָק[4] א. א. וו.

א טייל פון די רעגירונגס-אָרגאַנען האָט געקוקט קרום אויף דעם כסדר וואַקסנדיקן יידישן אָנטייל אין לאַנד-אייגנטום און געפאָדערט באַגרענעצונגען פאַר זיי[5]. אויך די פוילישע פרעסע האָט נישט געקאָנט גלייכגילטיק צוזען ווי די יידן דרינגען אַריין אין דעם גרויס-גרונט-אייגנטום. די אָנזאַמלונג פון גרויסע ערד-שטחים אין פוילישע הענט האָט געגעבן דער שלאַכטע אַן איבערוואָג איבער די רוטענישע פויערן און איצט זענען זיי צוליב דעם, וואָס פיל נחלאות זענען געווען אין יידישע הענט, געווען אין דער סכנה צו פאַרלירן די דאָזיקע שטאַרקע פּאָזיציע, דעריבער האָט זיך די פוילישע פרעסע אָנגעהויבן אין יאָר 1860 זייער שטאַרק צו באַשעפטיקן מיט דער פלומרשטער געפאַר פון דעם אויסקויף פון אַלע גיטער דורך יידן[6].

אָט די פּראָפּאַגאַנדע קעגן די יידישע לאַנד-אייגנטימער האָט געהאַט אַ קנאַפּע השפעה אויף דעם ווירטשאַפטלעכן געביט, דערפאַר

1) אין יאָר 1902 זענען אין יידישע הענט פאַראַן געווען פון די אינטאַבולירטע גיטער אין די באַצירקן פון סאַמבאָר און ליסקאָ צו 26.5% — פון ריישע 24.7%, פון דאָלינע 24.4%, סקאַלאַט 24.3%, זבאַראַזש 22.6%, באָרשטשאָוו 21.3%, דראָהאָביטש 20.9%, פּילזנאָ 20.3%, סטרי 20.3%, א. אַ. וו. אין 7 באַצירקן (5 אין מערב, 2 אין מזרח) האָבן די יידן בכלל נישט פאַרמאָגט קיין אינטאַבולירט גרונט-אייגנטום (ניט די סטאַטיסטישע אַרבעטן פון ט. פּילאַט און י. בוזעק). זע: J. Thon: „die Juden in Oesterreich” in den Veröffentl, des Bureaus für Statistik der Juden, S. 128—133.

2) M. d. I. IV. T. 2. fol. 1—95. Galizien 17404/859 und IV. T. 2. 14323/1160 ex 62.

3) M. d. I. IV. T. 2. 4619/59.

4) M. d. I. IV. T. 2. 14928/1515 ex 1865.

5) M. d. I. IV. T. 2. 764/73 ex 64.

6) זע ווייטער.

אָבער האָט זי שטאַרק געווירקט אויף די באַציונגען צווישן יידן און פּאָלאַקן[1].

עס וואָלט זיך געוואָלט גלויבן, אַז דאָס יידישע לאַנד־אייגנטום איז געווען אַ גוטע געלעגנהייט צו אַנטוויקלען די יידישע ערד־ארבעט — דווקא איז עס אָבער נישט אַזוי געווען. וועגן דער יידישער ערד־אַרבעט האָט קיינער נישט געקלערט, הגם נאָכדעם, וואָס מ׳האָט אָפּגעשאַפט דעם לייב־אייגנטום (פּאַנשטשיזנע), איז געווען אַ גרויסער מאַנגל אויף אַרבעטסהענט אין די גאַליצישע לאַטיפונדיעס[2]. ערשט אין אַ צייט אַרום באַגעגענען מיר יידן אַלס ערד־אַרבעטער[3].

אויף אַזאַ אופן איז אויסגעוואַקסן פון איין זייט א שטאַנד פון פּאַכטער און גרויס־גרונט־אייגנטימער, און פון דער צווייטער זייט אַ שיכט פון יידישע אָרעמע פויערים, וואָס האַלט אָבער כּסדר אין פאַר־שווינדן. אָבער גלייכצייטיק האָט זיך געפונען אויפן לאַנד — ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט—אַ פּאַרמעגלעכער מיטלקלאַס פון די דאָרפס־יידן, וואָס האָבן זיך פּאַרנומען מיט אינדוסטריע און האַנדל (מילך, ברויערייען, טאַבאַק־האַנדל, פּראָפּינאַציעס), און היות ווי זיי זענען זיך ווירטשאַפטלעך וואָס אמאָל מער פונאנדערגעוואקסן, האָבן זיי כּסדר פּארשטארקט די רייען פון יידישע לאַנד־באַזיצער און פּאַכטער.

1) זע ווייטער און אויך Feldman: „Programy i stronnictwa” II, 281.

2) קאַלינקאַ, דאָרט ז. 91.

3) רופּין, דאָרט ז. 213

מאַטעריאַלן

בריוו פון אַ ווילנער תּלמיד פון יאָר 1822

אין דעצעמבער 1927 האָבן אַרבעטער, וואָס זענען געווען באַשעפֿטיקט אין ווילנע ביים איבערבויען דעם בנין אויף רודניצקער גאַס נומער זיבן, געפֿונען אַן אומגעוויינלעכע מציאה. פֿון אונטער אַ פּאָדלאָגע אין איינער פֿון די דירות האָבן זיי אַרויסגענומען אַ הילצערן קעסטעלע, אין וועלכן עס זיינען געווען אייניקע פֿאַרגעלטע באַשריבענע בלעטלעך. דער אַרכיטעקט ה׳ דניאל ראָזנהויז, וואָס האָט אָנגעפֿירט מיט דער בוי־אַרבעט, האָט דאָס געפֿינס אַוועקגעשענקט דער ווילנער יידישער היסטאָריש־עטנאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט אויפֿן נאָמען פֿון ש. אַנ־סקי.

סך־הכּל זענען געפֿונען געוואָרן דריי טאָפּלט־געקנייטשטע ניטליניר־טע בריוו־בויגעלעך. זייער פֿאָרמאַט איז 11,2×17,5 צ״מ. דאָס פּאַפּיר איז גראָבלעך און פֿעסט. דאָס בויגעלע, וואָס ווערט ווייטער באַצייכנט מיט I, איז געבליבן גאַנץ, דערקעגן די בויגעלעך II און III זענען אין אייניקע ערטער באַשעדיקט. באַשריבן זענען נאָר די צוויי אינעווייניקסטע זייטלעך פֿון יעדן בויגעלע אין פֿאָלגנדיקן סדר, וואָס איז אגב געווען דעמאָלט אָנגענומען ביים שרייבן בריוו, דהיינו: צוערשט די דריטע זייט (פֿון רעכטס) מיט קורצע שורות (געשריבן אין דער ברייט פֿון בויגעלע) און דאַן ערשט די צווייטע זייט מיט לאַנגע שורות (געשריבן אין דער לענג פֿון בויגעלע).

דאָס געפֿינס באַשטייט פֿון בריוו, וואָס אַ ווילנער תּלמיד זאב־וואָלף האָט אין יאָר תּקפ״ב (1822) געשריבן צו זיינע עלטערן: צבי־הירש און מאַריאַשע. יעדעס בריוול איז געווען צונויפֿגעלייגט אייניקע מאָל און איין עק אַריינגעשטעקט אין צווייטן, ווי מען פֿלעגט עס טאָן אַמאָל — און אויך נאָך היינט אין די קליינע שטעטלעך, — בשעת מען האָט געשיקט אַ בריוו דורך אַ געלעגנהייט, מיט דער „יידישער פּאָסט“. דער אַדרעס איז אָנגעשריבן אויף דער אויסנווייניקסטער זייט אין העברעיש. אַחוץ דעם פֿאַרשטענדלעכן פֿילאָלאָגישן ווערט פֿון די בריוו, וואָס געבן אונדז מוסטערן פֿון פּרימיטיווער יידישער שפּראַך, אָרטאָגראַפֿיע און בריוו־סטיל אין ליטע אין אָנהייב XIX י״ה, האָבן זיי אויך אַ קולטור־געשיכטלעכן

ווערט. די נאיווע בריוו עפענען א שפאלט, דורך וועלכן עס אנטפלעקט זיך פאר אונז אויף א אוממיטלבארן אופן א ווינקעלע אין לעבן, די לייד און פרייד פון א קליינעם יידישן תלמיד אין יענער צייט. באזונדערס אינטערעסאנט איז דאס, ווי דער תלמיד דערציילט, וואס מען לערנט מיט אים.

עס קומען ווייטער די בריוו אין א דורך אונז איינגעשטעלטן (כראנאלאגישן) סדר. היות דער יונגיטשקער שרייבער פון די בריוו איז נישט געווען אינגאנצן שוה בשוה מיט דער ארטאגראפיע, סיי העברעיִשער און סיי יידישער, טרעפט דעריבער, אז ער אליין האט שפעטער צוגעשריבן איבערן ווארט געוויסע אדורכגעלאזטע אותיות. דעם תלמידס דאזיקע אויסבעסערונגען גיבן מיר אין טעקסט מיט קיילעכדיקע קלאמערן, אונזערע אבער דערגאנצונגען און באמערקונגען אין טעקסט — מיט קוואדראטישע. נישט איבערגעלייענטע און באשעדיקטע ערטער ווערן באצייכנט מיט דריי פינטעלעך פאר יעדן ווארט. די אינטערפונקציע־צייכנס זענען אומעטום אונזערע. אין טעקסט זענען אויך כאראקטעריסטיש די גראמען סיי אין העברעישן און סיי אין יידישן טייל[1].

ווי מען קאן אורטיילן לויט די אנגעגעבענע לימודים, האט די בריוו געשריבן א ייִנגל פון א יאר 6—7. זיינע עלטערן האבן אים מן הסתם געשיקט פון דער פראווינץ קיין ווילנע, ווו עס האבן געוווינט זיינע עלטערע ברידער און שוועסטער. געלעבט האט ער ווארשיינלעך ביי זיינע ברידער, וועמען דער פאטער האט אפשר געדארפט באצאלן די זיבן רענדלעך, וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין די בריוו, פאר קעסט און לערן־הוצאות פאר א געוויסער צייט. אין די בריוו ווערט דערמאנט א רבי. דער קליינער וואלף האט, אלזא, אוודאי געלערנט אין א חדר. דאס דאזיקע חדר האט אבער געמוזט געהערן צו א „מאדערנערן" טיפ, ווארים מען האט דארט געלערנט אויך לימודי־חול, ווי לייענען און שרייבן יידיש און פויליש און אויך חשבון.

דער בריוו II האט בכלל נישט קיין דאטע, טיטולירונג און אונטערשריפט. אחוץ אויסערלעכע סימנים, ווי כאראקטער פון דער האנטשריפט און ארטאגראפיע, וואס באווייזן א קרובהשאפט פון די בריוו I און II, קען מען אויך דרינגען פון אינהאלט, אז בריוו II איז א מין הוספה צו

---

1) מיין בעסטן דאנק ה' ד"ר מ. ווײַנרײַכן פאר זיין פריינדלעכער הילף ביים איבערלייענען געוויסע שווערע ערטער פון די בריוו.

בריוו I. דער בריוו II קניפּט נעמלעך אָן צו דעם ענין כתבים, וועגן וועלכע עס רעדט זיך צום סוף פון בריוו I, און מאָטיווירט די בקשה פון יענעם בריוו. ווייטער געפינען מיר אין בריוו II די ווענדונג „צום פּערטין קום איך אייך" אאַז"וו. אין בריוו II אַליין זענען ביז צו יענעם אָרט קיין דריי ענינים נישט דערמאָנט געוואָרן. דערקעגן אָבער, אויב מען באַטראַכט די בריוו I און II אַלס צוזאַמען-געשריבענע, איז באַרעכטיקט די ווענדונג „צום פערטין", ווייל ביז אַהער זענען באַרירט געוואָרן דריי ענינים: דער גאַנג פון די לימודים, די בקשה וועגן פוילישע כתבים און די בקשה וועגן קעסטל.

דער בריוו III האָט נישט קיין יאָר-דאַטע. עס איז אָבער נישטאָ קיין שום ספק, אַז ער איז געשריבן געוואָרן שפּעטער פון די בריוו I און II אין זעלביקן יאָר. דערויף איז פאַראַן פאַרשיידענע ראיות. דער בריוו III טראָגט שוין דעם שטעמפּל פון אַ געוויסער רוטין סיי אין דער פאָרם און סיי אין אינהאַלט. די אָרטאָגראַפיע קודם כל איז אין בריוו III אַ מער-איינהייטלעכע. די העברעישע טיטולירונג אין בריוו I טראָגט אַ מער קאָנווענציאָנעלן און אויסגעלערנטן כאַראַקטער. אין בריוו III אָבער איז די טיטולירונג אַן אוממיטלבאַרע. חוץ דעם איז דער סטיל אין בריוו I און II אַ צעפלאָסענער מיט איבערחזרונגען. אין קורצן און זאַכלעכערן בריוו III איז דער סטיל שוין אַ מער זיכערער. עס מערקט זיך, אַז דער קליינער שרייבער באַהערשט שוין בעסער די טעמע. דער תלמיד האָט אין משך פון ווינטער תקפ"ב[1] געהאַט, ווייזט אויס, אַ פעולה אין לערנען.

ווי אַזוי די בריוו קומען קיין ווילנע איז שווער צו וויסן. מעגלעך, אַז די עלטערן האָבן זיך שפּעטער אַריבערגעצויגן קיין ווילנע, און אפשר איז דאָס קעסטל, אין וועלכן די בריוו זענען יעצט געפונען געוואָרן, דאָס זעלבע וועגן וועלכן דער קליינער תלמיד האָט אַזוי רירנדיק און מיט אַזאַ איבערצייגנדיקער אַרגומענטירונג געבעטן..

1 ביי דער דאַטע פון בריוו III האָב איך די אותיות פון דער פרשה „ויק... דערגאַנצט אַלס „ויקרא" און נישט אַלס „ויקהל", וואָס עס איז אויך מעגלעך טאַקע דערפאַר, וואָס לויט דעם פאַרשריפט האָט פון בריוו I-II ביז III געמוזט האָבן אָפּגעלאָפן אַ לענגערער המשך צייט.

I

[אדרעס:] ליד א'[דוני] אבי מורי, עט'[רת] ר[א]שי, ה"ה[1] הרבני כ"ת[2] [?] מו"ה צבי הירש נ"י. בחדר"ג ופגין וחל.[3]

[טעקסט פון בריוו:]

[זייט 3]

בעזר ה'[שם]. יום ה' פ'[רשת] חיי תקפ"ב לפ"ק, פה ק"ק ווילנא.
שלום להר" אבי מורי עט' ראשי ה"ה הרבני הנגיד המפ'[ואר] מו"ה צבי הירש נ"י ויזרח, כצאת השמש מן המזרח, עש"ז[4] ה"ה אהובתי, אמי מרתי חודי[!] הורתי, הצנועה והחסודה היקרה, נפש ישרה, מרת, שלא תבא עלי' צרות, רק ברכות מארייאשעה[!] שתחי' עד מאה ועשרים שנים, בגיל וברננים, של בירכת השנים, א"ס.[5]

ר[א]שית הידיע[!] היא הבריאה ... ... א"ס,
הנה בין איך אייך מודיעה[!] פון מיין גוטין לער נען, אז איך לערין, ב"ה גמרא בבא מציעא אלע וואך איין

[זייט 2]

בלאט. הנה בין איך אייך מודיעה פון מיין גוטין לערנען שרייבין, אז איך שרייב אידעש אושלייגין אויף דייץ און איך שרייב פולעשעה[!] ליזבעה[6] און פולעש אליין און איך קען לייענען גידרוקטעה אבישיל און איך קען גישריבענע אבישיל און דער רבי [וועט] עפשער[!] אוש לער'[נען] חעשבנען אלע חעש בונעש. מיין ליבער פאטער, איך בעט דיך, אז דוא זאלש[ט] פון מיינטוועגין בעטין בייא באראנאפשקע [בארנאָווסקי?] פולעשעה כתבים. מיין ליבער פאטער, דאש, וואש איך האב איין גישריבין אין בריף אזו ווארט, וואש מע דארף דאש אזו ניט שרייבין און איך הא'[ב] גישריבין' בעט איך דיר, אז זאלשט מו'[חל] זיין און גאט זאל ב'[ענשן?] מיט פא'[רנסה?] און מיט געלט, אז דו זאלשט... באצאלין[?] 7 רענדלאך

[אויף די אויסנווייניקסטע זייטן 4 און 1 איין שורה פון אויבן:]

פאר מיינעה ברידערלאך. כ"ד[7] בנ'[ם] זאב וואלף במו"ה צבי הירש נ"י.

---

1 הלא הוא.
2 כבוד תפארתו.
3 די באַקאַנטע פאָרמל ביי פאַרצייטישע אַדרעסן, ראשי־תבות פון: בחרם דרבינו גרשם, ופורץ גדר ישכנו נחש און וחרם לזרים.
4 עם שאר זוגתו.
5 אמן סלה.
6 עס פלעגט ווערן אויסגערעדט „ל י ד ז ב ע". דאָס וואָרט שטאַמט פון פּוילישן liczba (צאָל), געמיינט צאָלן, אויפגעשריבן מיט „פּוילישע" (אַראַבישע) ציפערן.
7 כה דברי.

II

[טעקסט פון בריוו[1]]

[זייט 3:]

וואָרע[ם] אז איך וועל אלץ האבן כתבים פּוילעשעה און אידעשעה, ווארעם איך וועל אושלערנען איינטערעש שרייבן[2] וועט טאקע גוד[!] זיין, אז איך וועל אוש לערנען אלץ. מיין לי'[בער] פאטער, איך בעט דיך זייער און זייער, אז דוא זא'[לסט] מיר [שיקן] א קעשטיל פאר מיר, ווארע[ם] איך בדא(ר)ף זייער און זייער האבן, ווארעם אז דוא וועשט געבן, וועשטע אגראליקעה[3] טוּועה [טובה?] טאן, ווארעם איך ב'[דארף][4] זייער האבן, ווארעם אז איך וועל האבן אגעשטיל[! אקעסטיל] וועטאקעה [! וועט טאַקע] זיין גוט, ווארעם (אז) איך וועל [האבן] די קעשטיל, וועל איך האבן מיין[ע] כתבים שאיי ווי שאיי אידעשעה שאיי וישאיי די פולע'[שע] וועל [איך] אלץ אראיינלייגן אין קעשטיל און דיא פאפיר, וואש איך [וועל] האבן, וועל איך אלץ... [אריינ] לייגין אין קעשטיל, אבער אז איך

[זייט 2:]

וועל ניט האָבן, וועט ניט גוט זיין, אזו וועל איך אנווערין מיינע כתבים מיין נעה [! מיינע] פאפיר און די פענעש אלץ, וואס איך [וועל] האבן. און צום פערטין קום איך אייך צוא מאחין[!] ווישין פון מיינע ברידער און... [שוועס]טער, פון זייער גיזונט, אז [זיי] זיינען ב"ה גיזונט הש' זאל זיי בע[נ]ש'ן בכל און זיי זאל[ן] האבן געלט און פיל גוץ. און אויך זאל גאט ב'[ענשן?], אז איר זאל[ט] [האבן] אליב [לעבן] אויף דער וועלט און פיל גוץ און געלט, אז איר זאלט געבן פאר מיינעה ברידער זיבן רענדלאך כדי.[5]

[אויב] איך האב גרעט [גערעדט] אוף אייך אזונעה רייד, וואש מע דארף ניט ריידין אזונעה, פון דעשנטוועגין דארפ[ט] איר מו'[חל] זיין, פון דע[שנטוועגן] דארפ[ט] איר מיר מו'[חל] זיין.

---

1 דער אדרעס איז דאָ אָפּגעריבן. די איינצעלע ווערטער, וואָס מען קען איבערלייענען, זיינען די זעלביקע, וואָס ביי בריוו I.

2 „איינטערעש שרייבן" — אפשר „אונטערשרייבן" אין פויליש אָדער שרייבן אין געשעפטלעכע ענינים (interes אויף פויליש באַטייט אויך געשעפט). ח' ווייַנרייך טייטשט ווי: אויסגעצייכנט שרייבן.

3 =זעסט דו א גרייַלעכע.

4 פאַלן, אַז אָנשטאָט א גאַנץ וואָרט זאָל זיין אָנגעגעבן נאָר דער אָנהויב, טרעפן זיך אין די בריוו געגוג אָפט בפרט צום סוף שורה. מיט אריבערטראָגן א טייל וואָרט אין א צווייטער שורה באַנוצט זיך ניט דער שרייבער.

5 דער געדאַנק רייסט זיך דאָ איבער.

III

[טעקסט פון בריוו]

[זייט 3:]

... ... אור ליום ב׳ פ׳ ויק[רא]

פֿיל פרייד... און גינעזונג[?] ציא מיין ליבן פֿאטער, וואש מען רופט אים צבי הירש, זאל לאנג לעבן און צוא זיין פרוי דאש איז מיין גיטראייע[!] מוטער, וואש מען רופט איר מא[ר]ייאשע, זאל לאנג לעבן צוא אימער און אייביג, א״ס.

הנה איך בין אייך מודיע פון מיין גוטין גיזונט, אז איך בין לוב גאט גיזונט און גאט זאל געבן, אז מיר זאלין זיך זעהען גיזונטערהייט מיט גרוש פרייד א״ס.

[זייט 2:]

הנה איך בין אייך מודיע פון מיין גוטן לער נען, אז איך לערין ב״ה איין בלאט גמרא מיט גרוש לוש[ט] און פאר שדאנד[!] און מיין רבי גיוונט מיך צוא שרייבן און אושלייגן אויף דייץ און מיין רבי גיוונט מיך צוא שרייבן פולעשעה ליזבעה און חעש בנען און גיוונט מיך צוא שרייבן פולעש. און איך בין אייך מודיע פון מיינע ברידער און שוועסטער און גאט זאל געבן א[ון?] זיי געבן, אז מיר זאל[ן] זיך זעהען גיזונטער הייט מיט גרוש פרייד, א״ס.

כ״ד בנ[ם] זאב וואלף במו״ה צבי הירש נ״י.

מאג. פ. קאַן (ווילנע)

niąc sie od wiary kościoła rzymskiego, nie szysmatyk, nie heretyk, nie rusin, nie zyd ani tez zadney inney religiey.

וועגן פאַרקויפן שלאָסער און זייגערמאַכער אויסאַרבעטונגען דורך יידן, טאַטערן און ליטווינער אין לובלין.

Chcemy tez aby sie zadne trudności nie działy miedzy tym rzemiesłem, mianowicie od Zydow, Tatarow, Litwy y innych kupcow tak od naszych iako y postronnych, aby tez zadney roboty nie przywozono na przedaz oprócz niemieckiey, którey tu w Polszcze nie robią. Takze tez y rzemieślnicy tego rzemiesła iezeli na Jarmark przyiadą nie maią wprzód wykładac swoich robót, dokąd inne rzeczy do przedania nie będą wyłożone, oprócz iezeli tylko tę materią która naszemu rzemiesłu nalezy wolno tez bedzie na Jarmarki główne uprzywilejowane przyiechać.

(Odpisy dokumentów i przywilejów cechu ślusarskiego, ruśnikarskiego i zegarmistrzowskiego w Lublinie. Rękopis Nr. 1398. Bibl. im. H. Łopacińskiego w Lublinie).

געזאַמלט דורך בעלאַ מאַנדלסבערג.

וועגן קויפן דורך יידישע קירזשנער פוטערוואַרג, וועלכעס די מאָהילעווער סוחרים ברענגען קיין לובלין.

Iudaei qui solent tales merces Pellicas aduectas per mercatores Mohilevienses ad Nundinas, aut per quosuis alios in Monopolium coêmere et eas nimis magno precio cum suo summo lucro et hominum frustratione, nobilibus et aliis indigentibus divendere. In posterum tales merces tam extra Civitatem obviam eundo, quam in Civitate degentes, emere non audeant sub amissione talium mercium, toties quoties deprehensi fuerint.

וועגן פאַרקויפן פוטערנע דאַמען-היטן דורך יידישע קרעמער און קרעמערינס פון לובלין.

Nemo institor et nulla institria seu Iudaeus mitras mulieribus, et pileos, ex varij generis materia consutos, Pellibusque quibusuis subductos vendere, nec in suis institis habere neque per plateas Civiles et suburbanas portare, ullo tempore (quod est cum summo detrimento Fratrum Contubernalium Pellificum) praesumat, sub amissione talium mitrarum et Pileorum praeter Nundinas, qui cum auxilio Dominorum Consulum recipi debebunt, imaque medietas ad Dominos Consules, altera ad Contubernium Pellionum pertinebit.

(Oepisy dokumentów cechu krawieckiego kuśnierskiego, miechowniczego i rękawicznego w Lublinie. Rękopis Nr. 1393. Bibl. im. H. Łopacińskiego w Lublinie).

№ 3 דאָקומענט

Lublin 29/I 1618.

וועגן גלויבנס-פּרינציפּ אין די לובלינער שטאָט-צעכן.

Stanowiemy, aby też ten Rzemieślnik nowo postanowiony w wierze Rzymskiey dobrey zostawał, nie roz-

(Odpisy dokumentów cechu krawieckiego, kuśnierskiego, miechowniczego i rękawicznego w Lublinie. Rękopis Nr. 1393. Bibl. im. H. Łopacińskiego w Lublinie).

№ 2 דאָקומענט

Lublin 8/5 1633.

וועגן פאַרקויפן און אויסאַרבעטן פוטערוואַרג דורך יידישע און קריסטלעכע קירזשנער פון דער פאָרשטאָט.

